STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10227

# DI TRAGEDYE FUN ESTRAYKHISHEN YUDENTUM

Abo Reichman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַבאָ רייכמאַן

# די טראַגעדיע פון עסטרייכישען יודענטום

ניו־יאָרק
1941

*Copyright,* 1941

# The Tragedy of Austrian Jewry

By **Abo Reichman**

New York, N. Y.

*This book once owned by a South African reader, has been preserved by the*

*Cape Town Yiddish Cultural Federation*

*and returned to circulation by the*

*National Yiddish Book Centre*

*of South Hadley, Mass. U.S.A.*

*May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.*

Printed in U. S. A.

120

ABO REICHMAN

# THE TRAGEDY
# OF
# AUSTRIAN JEWRY

New York
1941

# אינהאַלט:


| קאַפּיטעל: | זייט |
|---|---|
| איינלייטונג | 5 |
| פאָרוואָרט | 11 |
| דאָס פאָרשפּיעל צו דער טראַגעדיע | 15 |
| שושניג ווענדעט זיך צו די יודען | 20 |
| פרייטאָג, דעם 11־טען מערץ, 1938, אין וויען | 24 |
| עס הויבט זיך אָן . . . | 29 |
| די ערשטע מאַסענהאַפטע אַרעסטען | 34 |
| פּלינדערונגען | 36 |
| די „אַרישע" דינסטען און זייערע „חתנים" | 45 |
| אַלפאָנסען, גאַסען־פרויען און דינסטען | 48 |
| „לעגאַלע" און „אומלעגאַלע" רויבער | 51 |
| די „מאָדערנע" אינקוויזיציע | 57 |
| „דער טאָג פון נקמה וועט קומען" | 69 |
| וויען, פּסח, 1938 | 73 |
| די „דריי טעג" | 81 |
| גירוש בורגענלאַנד | 92 |
| „שוץ־האַפט" | 96 |
| „אַריזירונג" | 102 |
| עמיגראַציע | 105 |
| „זיינד זי יודע?" | 115 |
| „משה — די פעסט פון וויען!" . . . | 127 |
| מען טרייבט יודען פון די וואוינונגען | 130 |
| די מסכתא „מלקות" און די סוגיא פון „כיצד מגלחין" | 133 |
| די דעפּאָרטאַציע פון פּוילישע יודען | 138 |
| 10־טער נאָוועמבער! | 143 |
| יאַנואַר 1939 — יאַנואַר 1941 | 162 |
| יזכור . . . | 170 |
| „האָט רחמנות! שיסט נישט!" . . . | 174 |
| אין פערלויף פון דריי יאָהר | 181 |
| שלום־וואָרט | 189 |

# איינלייטונג

די היטלער־געפאהר פאר דייטשלאנד האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם ערשטען „פוטש" אין דעם מינכענער „ביר־קעלער". דער דאזיגער „פוטש" איז טאקע געווען א דורכפאל, אבער ער איז נישט גענוג שטארק אונטערדריקט געווארען. די דייטשע דעמאקראטיע פון יענער צייט איז נישט געווען גענוג ענערגיש און איז אויך נישט געווען ווייט־זיכטיג צו בעגרייפען, אז אויב דער היטלעריזם ווערט נישט אויס־געריסען מיט די ווארצלען, וועט ער צוריק אנהויבען ארויסוואקסען פון אונטער דער ערד און זיך אויסשפרייטען ווי יענע פאראזיטישע גראזען וואס דערנעהרען זיך אויף'ן חשבון פון אנדערע פלאנצען.

פאר דער וועלט איז דער היטלעריזם געווארען א געפאהר פון דעם טאג וואס דייטשלאנד האט זיך אנגעהויבען בעוואפענען, בעזונ־דערס פון דעם טאג, וואס די נאצי־ארמעע האט אנגעהויבען פער־נעהמען די געביטען וואס זענען געווען אונטער דער קאנטראל פון די אליאירטע, ווי די רוהר־געגענד און דאס רהיינלאנד.

וואלטען די אליאירטע דעמאלט גענומען די מאסרעגלען וואס זיי האבען געקענט און וואס איז געווען אין זייער רעכט צו נעהמען — אבצושטעלען דעם היטלעריזם — דאן וואלטען מיר יעצט נישט געהאט קיין וועלט־קריעג און היטלער וואלט נישט געווען אזא געפאהר פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט.

אבער אויב די „וועלט" האט נישט דערוואכט צו דער היטלער־געפאהר גלייך פון אנפאנג, איז דאס ארייננמארשירען פון די נאצי־הארדעס אין עסטרייך שוין זיכער געווען דער סיגנאל פון דעם קומענדען וועלט־קריעג, פון דער קומענדער היטלערישער עקספאנסיע, וואס שטעלט זיך נישט אב ביי קיין גרעניץ, צילענדיג צו בעזיצען די קאנטראל איבער דער גאנצער וועלט.

אויב די אליאירטע האבען געהאט אויסריידען פאר פערקוקען דאס וואס היטלער האט געטהון אין די גרעניצען פון דייטשלאנד גופא, האבען זיי אבער יעדענפאלס נישט געטארט פערקוקען ווען ער איז אריבערגעטרעטען די גרעניצען פון זיין לאנד און פערכאפט א לאנד (עסטרייך), וועמענס זעלבסטשטענדיגקייט עס איז גאראנטירט געווארען אונטער דעם ווערסאיל־אבמאך.

נאכדעם ווי היטלער'ן איז ארונטער גלאטיג די פערגוואלדיגונג פון עסטרייך, האט ער שוין שפעטער געקענט אנפאנגען מיט א גאנץ לייכטען הערצען זיינע טייוולאנישע שטיק געגענאיבער אנדערע לענדער, פערשפרייטענדיג א נעץ פון אינטריגעס ארום טשעכאסלאוואקיי, פוילען און דאן ארום גאנץ אייראפא.

אויף דעם זעלבען אופן קען מען אויך זאגען, אז די ווירקליכע טראגעדיע פון אייראפעאישען יודענטום פאנגט זיך אן מיט עסטרייך. דארט האט דער היטלעריזם אנגעפאנגען צו ציינען זיין אמת'ע ברו־טאליטעט צו די יודען וואס זענען געווען אויסער די גרעניצען פון נאצי־דייטשלאנד.

פאקטיש איז די נאצי־ברוטאליטעט געגען די עסטרייכישע יודען געווען פיעל גרעסער, פיעל שרעקליכער, ווי צו די יודען אין דייטש־לאנד גופא. די עסטרייכישע יודען זענען געווען פערעכענט ווי שונאים, ווי די וואס האבען די גאנצע צייט סימפאטיזירט און געהאל־פען — ווי דאס איז געווען זייער פליכט צו טהון — די רעגירונגען אין עסטרייך, וועלכע זענען געווען אנטי־נאציש.

אין דייטשלאנד גופא האט זיך דער נאצישער ווילקיר געגען די יודען, ווי געגען גאנצען לאנד, ענטוויקעלט לאנגזאם, ביסלעכווייז. דען די נאצים האבען נאך אליין נישט געוואוסט ווי גרויס עס איז זייער מאכט, ווי ווייט זיי וועלען קענען געהען און ווי ווייט די דעמאקרא־טישע קרעפטען וועלען זיך לאזען בעהערשען. ערשט ווען זיי זענען שוין געווען אין פולער מאכט און ווען די אפאזיציע איז שוין געווען פולשטענדיג בעזיעגט, האבען זיי צעפיהרט די הענד געגען די יודען, ציינענדיג געגען זיי זייער גאנצער שרעקליכקייט.

אין עסטרייך זענען די נאצים ארונטערגעקומען ווי עראבערער. דערפאר האבען זיי זיך דארט ארונטערגעלאזט ווי רויב־פייגעל. זיי האבען באלד פון אנפאנג אנגעפאנגען צו מארדען און פערצוקען.

זיי האָבען גלייך פון ערשטען טאָג, וואָס זיי זענען בעטרעטען דעם עסטרייכישען באָדען, אָנגעהויבען אויסצוגיסען זייער צאָרן אויף יודען, צייגענדיג געגען זיי די שווידערליכסטע אכזריות.

גראָד איז דאָס עסטרייכישע יודענטום געווען זעהר גוט איינ־געפונדעוועט. עסטרייך, בעזונדערס וויען, האָט פערמאָגט איינע פון די גרעסטע און בעפעסטיגסטע יודישע קהלות. די נאַצים האָבען אָבער באַלד בעשלאָסען אָט דער יודישער קהלה אינגאַנצען צו פערניכטען. טריי צו זייער מעטאָדע, וואָס איז שוין יעצט אַזוי טרויעריג בעקאַנט, האָבען זיי קענטיג דורך זייער גרויזאַמקייט צו די יודען אין וויען, ווי אין עסטרייך אין אַלגעמיין, געוואָלט צייגען אַ ביישפּיעל פאַר דער גאַנצער וועלט.

האָבען מיר דערפאַר אין עסטרייך אַזוי צו זאָגען אַ „קלאַסישען" ביישפּיעל פון דעם וואָס דער נאַציזם שטעלט מיט זיך פאָר, סיי אין זיין בעציהונג צו דער ציוויליזירטער וועלט און סיי, און טאָקע נאָך מעהר, אין זיין בעציהונג צו יודען.

וועלען די קומענדע דורות שטענדיג שטודירען די געשעהענישען אין עסטרייך. אין אַ בעזונדערס שטאַרקער מאָס וועט דאָס אויך זיין דער פאַל מיט די יודישע געשעהענישען אין עסטרייך.

גראָד זענען די געשעהענישען אין און אַרום עסטרייך נאָך אין גאָר אַ גרויסער מאָס אונטער אַ שלייער. נישט אַלץ איז אויפגעקלערט געוואָרען. אַזוי איז אויך דער פאַל מיט די געשעהענישען אין שייכות מיט די עסטרייכישע יודען.

נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס די ציטונגען, בעזונדערס די יודישע ציטונגען אין אַמעריקע, האָבען געווידמעט פיעל פּלאַץ פאַר דער שילדערונג פון דער יודישער טראַגעדיע אין עסטרייך, זענען עס אָבער אַלץ געווען אַזוי צו זאָגען צופעליגע בעריכטען, אָבער נישט קיין סיסטעמאַטיזירטע, וואָס זאָלען כראָנאָלאָגיש און מיט אַ היסטאָ־רישען פּערספּעקטיוו געבען אַ קלאָר בילד וועגען אַלץ וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. דאָס וואָס עס איז ביז אַהער ערשינען אין די ציטונגען איז איינענטליך מאַטעריאַל פאַר'ן היסטאָריקער, פאַר דעם וואָס וועט ערשט דאַרפען קומען און שרייבען די געשיכטע פון דעם יודישען חורבן אין עסטרייך, וואָס איז פאַקטיש דער אָנפאַנג פון דעם חורבן פון גאַנצען אייראָפּעאישען יודענטום.

**אבא רייכמאן** פערדינט דערפאר גרויס אנערקענונג. ער איז פאקטיש און ווירקליך דער ערשטער וואס פערצייכענט פאר אונזער דור און פאר די דורות וואס וועלען קומען דעם גאנצען יודישען חורבן אין עסטרייך.

**אבא רייכמאן** איז אן עד־ראיה פון דעם וואס איז פארגעקומען אין עסטרייך. האבענדיג געלעבט אין עסטרייך יאהרען פריהער, האט ער אויך דארט דורכגעלעבט די ביטערסטע גרויל־טעג פון דעם נאצי־שען טעראר.

**אבא רייכמאן**, ווי א רעגעלמעסיגער שרייבער און ספעציעלער וויענער קארעספאנדענט פון „מארגען־זשורנאל", האט נאך פון פריי־הער געהאט א גענויע בעקאנטשאפט מיט אלץ וואס איז פארגעקומען אין עסטרייך. ער איז געוועזן דורכאויס גוט בעקאנט מיט'ן פאליטישען הינטערגרונד און ער האט גענוי געוואוסט וואס פאר א ראלע יודען האבען געשפיעלט אין דער שושניג־רעגירונג און אין די רעגירונגען פאר שושניג'ן.

עס איז דערפאר אויסגעפאלען דער גורל אויף **אבא רייכמאן** צו זיין דער כראניקער פון אט דעם טרויעריגען קאפיטעל עסטרייך. אבער ער טהוט דאס נישט ווי א געוועהנליכער כראניקער, נאר ווי איינער וואס האט געקענט מאסען פון די וואס זענען געפאלען אלס קרבנות פון די היטלערישע רציחות. און ער ציינט דערביי נישט בלויז זיין הויכע זשורנאליסטישע בעגאבונג, נאר אויך זיין גלענ־צענדען און פיינעם בעלעטריסטישען טאלענט.

**אבא רייכמאן'ס** יעצטיגע בוך „די טראגעדיע פון עסטרייכישען יודענטום", וואס די לעזער האבען דא פאר זיך, איז אן אונגע־הויערער וויכטיגער בייטראג צו אונזער געגענווארטיגער געשיכטע און וועט בעשטימט אזוי בעטראכט ווערען אין דער צוקונפט.

זיין בוך איז א מאדערנער „איכה" אויף א גרויסער יודישער קאטאסטראפע פון אונזער מאדערנער צייט.

**ד. ל. מעקלער,**

רעדאקטאר פון „מארגען־זשורנאל", ניו־יארק.

אַבאָ ווייכמאַן

# די טראַגעדיע
# פֿון
# עסטרייכישען יודענטום

●

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען בוך און סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען אָדער איבערזעצען,
בעהאַלט דער פערפאַסער פאַר זיך.

# THE TRAGEDY OF AUSTRIAN JEWRY

By ABO REICHMAN

# פאָרוואָרט

איך האָב נישט די אַבזיכט צו געבען אין מיין יעצטיגען בוך — „די טראַגעדיע פון עסטרייכישען יודענטום" — געוועהנליכע פאַנטאַסטישע שילדערונגען. איך וויל בלויז בעשרייבען און שילדערען, אויספיהרליך און גענוי, אַלעס וואָס עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין עסטרייך, פון פרייטאָג, דעם 11־טען מערץ 1938, ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט אַנעקסירט עסטרייך, ביז דעם היינטיגען טאָג.

פריינד רעדאַקטאָר מעקלער בעמערקט אין זיין איינלייטונג צו מיין בוך, אַז עס איז אויף מיר „אויסגעפאַלען דער גורל צו זיין דער כראָניקער פון דעם טרויעריגען קאַפּיטעל עסטרייך". וויל איך אין צוזאַמענהאַנג דער־מיט מיך דאָ אָבשטעלען איבער אַ פּאַסירונג, וועלכע איז אייגענטליך גוט בעקאַנט אין דער רעדאַקציע פון'ם „מאָרגען־זשורנאַל" אין ניו־יאָרק, וועמענס קאָרעספּאָנדענט איך בין גע־ווען אין וויען אין פערלויף פון אַ היבשע פּאָר יאָהר.

דריי וואָכן פריהער, איידער די נאַציס האָבן אָקופּירט עסטרייך, האָב איך אַוועק־געשיקט אַ פערטרויליכען בריעף צו דעם אָפיס פאַר די אייראפּעאישע קאָרעספּאָנדענטען פון „מאָרגען־זשורנאַל", אין וועלכען איך האָב גע־שילדערט די שטימונג, וואָס האָט אין יענעם מאָמענט געהערשט אין די עסטרייכישע רע־גירונגס־ספערען. איך האָב געשילדערט די פּאָליטישע סיטואַציע אַלס אַבסאָלוט האָפנונגס־לאָז. איך האָב אונטערגעשטראָכען, אַז דער גורל פון עסטרייך, אַלס פּאָליטיש אונאָבהענ־גיג לאַנד, איז שוין פערזיגעלט. וויען איז פער־לאָזט פון אַלע פריינד, און עס דערנעהנטערט זיך מיט ריזען־שריט דער טאָג פון דער נאַצי־דייטשער אינוואַזיע אין עסטרייך.

צום שלום האָב איך אויסדריקליך בעטאָנט, אַז פאַר מיר, אַלס יודישער זשורנאַליסט, בע־זונדערס אַלס שטענדיגער און ספּעציעלער קאָ־רעספּאָנדענט פון „מאָרגען־זשורנאַל", פאַר וועלכען איך האָב טאָג־טעגליך אַרויסגעשיקט טעלעגראַפישע נאַכריכטען און בעריכטען איבער די וויכטיגסטע פּאָליטישע געשעהע־נישען אין עסטרייך, און אָפטמאָל אויך איבער די אַרומיגע לענדער, ווי דייטשלאַנד, איטאַ־

ליטן און רומעניען — וואָלט דערפאַר געווען מעהר ווי צוועקמעסיג צו רעטען זיך רעכט־צייטיג . . .

דערויף האָב איך ערהאַלטען אַן ענטפער, אין וועלכען מען האָט מיך אין אַ קאַטעגאָרישען טאָן אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז גראָד אַלס זשורנאַליסט — דאַרף איך זיין צווישען די לעצטע ביים אַנטלויפען פון שלאַכט־פעלד און פון פייער.

האָב איך געשלאָסען שלום מיט מיין גורל, איך האָב געפאָלגט און בין געבליבען אין וויען — ביז אַ לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי די דאָזיגע שטאָדט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ נאַצי־גיהנום. אָבער אַרויסגעקומען בין איך פון דאָרט מיט אַ „פערמעגען" פון פינף דייטשע מאַרק (אונגעפעהר צוויי אַמעריקאַנער דאָלאַר) . . .

און דעריבער איז מיין שילדערונג איבער דער טראַגעדיע פון עסטרייכישען יודענטום געבויט נאָר און אויסשליסליך אויף פאַקטען און טהאַטזאַכען, וועלכע איך און יעדער יוד אין וויען, ווי אין גאַנץ עסטרייך אין אַלגעמיין, האָט זיי געזעהען, געהערט און אויך געשפירט אויפ'ן אייגענעם קערפער . . .

דאָ שרייב איך אָבער גאָר נישט וועגען דעם אַלעם וואָס איך פּערזענליך האָב דאָרט מיט־געמאַכט. דאָס איז אַ סעפּאַראַט גרויס קאַ־פּיטעל, איבער וועלכען איך וועל נאָך מעגליך שרייבען ביי אַן אַנדערע געלעגענהייט. אין מיין יעצטיגען בוך ערצעהל איך נאָר פון די פּיין און ליידען פון די עסטרייכישע יודען אין אַלגעמיין.

איך וויל נאָך בעמערקען, אַז אויסער פון דעם „מאָרגען־זשורנאַל", בין איך אין וויען געווען דער קאָרעספּאָנדענט און מיטאַרבייטער פון נאָך פאָלגענדע פּראָמינענטע יודישע און העברעאישע טעגליכע צייטונגען אין דער גאַנצער וועלט: „אידישע צייטונג" (בוענאָס־איירעס), „הבוקר" (תל־אביב), „טאָגבלאַט" (וואַרשע), „אונזער צייט" (קישענעוו) און „היינט" (ריגע).

אַבאַ רייכמאַן.

ניו־יארק, 1941.

# דאָס פאָרשפּיעל צו דער טראַגעדיע

דאָס פאָרשפּיעל צו דער עסטרייכישער טראַגעדיע האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן שבת, דעם 12־טען פעברואַר, 1938, ווען אַדאָלף היטלער האָט, דורך דער פערמיטלונג פון זיין וויענער געזאַנדטען פאָן פּאַפּען, פערנאַרט צו זיך, קיין בערכטעסגאַדען, דעם עסטרייכישען קאַנצלער דר. קורט שושניג און אין דער אַנוועזענהייט פון מעהרערע דייטשע מיליטער־לייט, וועלכע היטלער האָט אַבזיכטליך אַרויסגערופען אום צו ווירקען אָב־שרעקענד אויף שושניג'ן — געפאָדערט פון איהם אולטימאַטיוו, ער זאָל זאָפאָרט לעגאַליזירען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין עסטרייך און אויך דורכצופיהרען אַ רעקאָנסטרוקציע אין זיין רעגירונג, לויט וועלכער עס זאָלען אין איהר אַריינגע־נומען ווערען עטליכע נאַצים.

שושניג איז צוריקגעקומען פון בערכטעסגאַדען פולשטענ־דיג אַ צוזאַמענגעבראָכענער. ער האָט שוין געזעהען, אַז דאָס אונגליק איז פערטיג. ווענען בעקומען הילף פון איטאַליען — האָט נישט געקענט זיין די מינדעסטע רייד. מוסאָליני איז שוין דעמאָלט געווען גאַנץ אָבהענגיג פון היטלער'ן, און וואָס דער לעצטער האָט נישט געזאָלט טהון, האָט מוסאָליני'ס איטאַליען צו אַלעם געמוזט צושטימען.

וואָס אַנבעלאַנגט פראַנקרייך — האָט שושניג בעקומען פון דאָרט אַ מיטטיילונג, אַז אויב ענגלאַנד וועט זיך ענטשליסען צו העלפען עסטרייך, דאַן וועט זיך פראַנקרייך באַלד אָנשליסען אָן דער ענגלישער הילפס־אַקציע, אָבער אַליין — קען פראַנק־רייך גאָר נישט אונטערנעהמען.

האט שושניג געגומען קלאפען אין די ענגלישע שערי־רחמים; נאר פון דארט איז ווידער געקומען אן ענטפער, אז מען איז פול מיט סימפאטיע פאר דעם אונגליקליכען עסטרייך און „מען וועט זעהען עטוואס צו טהון”. דערוויל אבער האט היטלער געהאלטען אין איין ווארנען און דראהען, אז „ער מארשירט”. שושניג האט דעריבער נישט געהאט קיין אנדערען אויסוועג, אלס אריינצונעהמען דעם נאצי זיים־אינקווארט אלס אינערן־מיניסטער אין דער רעגירונג.

ווען די נאצים האבען געזעהען, אז דער אנהויב איז זיי געלונגען, האבען זיי גענומען געהען עטליכע שריט ווייטער. די וויענער גאסען זענען געווארען פול מיט זיי. טאג־און־נאכט האבען איבער די גאסען מארשירט מינדעריעהריגע יונגלעך און מיידלעך, וועלכע האבען געשריגען: „הייל היטלער! איין פאלק, איין רייך, איין פיהרער!” . . .

די פאניק צווישען די יודען אין עסטרייך איז געשטיגען פון מינוט צו מינוט. די יודען זענען ארומגעגאנגען מיט פערבראכענע הענד און געיאמערט, אז „מען איז פערלוירען”. די נאצים זענען געווארען ברוטאל־חוצפה'דיג. מען האט אנגעהויבען צו בעלעסטיגען יודען אויף די גאסען, אין טראמוויי און זאגאר אין די קאפע־הייזער.

ענדע פעברואר האט די פאליטישע זון אויף א ווילע אויפגעשיינט און מען האט געקענט גלויבען, אז עס איז נאך פערהאנען א שטיקעל האפנונג. קאנצלער שושניג איז ארויסגעטרעטען מיט זעהר א מוטיגער רעדע, אין וועלכער ער האט אנגעוויזען, אז דאס יעצטיגע עסטרייך, וואס ווערט געפיהרט פונ'ם „פאטערלענדישען פראנט”, איז גרייט אויף די שווערסטע קרבנות, כדי צו פערטיידיגען די אייגענע פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. די דאזיגע רעדע, וועלכע האט געפונען א שטארקען אבקלאנג אין אלע וועלט־צייטונגען, האט אויך אביסעל אויפגעמונטערט די יודען אין וויען.

נאָר ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט איז אָט די „שטאַרקע רעדע" געווען נישט מעהר ווי בלויז דער רעזולטאַט פֿון אַ לייכטער פּאָליטישער איינשפּריצונג פֿון אַן איטאַליענישען דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט זיך נאָך בעמיהט צו רעטען עסטרייך.

אין דער איטאַליענישער געזאַנדשאַפֿט אין וויען האָט יאָהרען־לאַנג געאַרבייט, אַלס פּרעסע־אַטאַשע, אַ בעקאַנטער איטאַליענישער דיפּלאָמאַט, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין ליידענשאַפֿטליכער געגנערשאַפֿט צו היטלער׳ס דייטשלאַנד. דער זעלבער איטאַליענישער דיפּלאָמאַט האָט אויך געהאָלפֿען דעם קאַנצלער דאָלפֿוס — שושניג׳ס פֿאָרגענגער — צו שאַפֿען דעם „פֿאַטערלענדישען פֿראָנט" און ער האָט אויך שפּעטער געהאָלפֿען שושניג׳ן אין זיין איבערמענשליכער בעמיהונג צו דערהאַלטען עסטרייכ׳ס פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. אָבער ווען עס איז ענטשטאַנען די אַקס: בערלין־רוים — האָט היטלער אויפגעפאָדערט מוסאָליני׳ן, ער זאָל גלייך אָברופֿען פֿון וויען דעם דערמאָנטען פּרעסע־אַטאַשע, וואָס מוסאָליני האָט, זעלבסטפֿערשטענדליך, געמוזט פֿאָלגען. יעצט, ווען עסטרייכ׳ס גורל האָט זיך געפֿונען אויף דער וואָגשאָל, איז דער דאָזיגער איטאַליענישער פּרעסע־אַטאַשע שנעל געקומען קיין וויען צו פֿערזיכערען שושניג׳ן, אַז מוסאָליני וועט איהם העלפֿען.

שושניג האָט אייגענטליך נישט געגלויבט אין דער גאַנצער געשיכטע, דען ער האָט דאָך געוואוסט, אַז אויף אַלע זיינע ווענדונגען נאָך רוים צו רעדען טעלעפֿאָניש מיט מוסאָליני׳ן, קומט פֿון דאָרט שטענדיג דער זעלבער לאַקאָנישער ענטפֿער: „ער איז נישט אין דער היים"; אַלזאָ, מוסאָליני פֿערשטעקט זיך. אָבער ווען מען טרינקט זיך — כאַפּט מען זיך אָן זאָגאַר אָן אַ שטרוי, און בעקומענדיג פֿונ׳ם דערמאָנטען איטאַליענישען פּרעסע־אַטאַשע די צוזיכערונג אויף מוסאָליני׳ס הילף — איז שושניג אַוועק אין פּאַרלאַמענט און געהאַלטען אַ מוטיגע רעדע.

עטליכע טעג האָט די ענטשפּאַנונג אָנגעהאַלטען, און מען

האָט גענומען גלויבען, אַז אפשר וועט דאָך קומען פון אירגענד־וואו אַ הילף. די האָפנונג האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט ווען באַלד נאָך שושניג'ס רעדע איז היטלער אַרויסגעטרעטען אין זיין „ביר־קעלער" אין מינכען מיט אַ היסטערישער רעדע, אין וועלכער ער איז אַנגעפאַלען אויף די יודישע זשורנאַליסטען, דערפאַר וואָס זיי העצען געגען נאַצי־דייטשלאַנד, און זיי דער־וואַגען זיך זאָגאַר צו בעהויפּטען, אַז ער, היטלער, מאַכט פאָר־בריייטונגען צו מאַרשירען אויף עסטרייך! . . .

אָבער די ענטשפּאַנונג האָט, ווי בעטאַנט, אַנגעהאַלטען נאָר עטליכע טעג, ביז פון נאַצי־דייטשלאַנד איז געקומען אַ בעפעהל צו די נאַצים אין עסטרייך צו ווערען אַקטיוו, ווייל עס דער־נעהנטערט זיך דער טאָג פון „מאַרשירען אויף וויען".

שושניג איז ווידער געוואָרען פערצווייפעלט. די נאַצים האָבען געמאַכט געוואַלדען, אַז „דאָס עסטרייכישע פאָלק איז מיט זיי". אין לינץ און אין גראַץ האָבען זיי פּראָוואָצירט אונ־רוהען און פאַר דער וועלט האָבען זיי ערקלערט, אַז שושניג וועט דורך זיין האַנדלונג באַלד פערוואַנדלען עסטרייך אין אַ צווייט שפּאַניען (וואו עס איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אַ בירגער־קריעג). אין דער פּראָווינץ שטייערמאַרק האָבען עטליכע נאַצי־פיהרער דורכגעפיהרט אַ געהיימען „פּלעביסציט" צווישען די דאָרטיגע שטאַאטס־אַנגעשטעלטע וועגען דורכ־פיהרען דעם „אַנשלוס" פון עסטרייך צו דייטשלאַנד. נאַטירליך, אַז דער „פּלעביסציט" איז אויסגעפאַלען גינסטיג פאַר די נאַצים. איבער די וויענער גאַסען האָבען ווידער גענומען מאַרשירען מחנות יונגלעך און מיידלעך. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט דעם געבראַזג פון יודישע שויבען, און אַזוי איז די פּאַניק גע־שטיגען פון טאָג צו טאָג און פון שעה צו שעה.

דאָס ערגסטע דערביי איז געווען וואָס שושניג האָט דאָס מאָל געהאַט גאָר גרויסע צרות פון זיינע „אייגענע" מיניסטאָרען. דער נייער אינערן־מיניסטער זייס־אינקוואַרט, דער שטאַאטס־

סעקרעטאַר שמיד און דער מיניסטער אָהן פּאָרטפעל האָרסטענאַו — זיי אַלע האָבען אינטריגירט געגען שושניג׳ן. זייס־אינקוואַרט איז זאָגאַר געפאָהרען קיין בערלין, אָבצוגעבען היטלער׳ן אַ בעריכט פון דער לאַגע אין עסטרייך, און, צוריקקומענדיג פון דאָרט איז ער אַוועק קיין לינץ, וואו ער האָט פערזיכערט די נאַצים, אַז „דאָס גוטע וועט באַלד קומען״.

אין יענע אונרוהיגע טעג האָט שושניג ערהאַלטען אַ בריעף פון יונגען פרינץ אָטאָ פאָן האַבסבורג, דער פרעטענדענט אויפ׳ן עסטרייכישען קייזער־טראָהן, אַז ער, אָטאָ, איז גרייט צו קומען קיין וויען און צו שטעלען זיך אין דער שפּיץ פון די פּאַטריאָטישע עלעמענטען, וואָס קעמפען געגען דעם „אַנשלוס״. נאָר שושניג האָט איהם געענטפערט, אַז אַזאַ שריט וואָלט זאָפאָרט געבראַכט די אַבסאָלוטע ענדע צו דער עקזיסטענץ פון עסטרייך.

## שושניג ווענדעט זיך צו די יודען

אין איינעם פון די אָנפאַנג מערץ־טעג האָט אַ באַקאַנטער יודישער פּאָליטיקער אָנגערופען מיך דורכ׳ן טעלעפאָן און געבעטען, איך זאָל מיך טרעפען מיט איהם אין אַ קאַפע־הויז, וואו ער וועט מיר איבערגעבען אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציעס.

„זאָלסט וויסען — האָט דער דאָזיגער יודישער פּאָליטיקער אָנגעהויבען דאָס געשפּרעך — אַז עס האַלט זעהר שלעכט. שושניג האָט היינט גערופען צו זיך עטליכע יודישע פאָר־שטעהער, צו וועלכע ער האָט זיך געווענדעט מיט פאָלגענדער ריהרענדער ביטע:

„אלס עסטרייכער און קאַטויליק — וועל איך מיט אַלע מיינע קרעפטען פערטיידיגען און בעשיצען די אינטערעסען פון דעם קאַטוילישען עסטרייך. אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ, אין קאַנצלער־אַמט — וועט אויך די יודען נישט געשעהען קיין שלעכטס . . . איך בעט אייך, איהר זאָלט ווירקען אויף אייערע גלויבענס־גענאָסען, אַז זיי זאָלען זיך פערהאַלטען רוהיג; הויפּטזעכליך בעט איך אייך, איהר זאָלט מיר העלפען צו פערקלענערען די פּאַניק אויף דער בערזע, כדי מיין, אַזוי אויך געגנוג, שווערע לאַגע זאָל מיר נישט ווערען נאָך שווערער״ . . .

דאָס אָבגעזאָגט — איז שושניג אַוועק מיט אַ געזונקענעם קאָפּ צוריק אין זיין אַרבייטס־קאַבינעט, וואו עס האָבען שוין אויף איהם געוואַרט אַלע מיטגליעדער פון זיין מיניסטאָרען־ראַט, אויף אַ דרינגענדער בעראַטונג.

אין אָט דעם ענטשיידענדען מאָמענט, האָט זיך געפונען א יונגע פרוי, וואָס האָט זיך ווירקליך געאָפּפערט פאַר שושניג׳ן. דאָס איז די 28-יעהריגע גרעפין טשערנין. די דאָזיגע בילד־שעה־נע פרוי (מאַנכע בעהויפּטען, אַז זי איז פון יודישער אָבשטאַמונג) האָט מיט עטליכע יאָהר צוריק געזעהען שושניג׳ן אויף א וויינ־טער־באַל און זי האָט זיך גלייך אויפ׳ן ערשטען בליק פערליעבט אין איהם ביז „איבער די אויערען״. זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט וועגען געפינען א וועג, וועלכער זאָל זי פיהרען צו שושניג׳ן, ביז זי איז געפאַלען אויף א געלונגענעם פּלאַן: שושניג האָט פון זיין ערשטער פרוי אַן איינציגען זוהן, קורט, אין עלטער פון 12 יאָהר. האָט די גרעפין טשערנין זיך גענומען שטאַרק אינטערעסירען מיט דעם קליינעם קורט; זי האָט איהם געשיקט אונצעהליגע שעהנע פּרעזענטען און איהם אויך בעשיט מיט צערטליך־מוטערליכע בריעף — ביז זי האָט געריהרט דאָס הערץ פון גרויסען קורט, און אַזוי אַרום איז זי געוואָרען די אויפריכטיגע און געטרייע געליעבטע פון קאַנצלער דר. קורט שושניג.

אין די לעצטע טעג פון זיין רעגירען איז די כוואַטסקע פרוי נישט אָבגעטרעטען פון איהם קיין איין סעקונדע. זי האָט איהם געטרייסט און ערמוטיגט. גוט־אינפאָרמירטע קרייזען האָבען געוואוסט צו ערצעהלען, אַז דער פּלאַן דורכצופיהרען א פּלע־ביסציט וועגען עסטרייכ׳ס אונאָבהענגיגקייט איז געקומען טאַקע פון אָט דער גרעפין. ווען עס האָט שוין, אין אָנפאַנג מערץ, גע־האַלטען זעהר שלעכט, האָט זי געזאָגט צו שושניג׳ן:

„מיין ליעבער! דו מוזט וויסען, אַז דו האָסט דיך נישט אויף קיינעם צו פערלאָזען. איך זעה, אַז דו ביזט אַרומגערינגעלט פון א קליקע מיט אינטריגאַנטען, שונאים און היפּאָקריטען, וואָס זענען גרייט צו פערקויפען דעם טאַטען מיט דער מאַמען פאַר א טאָפּ לינזען. מיר

געפעלען נישט דיינע מיניסטאַרען, די האַרסטענאַו'ס און די שמיד'ס. איין עצה איז נאָך פערהאַנען: — דורכפיהרען אַ פּלעביסציט, דאָס הייסט: אָנפרעגען דאָס פאָלק, אויב עס וויל אַ זעלבסטשטענדיג עסטרייך און ווען דער ענט־פער וועט לויטען: יאָ! — דאַן מוזט דו ווערען ענערגיש, און פאַר אַלעם אָוועקשיקען די דאָזיגע צוויי אינטריגאַנטען. איך גלויב, אַז די וועלט וועט דאַן קריגען דרך־ארץ פאַר דיר!"...

שושניג האָט געפאָלגט זיין געליעבטע. דינסטאָג, דעם 8־טען מערץ אין אָוונד האָט ער פּראָקלאַמירט דעם פּלעביסציט, וועלכער האָט געזאָלט פאָרקומען זונטאָג, דעם 13־טען מערץ.

⁂

אין דער זעלבער נאַכט האָט זיך אָנגעהויבען די וואַהל־אַקציע. צומאָרגענס, מיטוואָך אין דער פריה, האָט מען גערופען די יודישע געזעלשאַפטליכע טהוער צו קומען אין קאַנצלער־אַמט, וואו מען האָט פון זיי געבעטען פינאַנציעלע אונטערשטיצונג פאַר דעם דאָזיגען ענטשיידענדען פּלעביסציט.

עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ צו רעדען, אויב די יודען האָבען געמעגט נעהמען אַזאַ אַקטיווען און דירעקטען אַנטייל אין שושניג'ס דאָזיגער לעצטער רעטונגס־אַקציע, אין וועלכער ער אַליין האָט שוין נישט געגלויבט. גענוג איז, אַז די וויענער יודיש־געזעלשאַפטליכע טהוער האָבען אין פערלויף פון 48 שטונדען געבראַכט די סומע פון אַכט הונדערט טויזענד עסט־רייכישע שילינג אין דער קאַסע פון קאַנצלער־אַמט.

שושניג האָט דערווייל אונטערהאַנדעלט מיט די אַרבייטער־פיהרער, זיי זאָלען איהם אונטערשטיצען. די לעצטע האָבען צו־געשטימט, און עס איז מעהר ווי זיכער, אַז שושניג וואָלט אַרויס פון זיין געפּלאַנטען פּלעביסציט מיט אַ זיעג פון איבער אַכציג פּראָצענט שטימען.

און פאַר דעם האָט היטלער מורא געהאַט. דאָס וואָלט איהם אַביסעל געשטערט צו קענען זיך בעריהמען, אַז ער האָט „בעפרייט דאָס עסטרייכישע פאָלק", און דערפאַר האָט ער זיך שנעל ענטשלאָסען צו מאַכען אַן ענטגילטיגען שטריך איבער שושניג'ס רעכענונג.

## פרײטאָג, דעם 11־טען מערץ, 1938
## אין װין

שוין אין די פאָרמיטאג־שטונדען פון פרײטאָג, דעם 11־טען מערץ, 1938, האָבען זיך איבער װיען גענומען פערשפרײטען בע־אונרוהיגענדע קלאַנגען. מען האָט געלעזען אין די צײטונגען צװי־שען די שורות: עפּעס האָט דער ענגלישער אױסערן־מיניסטער האַליפאַקס געלאָזט װיסען דעם דײטשען אַמבאַסאַדאָר, דאָס ענגלאַנד איז פעראינטערעסירט, אַז דער עסטרײכישער פּלע־ביסציט זאָל פון קײנעם נישט געשטערט װערען. משמע, איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז אין אױסלאַנד האַלט מען, דאָס היטלער גרײט זיך צו עפּעס. די שטימונג אין װיען איז דע־ריבער געװאָרען אַ געדריקטע און אַ נידערגעשלאָגענע.

צװעלף אוהר מיטאָג־צײט האָט שושניג שוין געהאַט בע־קומען היטלער׳ס אולטימאַטום צוריקצוציהען זיך פון פּלעביסציט. אין דרױסען אױף די װיענער גאַסען זענען נאָך ארומגעפלױגען לאַסט־אױטאָמאָבילען, װעלכע האָבען געװאָרפען דאָס װאַהל־מאַטעריעאַל; די אַנהענגער פון „פאַטערלענדישען־פראָנט" האָבען נאָך דעמאָנסטרירט און געריפען: „הײל עסטרײך" — אָבער אין „קאַנצלער־אַמט", װאָס האָט זיך געפונען אױפ׳ן באַלהױז־פּלאַץ, איז שוין אַלעם געװען ערלעדיגט: אײדער שושניג האָט נאָך בעװיזען צו געבען אַן ענטפער אױפ׳ן ערשטען אולטימאַטום — איז שוין אָנגעקומען אַ צװײטער, אַז ער מוז גענצליך צוריק־טרעטען און איבערגעבען די רעגירונג אין די הענד פון זײס־אינקװאַרט און זײנע אַנהענגער.

עס איז נישט ריכטיג, אַז עס האָט געשװעבט די געפאַהר

פון אַ בירגער־קריעג. אין גאַנץ וויען איז נישט פאָרגעקומען קיין איינציגער ערנסטער אינצידענט אָדער צוזאַמענשטויס. אַזוי לאַנג ווי שושניג איז געווען קאַנצלער האָט ער פולשטענדיג בעהערשט די מאַכט אין גאַנצען לאַנד.

פיער נאָכמיטאָג זענען די עסטרייכישע גרעניצען שוין געווען בעזעצט דורך נאַצי־יונגען און דייטשע סאָלדאַטען. צווישען די פיהרער און אָנהענגער פון „פאַטערלענדישען פראָנט" און „לעגיטימיסטישע בעוועגונג" (מאָנאַרכיסטען) איז אויסגע־בראָכען אַן אונבעשרייבליכע בהלה. זיי האָבען אַלעם געלאָזט שטעהען און זענען אין דער גרעסטער פּאַניק געלאָפען צו די גרעניצען זיך צו רעטען. מיניסטער צערנאַטאָ, אַ פערביסענער אַנטי־נאַצי, איז פינף פאַרנאַכט אַריבער די טשעכישע גרעניץ, צוזאַמען מיט זיין יודישער פרוי. דערביי איז איהם נאָך געלונגען מיטצונעהמען דאָס גאַנצע באַר געלד פון „פאַטערלענדישען פראָנט"; דער האַנדעלס־מיניסטער שטאָקינגער, אויך אַ בע־קעמפער פון די נאַצים, איז אַנטלאָפען ערשט אַרום זיבען אוהר אין אָוועגד; די מאַדאַם אירענע האַראַנד, די בעריהמטע קעמ־פערין געגען אַנטיסעמיטיזם און ראַסען־האַס, האָט זיך אין יענעם פינסטערען טאָג גראָד געפונען אין אויסלאַנד און אויך זי איז דאדורך געראַטעט געוואָרען. דאַגעגען דער וויענער בירגער־מייסטער שמיץ, דער פינאַנץ־מיניסטער דר. דראַקסלער (אַ יוד) און דער רעדאַקטאָר פון דער קאַטוילישער „רייכספּאָסט" דר. פונדער — זיי אַלע האָבען שוין נישט בעוויזען צו אַנטלויפען; האָט מען זיי פערשלעפּט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

בלויז שושניג איז נישט אַנטלאָפען: ער איז ביז צו דער לעצטער סעקונדע געבליבען אויף זיין פּלאַץ. זעקס אוהר אין אָוועגד איז ער נאָך געגאַנגען צום ראַדיאָ און ער האָט זיך גע־זעגענט מיט דעם עסטרייכישען פאָלק. די דאָזיגע געזעגענונגס־ווערטער האָבען געקענט אַ שטיין ריהרען. די יודען האָבען — הערענדיג זיי — געוויינט ווי קליינע קינדער.

. . . און ביי ישראל איז געווען ביטער און פינסטער. דאָס עסען פון דער פרייטאָג־צו־נאַכטדיגער סעודה איז געבליבען שטעהען אויף דעם טיש; קיינער האָט זיך נישט געקענט צו־ריהרען דערצו . . . אַ מיטעל־יעהריגע יודישע פרוי איז, געהענ־דיג אויף דער גאַס, געוואויר געוואָרען פון דעם אונגליק — האָט זי אויפ'ן אָרט בעקומען אַ הערץ־שלאַג און איז געשטאָרבען. פיעלע יודען, מענער און פרויען, האָבען גע'חלש'ט און מען האָט זיי געמוזט אָבפיהרען אין שפּיטאָל אריין. מאַנכע יודען זענען זאָגאָר ארונטער פון זינען.

אין קיין איינציג יודיש הויז האָט מען אין יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט נישט געשלאָפען. ווער עס האָט נאָר געקענט — דער איז אין אָנפאַנג אָוועגד אוועק צו די קרובים אָדער בעקאַנטע און דאָרט האָט מען זיך די גאַנצע נאַכט געוויגט אין דער ברייט און געיאָמערט איבער דעם בראָך, וואָס איז פּלוצלינג געקומען.

עס האָבען זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען נישט געקענט אוועקגעהען פון דער היים, ווייל זיי האָבען געהאַט ליגען פערשידענע זאַכען, ווי ציימונגען, ביכער און קאָרעספּאָנדענץ־בריעף פון אַנטי־נאַצישען אינהאַלט און דאָס אַלעס האָט מען געמוזט זאָפאָרט מבער זיין — פערברענען.

צווישען די דאָזיגע מענשען — האָב איך זיך געפונען. בין איך אַזוי אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען ביים אויווען און האָב אונ־אויפהערליך אריינגעפּאַקט אין איהם דאָס גאַנצע אַנטי־נאַצישע ליטעראַטור־חמץ, וואָס איך האָב פערמאָגט.

זיבען אוהר אין אָוועגד האָט מען שוין נישט געזעהען קיין יוד אויף דער גאַס, אפילו נישט אין יודישען קוואַרטאַל, וואָס געפינט זיך אין צווייטען בעצירק. דאַגעגען האָבען מאַסען נישט־יודען געשטראָמט צום ערשטען בעצירק, צו מאַניפעסטירען פאַר'ן נייעם רעזשים, אָט דער פעבעל (מאָב), וואָס איז ערשט אין פאָרמיטאָג פונ'ם זעלבען טאָג געלאָפען אין דער קירכע אריין

און געבעטען צו גאָט, אַז „ער זאָל בעשיצען עסטרייך פון דער היטלערישער געפאַהר״; אַט דער פּעבעל, וועלכער האָט ערשט מיט עטליכע שעה צוריק דעמאָנסטרירט אויף די וויענער גאַסען און געשריגען: „הייל שושניג!״ — האָט שוין יעצט מיטגע־טאַנצט אויף דער פרישער חתונה. דאָרט, אין ערשטען בעצירק, האָבען זיך פערזאַמעלט מאַסען נאַצי־יונגען און מיידלעך און געטאַנצט אַ ווילדען שדים־טאַנץ. זיי זענען איינפאַך ווילד גע־וואָרען פאַר פרייד. זייערע געוואַלדען האָבען זיך געטראָגען איבער גאַנץ וויען און האָבען געלעכערט דאָס הערץ און דעם קאָפּ פון יעדען יוד.

אין קאַנצלער־אַמט האָבען די נאַצים אַוועקגעשטעלט אַ לויט־שפּרעכער און יעדעם אַנוועזענדע קינד האָט עטוואָס אריינ־געזאָגט אין איהם איבער שושניג׳ן:

— „אַוועק איז דער קורט (שושניג) — איז יעצט גוט!״.

— „נידער מיט דעם שושניג־רעזשים!״

אַזוי האָבען די גרויסע נאַצים געלערענט זייערע קינדער שימפּפען איבער דעם אונגליקליכען שושניג און דער פערזאַ־מעלטער פּעבעל האָט געהירזשעט פאַר פרייד און אויף יעדער אַזאַ געזאָגטער „חכמה״ — געענטפערט מיט שרייען „בראַוואָ!״

אַרום פינף אוהר פאַרטאָג זענען די נאַצים שוין מיד גע־וואָרען פון ווילדעווען און זיי האָבען זיך געלאָזט געהען אַהיים. נאָר אויפ׳ן וועג אַהיים, האָבען זיי אויסגעשלאָגען די שויבען פון די יודישע וואוינונגען און געשעפטען.

קוים דערלעבט דעם פריהמאָרגען — האָבען אַלע עסטריי־כישע ציימונגען מיטגעטיילט, אַז „עס איז אין וויען געשאַפען געוואָרען אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע רעגירונג״. אין ערשטען טאָג, דאָס הייסט שבת, דעם 12־טען מערץ, זענען נאָך אַלע וויענער ציימונגען ערשינען: זאָגאַר דער „טאָג״, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אַלס ריין „יודישע ציימונג אין דער דייטשער שפּראַך״, איז אויך ערשינען. אין קיין איינציגער ציימונג

איז נישט געווען דערמאַנט דאָס וואָרט: „אַנשלוס". דען אין אָנפאַנג האָט עס געהייסען, אַז עסטרייך בלייבט — מינדעסטענס פאָרמעל — אַ לאַנד פאַר זיך און מיט אַן אייגענער רעגירונג; והאָ־ראַיה — די ליסטע פונ'ם נייעם רעגירונגס־קאַבינעט איז דאָך נאָך געוואָרען בעשטעטיגט דורך דעם אַלטען „קריסטליך־סאָציאַלען" רעפּובליק־פּרעזידענט מיקלאַס! אויסער דעם איז נאָך אויך דער פּאָליציי־פּרעזידענט דר. סקובעל, אַן איבערגע־געבענער פריינד פון שושניג'ן, געבליבען אויף זיין פּאָסטען, טראָצדעם וואָס ער האָט אַמאָל נישט אַריינגעלאָזט קיין וויען דעם נאַצישען יוסטיץ־מיניסטער! . . .

שיינבאַר, אַז היטלער האָט נאָך געוואָרט מיט'ן דורכפיהרען דעם ענטגילטיגען „אַנשלוס". ער האָט זיך נאָך אָפען געלאָזט אַ טהיר. מילא־מה, וואָס עס קען זיך אַלץ מאַכען, — זאָל ער קענען צוריק. זעהענדיג אָבער, אַז „די וועלט" מאַכט אַ שוויג, האָט ער שוין שבת נאָכמיטאָג פּראָקלאַמירט דעם פולשטענדיגען „אַנשלוס". די רעגירונג פון זיים־אינקוואַרט'ן, וואָס איז נאָך נישט אַלט געווען קיינע 24 שטונדען, איז געוואָרען אָראָבגע־זעצט; מיקלאַס איז ערקלערט געוואָרען אַלס פּריוואַט־פּערזאָן און זיים־אינקוואַרט איז בעשטימט געוואָרען אַלס אָפיציעלער „רייכס־שטאַטהאַלטער" פון נאַצי־עסטרייך.

געשטאָרבען, בעגראָבען, אָבגעזאָגט רבנן־קדיש און — פערטיג! . . .

## עס הויבט זיך אָן...

שבת האָט מען נישט געזעהען קיין יוד אויף דער גאַס. מאַנכע פרומע יודען זענען בלויז געגאַנגען אין שוהל אַריין דאַווענען. דאָס איז אָבער געווען מעהר קרעכצען ווי דאַווענען; איינער דעם אַנדערען האָט אָנגעקוקט מיט שטאַרע און האָפּ־נונגסלאָזע בליקען. דאָס דאַווענען איז צוגעגאַנגען זעהר שנעל, נערוועז און אונגעדולדיג און אַ פינסטערע שרעק איז געווען אויסגעגאָסען אויף אַלע געזיכטער.

שבת נאָכמיטאָג, ווען אַלע געשעפטען האָבען זיך געמוזט שליסען און אויף די גאַסען האָט דער מאָב געהוליעט — האָבען צו די יודישע אויערען אָנגעהויבען אָנקומען די ערשטע "גוטע־בשורות". מיר זענען געוואויר געוואָרען וועגען די גרויל־האַפטע סצענעס, וואָס האָבען זיך אין דער לעצטער נאַכט אָבגעשפּיעלט ביי די עסטרייכישע גרעניצען. טויזענדער יודען האָבען נאָך אין לעצטען אויגענבליק פּרובירט זיך צו רעטען. זיי האָבען גענומען דעם רייזע־פּאַס און זענען אַוועק צו די גרעניצען. נאָר דאָרט האָט שוין דער טייוועל אויף זיי געוואַרט. פיעלע פון די דאָזיגע אונגליקליכע יודען האָט מען געכאַפּט און פערשלעפּט — איין גאַט ווייסט וואוהין. אויף דער טאַבאָר־שטראַסע האָבען פיער יודישע ברידער געהאַט אַ גיגאַנטיש וואַרען־הויז, אין ווערט פון מיליאָנען עסטרייכישע שילינג. דאָס דאָזיגע וואַרען־הויז האָט בעשעפטיגט צוויי הונדערט אָנ־געשטעלטע. פרייטאָג אין אָוונד האָבען אָט די פיער יודען גענומען אָן אויטאָ און זענען אַוועק צו דער גרעניץ. אָבער צום אונגליק האָט מען זיי דערווישט, שוין עטליכע מינוט רייזע פאַר

דער גרעניץ און נאָכדעם ווי מען האָט זיי בערויבט ביז דער לעצטער פּרוטה, האָט מען זיי גלייך פערשיקט אין אַ קאָנצענט־ראַציע־לאַגער.

דאַגעגען האָט אַ צווייטער יודישער וואַרען־הויז־בעזיצער געהאַט מעהר גליק. באַלד ווי ער האָט געהערט, אַז „די נאַצים מאַרשירען אויף וויען", האָט ער גענומען אַן אויטאָ און, צוזאַמען מיט זיין פרוי, איז ער שנעל אַריבער די טשעכישע גרעניץ. נאָך מעהר — דער דאָזיגער יוד האָט בעוויזען אַרויסצופיהרען פריהער פון עסטרייך דעם גרעסטען טייל פון זיין פערמעגען. איין נאַצי־ציימונג איז זאָגאַר אַרוים מיט אַ טרייסט־מעלדונג, אַז די סחורות, וואָס זענען פערבליבען אין זיין געשעפט, זענען ווערט איבער אַ מיליאָן שילינג. איז דאָך גוט! — טויג ערשט נישט. די זעלבע נאַצי־ציימונג האָט אין נעכסטען טאָג געמוזט מיטטיילען, אַז אָט דער רייכער יוד איז שולדיג געבליבען אין וויען די סומע פון איין מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד שילינג, און דאָס — דוקא צו „אַרישע" סוחרים און פאַבריקאַנטען! . . .

אַ קאָמישער פאַל האָט פּאַסירט מיט דעם בעקאַנטען יודיש־דייטשען ציימונגס־אַרויסגעבער באַנדי. אין דער אוניווערזי־טעטס־שטראַסע, אין 9־טען בעצירק, האָט זיך געפונען דער ציימונגס־פערלאַג „טעלעגראַף", וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע ציימונגס־פערלאַגען אין עסטרייך. עס זענען דורך דעם פערלאַג ערשינען עטליכע אויסגאַבען טעגליך: „טעלעגראַף אַם מיטאַג", „עכאָ" און „טעלעגראַף נאַכט־אויסגאַבע". יעדע אויסגאַבע איז ערשינען אין עטליכע אויפלאַגען און צוזאַמען האָבען די דריי ציימונגען געהאַט אַ טיראַזש פון 300,000 עק־זעמפּלאַרען טעגליך!

דער דאָזיגער גרויסער ציימונגס־פערלאַג האָט געהערט טאַקע צום אויבענדערמאָנטען באַנדי. און אָט האָבען די אַלע זיינע ציימונגען געפיהרט יאָהרען־לאַנג אַן אינטענסיווע קאַמ־פּאַניע געגען דעם נאַציזם. זיי האָבען טאָג־איין טאָג־אויס פער־

עפֿענטליכט פֿערשידענע רעוואָלאַציעס איבער דער אומגעלאָנגענער נאַצי־בעוועגונג אין עסטרייך; איבער איהרע אונטער־ערדישע סאַבאָטאַזש־אַקטען און קאָנספּיראַטיווע פּלענער. אָבער אין פֿערלויף פֿון די לעצטע צוויי יאָהר האָט מען זיך אין דער „טעלעגראַף" רעדאַקציע נישט אויפֿגעהערט צו ברעכען די קעפּ איבער דער מערקווירדיגער ערשיינונג, וואָס אַלעס, יעדעס וואָרט, וואָס ווערט נאָר גערעדט אין דער רעדאַקציע — איז מיט אַ טאָג שפּעטער פֿערעפֿענטליכט אין די בערלינער נאַצי־צייטונגען! די נאַציס האָבען געוואוסט איבער די וויכטיגסטע סודות פֿון דער „טעלעגראַף"־רעדאַקציע, און טראַצדעם, וואָס באַנדי האָט זיך שטענדיג בעמיהט, אַז ווערענד דער גאַנצער אַנטי־נאַצי קאַמפּאַניע זאָל זיין פֿערזאָן שטעהען אין הינטער־גרונד — פֿונדעסטוועגען האָבען די נאַציס געוואוסט, אַז נאָר ער איז דער הויפּט־לייטער און טאָן־געבער אין דער אַנטי־היטלערישער פּראָפּאַגאַנדע און דעריבער האָבען זיי איהם שטענדיג געדראָהט מיט נעהמען אָן איהם ראַכע (נקמה).

באַנדי איז גראָד געזעסען אין קאַפֿע־הויז, ווען מען איז איהם געקומען זאָגען, אַז שושניג האָט בעקומען אָן אולטימאַטום, ער זאָל זאָפֿאָרט דעמיסיאָנירען. אין ערשטען אויגענבליק איז באַנדי געוואָרען אַזוי איבערראַשט, אַז ער איז אַ היבשע ווײַלע געזעסען גאַנץ בעוועגלאָז. ער האָט נאָר איינצע מאָל ווידער־האָלט איין־און די זעלבע פֿראַגע: —

— „אַזוי שנעל? עס איז דאָך אונמעגליך!" . . .

נאָר ווען מען האָט איהם ערקלערט, דאָס אויב ער וועט אַרויסגעהען אויף דער גאַס, וועט ער זיך באַלד איבערצייגען אין דער טרויעריגער ווירקליכקייט — האָט ער בליץ שנעל פֿערלאָזט דאָס קאַפֿע־הויז; ער איז צוגעפֿאָהרען צו זיין רע־דאַקציע, פֿונוואַנען ער האָט אַרויסגענומען דאָס גאַנצע באַר געלד און — נישט געזעגענדיג זיך זאָגאָר מיט זיין „אַריש"־קריסטליכער פֿרוי — האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין זיין אויטאָ,

אין וועלכען ער האָט, מיט אַ טייוולאָנישער געשווינדקייט, גע־נומען גאַלאָפּירען צו דער אונגארישער גרעניץ.

און דאָ קומט דאָס קאָמישע דערפון: אין באַנדי'ס רעדאַק־ציע־קאָלעגיום האָבען, צווישען אַנדערע, אויך מיטגעארבייט אַ געוויסער מארס, אַלס פּאָליציי־רעפּאָרטער און אַ געוויסער סעדליצקי, אַלס נאָוועליסט. ביידע הונדערט־פּראָצענטיגע „אריער".

מארס האָט שטענדיג גענאָסען פון באַנדי'ס פּערזענליכען צוטרוי. מארס האָט געוואוסט ווי צו שפּיעלען די ראָלע פון אַן „איבערגעגעבענעם פריינד" צו זיין יודישען ברויט־געבער, אַזוי ווייט, אַז מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט באַנדי איהם גע־געבען געלד אויף אַ לוסט־רייזע קיין אַמעריקע.

ערשט אין יענעם טראַגישען פרייטאָג־פאַרנאַכט, ווען די נאַצים האָבען פערכאַפּט עסטרייך, איז מען געוואויר געוואָרען, אַז די דאָזיגע צוויי „אַרישע" שרייבער זענען נישט מעהר אַלס איינפאַכע נאַצי־פּראָוואָקאַטאָרען און העסליכע פעררעטער. מען איז געוואויר געוואָרען, אַז פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער, מארס, האָט געארבייט אין דעם שושניג־טרייען „טעלעגראַף" — איז ער צו דער זעלבער צייט גאָר געווען אויך אַ מיטגליעד אין דער נאַצישער „געשטאַפּאָ" (געהיימע שטאאטס־פּאָליציי) און סעדליצקי איז גאָר געווען אַ מיטגליעד אין דער „ס.אַ." (נאַצישע שטורם־אָבטיילונג). אָט די צוויי פאַרשווינען האָבען דאָס אַרוים־געטראָגען די גאַנצע צייט די וויכטיגסטע סודות פון דער „טע־לעגראַף"־רעדאַקציע צו די נאַצים און ווען די לעצטע זענען, אין יענעם פרייטאָג־פאַרנאַכט געקומען אין דער רעדאַקציע פון „טעלעגראַף", אום צו אַרעסטירען באַנדי'ן, זענען זיי בע־געגענט געוואָרען פון די צוויי פעררעטערישע זשורנאַליסטען מיט דעם גרוס: „הייל היטלער!" . . .

און באַלד האָבען זיי אויך ערצעהלט צו די נאַצי־אַגענטען, אַז באַנדי איז אָקאָרשט אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, מיטנעהמענ־

דיג מיט זיך פיעלע הונדערטער טויזענדער שילינג. מען מוז דעריבער זאָפאָרט טעלעפאָנירען צו אַלע גרעניץ־פּאָסטענס, אַז ווען ער וועט וועלען אריבער די גרעניץ, זאָל מען איהם פערהאַלטען. אין דער נאַצישער הויפּט־קוואַרטיר האָט מען אַזוי געטהון, אָבער — פון דעם פּאָסטען, וואָס האָט פּאַטראָלירט ביי דעם עסטרייכיש־אונגאַרישען גרעניץ־פּאַס, איז געקומען דער ענטפער, אַז — „ליידער, עס איז שוין צו־שפּעט, אָט ערשט, מיט דריי מינוטען צוריק איז באַנדי אריבער אויף יענער זייט גרעניץ” . . .

# די ערשטע מאַסענהאַפטע אַרעסטען

די ערשטע מאַסענהאַפטע אַרעסטען האָבען זיך אָנגעהויבען שבת (דעם 12-טען מערץ) פאַרנאַכט. טויזענדער „ס.אַ"-יונגען זענען געלאָפען איבער וויען און געשלעפּט אין טורמע אַריין יעדען איינעם, וואָס איז זיי נאָר געקומען אויפ'ן געדאַנק. אַ גאַנצע נאַכט, פון שבת אויף זונטאָג — האָט מען געשלעפּט פון די בעטען יודען און קריסטען; מענער און פרויען; יונג און אַלט. עס זענען אויך אַרעסטירט געוואָרען די אַלע, וואָס האָבען געבילדעט דאָס פּרעזידיום פון דער יודישער קולטוס-געמיינדע (קהלה); די פיהרער פון דער „אוניאָן" (אַסימילאַנטען); דער פּרעזידענט פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; אַלע פיהרער פון דער „בני-ברית-לאָזשע"; דאַן אונצעהליגע וויסענשאַפטס-מענער, יוריסטען און בעריהמטע מעדיצינער, דערונטער די פּראָפעסאָרען ניימאַן און טעאָדאָר בויער; עס זענען אַרעסטירט געוואָרען הונדערטער יודישע און קריסטליכע זשורנאַליסטען, פּובליציסטען און ליטעראַטען, וועלכע האָבען געאַרבייט אין דער פריהערדיגער פּרעסע, וואָס האָט געשטיצט דעם שושניג-רעזשים; עס זענען אויך אַרעסטירט געוואָרען טויזענדער קאַטוילישע פיהרער, גלחים, בישאָפען און די אַלע, וואָס האָבען אָנגעפיהרט מיט דער „היימווערהר" (אַ האַלב-פאַשיסטישע, אָבער דאָך אַ פּאַטריאָטיש-עסטרייכישע אָרגאַניזאַציע), און אויך לואיס ראָטשילד איז געוואָרען אַרעסטירט*) און זיין פּאַלאַץ אין דער פּרינץ-אויגען-שטראַסע איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „ברוין-הויז".

דער גרעסטער טייל פון זיי איז ווערענד דעם אַרעסטירען געוואָרען בערויבט, גראָב בעליידיגט און אויך ברוטאַל געשלאָגען.

זונטאג אין דער פריה זענען אלע וויענער טורמעס שוין געווען איבערפילט מיט איבער צעהן טויזענד ארעסטירטע, פון אלע שיכטען און קלאסען פון דער יודישער און קריסטליכער בעפעלקערונג, הויפטזעכליך אבער פון דער יודישער. האט מען גענומען שול־לאקאלען, פארטיי־הייזער, פריוואטע וואוינונגען און האטעלען און זיי פערוואנדעלט אין טורמעס.

*) קנאפע אנדערטהאלבען יאהר איז לואיס ראטשילד געזעסען ארעסטירט, צוזאמען מיט'ן עקס־קאנצלער שושניג, אין האטעל „מעטראפאל" אין וויען, וואו די „געשטאפא" האט איינגעארדענט איהר הויפט־קווארטיר. פאר דער גאנצער צייט האבען די לאנדאנער און פאריזער ראטשילדס אונטערהאנדעלט מיט דער וויענער „געשטאפא" וועגען בעפרייען דעם ארעסטירטען. ענדליך איז ער אין זומער 1939 — נאכדעם ווי מען האט פון איהם אוועקגענומען דאס גאנצע פערמעגען, ביז צום לעצטען סענט — בעפרייט געווארען, בעקומענדיג אויך די מעגליכקייט גענצליך צו פערלאזען עסטרייך.

## פלינדערונגען . . .

פאראלעל מיט די מאסנהאפטע ארעסטען האט זיך זונטאג, דעם 13-טען מערץ, אנגעהויבען דער נאצישער רויב-צוג אין אלע יודישע וואוינונגען און געשעפטען.

אייגענטליך האבען די נאצים שוין שבת אנגעהויבען צו רויבען. נאר אין אנפאנג האט דער רויב נאך געטראגען א קלינ-גענדיגען נאמען: „קאנפיסקירט פאר'ן שטאאט". אוניפאר-מירטע נאצי-יונגען זענען ארומגעפאהרען אויף מאטארציקלען פון איין יודיש געשעפט צום אנדערען, וואו זיי האבען „קאנ-פיסקירט" וועש, שיך און אנציגער און נאכהער, ביים אוועק-געהען, האבען זיי איבערגעלאזט א „בעשטעטיגונג".

אבער זונטאג — האט זיך שוין אלעס ארויסגעלאזט רויבען, און נישט דוקא אין די געשעפטען, נאר אויך אין די וואוינונגען. מען האט גערויבט „פאר'ן שטאאט" און — „פאר דער נאצי-פארטיי"; „פאר'ן מיליטער" און — „פאר זיך"; הויפט-זעכליך — פאר זיך! מען האט שוין נישט מעהר געקליבען, נאר גערויבט אלעס וואס עס האט זיך נאר געלאזט. אין דער ערשטער ליניע האט מען צוגענומען: געלד, ציהרונג, גאלדענע אוהרען און זילבערנע לייכטער; דאן האט מען גערויבט: וועש, אנציגער, שיך, זאקען און זאגאר שפייז-ארטיקלען. עס האבען גערויבט אזעלכע, וואס האבען נאכהער געגעבען א „בעשטעט-יגונג" און אזעלכע וואס האבען נישט איבערגעלאזט קיין „בעשטעטיגונג".

יעדער פערברעכער-יונג האט זיך פערשאפט א צוויי-דריי שותפים; זיי האבען זיך אנגעטהון האקענקרייץ (סוואסטיקא) בענדער און מען איז געגאנגען צוזאמען רויבען אין די יודישע

וואוינונגען. איין רויבער האָט זיך געשטעלט, מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנד, פאַר'ן הויז־טויער; אַ צווייטער רויבער האָט זיך געשטעלט פאַר דער וואוינונגס־טהיר און די איבעריגע האָבען איבערגעקעהרט די וואוינונג, צוגעהמענדיג אַלעס וואָס זיי האָבען נאָר אין איהר געפונען.

די צום טויט־דערשראָקענע יודען האָבען געדאַנקט גאָט, וואָס די רויבער שענקען זיי דאָס נאַקעטע לעבען. וואָרום עס זענען געווען פאַלען, ווען די רויבער האָבען, נאָכ'ן אויסלעדיגען די וואוינונג, אויך פערשלעפּט מיט זיך די גאַנצע פאַמיליע.

אַזוי איז געווען אַ פאַל מיט אַ יודישער פאַמיליע אין דער קלויסטערנויבורגער־שטראַסע, אין 20־טען בעצירק. אין געשעפט פון דער דאָזיגער פאַמיליע איז דריי יאָהר געווען בעשעפטיגט אַן „אַרישער" אַנגעשטעלטער. מאָנטאָג, דעם 14־טען מערץ, איז אָט דער אַנגעשטעלטער געקומען צו זיין יודישען אַרבייטס־גע־בער און געפאָדערט פון איהם אַ געוויסע סומע געלד. ווען דער יוד האָט זיך אָבגעזאָגט צו געבען די געפאָדערטע סומע געלד — איז דער „אַרישער" שאַנטאַזשיסט אַרויס אויף דער גאַס און איז באַלד צוריקגעקומען, אין בעגלייטונג פון עטליכע בעוואָ־פענטע נאַצי־רויבער. די לעצטע האָבען דאַן אויסגערויבט די גאַנצע וואוינונג, צוגענומען אַ גרויסע סומע באַר געלד און צום שלום האָבען זיי ערשט גענומען די גאַנצע יודישע פאַמיליע אין „שוץ־האַפט", וואו זי איז אָבגעזעסען צירקא דריי מאָנאַטען.

דאָרט, אין דער טורמע, איז אָט דער יוד געוואָרען גע־שלאָגען, ער זאָל אונטערשרייבען, דאָס ער פערציכטעט אויף דעם גאַנצען פערמעגען, וואָס מען האָט ביי איהם צוגערויבט און אַז ער וועט זאָפאָרט פערלאָזען עסטרייך.

צו אַ יודישער פאַמיליע אין דער שערצער־גאַס איז מען געקומען רויבען. די פרוי איז אַרויסגעלאָפען אויפ'ן באַלקאָן און גערופען הילף! אָבער דער אַנגעלאָפענער „אַרישער" פעבעל, דע־

רונטער מעהרערע פרויען, האָט צו איהר ווילד אַרויפגעלאַכט און געשריגען: „זעהר גוט, זעהר ריכטיג, יידין!" . . .

ביי אַ יודישער פאַמיליע אויפן זאַקסען־פּלאַץ, אין 20־סטען בעצירק, האָט ווידער פּאַסירט אַזאַ פאַל: אַ קריסט איז שולדיג געווען יאָהרען־לאַנג געלד צו אַט דער פאַמיליע, וואָס ער האָט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט בעצאָהלען. דער יוד האָט איהם אָנגעקלאָגט אין געריכט און אויך אַרויסבעקומען אויף איהם אַן אורטייל. מאָנטאָג, דעם 14־טען מערץ, איז דער דאָזיגער קריסט געקומען, אין בעגלייטונג פון עטליכע „גוטע ברידער", זיך אָברעכענען מיט זיין יודישען קרעדיטאָר. טרע־פענדיג די וואוינונג פערשלאָסען, האָבען זיי אין מיטען העלען טאָג אויפגעבראָכען די טהיר, זענען אריין אין דער וואוינונג און דורכגעפיהרט אַ שוידערהאַפטען פּאָגראָם. דאָס גאַנצע גע־שיר צעבראָכען; דאָס מעבעל — צעהאַקט אויף שטיקלעך; די קאַנאַפּע — צעשניטען; אויפגעריסען דאָס בעטגעוואַנד און אַרויסגעלאָזט די פעדערען; אַרויסגעריסען די שלעסער פון די טהירען און אויסגעזעצט אַלע פענסטער־שויבען; איבערגעריסען דעם טעלעפאָן און אומגעוואָרפען דעם אויוועז. דאַגעגען האָבען זיי „געשוינט" די אָנציגער, וועש, קליידער, דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט און עהנליכע ווערט־זאַכען, ווייל — דאָס אַלעס האָבען זיי מיטגענומען . . .

פאַר דעם גרויסען שפּייז־געשעפט פון שושאַ, אין דער קרומבאַום־גאַס, איז זעקס אוהר אין דער פריה פערפאָהרען אַ לאַסט־אויטאָ, פון וועלכען עס זענען אויסגעשטיגען פיער נאַצי־יונגען. ווען זיי האָבען געטראָפען דאָס געשעפט גע־שלאָסען, זענען זיי אַוועק צו איהם אין דער וואוינונג און גע־בראַכט פון דאָרט די געשעפטס־שליסלען און אויסגעלעדיגט דאָס גאַנצע געשעפט.

ביי דער יודישער פאַמיליע כאַמעט, אין צווייטען בעצירק, האָבען פיער נאַצי־רויבער אָנגעקלאַפּט אין מיטען דער נאַכט.

אין בעט איז געלעגען כאַמעט׳ס ערשט-פֿערהייראַטע טאָכטער; האָבען די רויבער אַרונטערגעריסען פֿון איהר דעם קידושין-רינג און די אויער-רינגען. ווען איהר מאַן האָט געמאַכט אַ בעוועגונג צוצוגעהען צום טעלעפֿאָן, אום צו רופֿען הילף, האָבען די רויבער צו איהם געשאָסען!

אין 9-טען בעצירק האָט זיך אַ יודישער יונגערמאַן גע־פּרובט ענטגעגענשטעלען די רויבער, — האָבען זיי איהם דער־שאָסען אויפ׳ן אָרט. פֿאַר צרות האָט זיך זיין מוטער באַלד אַראָבגעוואָרפֿען פֿון 4-טען שטאָק.

דערהערענדיג אַזאַ שרעקליכע געשיכטע, זענען די יודישע מאַמעס געלאָפֿען צו זייערע קינדער זיך בעטען, אַז מען זאָל זיך, גאָט בעהיט, נישט ענטגעגענשטעלען, נאָר אַלעס וואָס די רויבער ווילען — זאָל מען זיי געבען . . .

מאָנטאָג, דעם 14-טען מערץ, האָב איך געזעהען, ווי „ס.אַ.״-יונגען האָבען אַרויסגעטראָגען טעקסטיל-אַרטיקלען פֿון די יודישע געשעפֿטען אין ערשטען און אין צווייטען בעצירק. הונדערטער מענשען זענען געשטאַנען אויף די גאַסען און האָבען זיך צו דעם גאַנץ גלייכגילטיג צוגעקוקט. ווען די רויבער האָבען געטראָפֿען אַ געשעפֿט געשלאָסען, האָבען זיי עס אויפֿגעבראָכען און אויס־געלעדיגט, און ווען אַזאַ בערויבטער יוד האָט זיך דערוואַגט עפּעס צו זאָגען, האָבען איהם די רויבער זאָפֿאָרט אַרעסטירט.

עס זיינען געווען פֿאַלען ווען יודען, אויסלענדישע בירגער, האָבען זיך ענטגעגענגעשטעלט און ביי מאַנכע איז עס געלונגען. אַזוי צום ביישפּיעל האָט אַ פּוילישער יוד זיך געשטעלט פֿאַר זיין געשעפֿט אין דער גרויסער שיף-גאַס און האָט ערקלערט קאַטעגאָריש, אַז אַזוי ווי ער איז אַ פּוילישער בירגער, וועט ער זיך נישט לאָזען בערויבען. „אויב איהר ווילט — האָט ער גע־זאָגט צו די רויבער — וועל איך רופֿען פּאָליציי און זאָל זי, די פּאָליציי, מאַכען די רעוויזיע, אָבער איהר — פֿאַר קיין פֿאַל נישט!״

— „גוט — האָבען די רויבער געענטפערט — געהען מיר צוזאַמען ברענגען פּאָליציי".

ווען די פּאָליציי איז געקומען, האָט דער יוד אַרויסגענומען זיין גאַנץ געלד פון דער קאַסע און עס איהר געגעבען. נאָכהער האָט דער פּוילישער קאָנסול אינטערווענירט און דער יוד האָט צוריקבעקומען זיין געלד.

דאַגעגען ביים רעסטאָראַטאָר יוגענד — אויך אַ פּוילישער בירגער — האָבען די רויבער צוגענומען עטליכע טויזענד שילינג און איידער וואָס־ווען, זענען זיי פערשוואונדען. דאָס זעלבע איז אויך געשעהען מיט יודען, וואָס זענען געווען רומענישע, אונגאַרישע אָדער טשעכישע בירגער.

אין דער האַמערפּורגשטאַל־גאַס האָט זיך געפונען אַ יודיש גאַסט־הויז. זענען דאָרט אַריינגעקומען צוויי נאַצי־רויבער און האָבען בערויבט אַלע אַנוועזענדע געסט. נאָכהער האָבען זיי גענומען פאָדערען געלד פון בעל־הבית. נישט געפינענדיג ביי איהם אין די טאַשען קיין געלד, האָבען זיי איהם, אין מיטען העלען טאָג, געפיהרט אין זיין וואוינונג, צו מאַכען דאָרט אַ „רעוויזיע". דער יוד האָט געמוזט געהען איבער דער גאַס האַלטענדיג די הענד אין דער הויך. יודישע פרויען, וואָס האָבען דורך זייערע פענסטער דאָס צוגעזעהען, האָבען גע׳חלש׳ט פאַר שרעק און אויפרעגונג.

אין זעלבען טאָג איז צום טשאָרטקאָווער רבי׳ן, אין דער היינע־שטראַסע, געקומען אַ באַנדע נאַצי־רויבער און האָבען ביי איהם צוגענומען אַלעס, וואָס ער האָט נאָר פערמאָגט: ציהרונג, גאָלדענע אוהרען און אַפילו דעם רבי׳נס גאָלדענע פיל־פעדער. צום שלום האָבען די רויבער גענומען זוכען געלד, וואָס זיי האָבען אָבער נישט פיעל געפונען. דערפאַר האָבען זיי נאָך צוגערויבט דעם גאָלדענעם חנוכה־לאָמפּ און דאָס זילבערנע בשמים־ביקסעל . . .

אין יענעם טאָג האָבען די נאַצים גערויבט אויך ביי איין

איינציגער קריסטליכער פאַמיליע — אין דער וואוינונג פון דער מאַדאַם אירענע האַראַנד. ווי איך האָב שוין פריהער געשריבען, האָט זיך די דאָזיגע קריסטליכע פרוי, די קעמפּפערין געגען אַנטיסעמיטיזם און ראַסען־האַס, גראַד געפונען אין אויסלאַנד, ווען עס איז געקומען דאָס אונגליק אויף עסטרייך, און נישט האָבענדיג קיין מעגליכקייט זיך אָפּצורעכענען מיט איהר, מיט דער מאַדאַם האַראַנד „פּערזענליך" — זענען די נאַציס אַריין אין איהר וואוינונג, וואָס האָט זיך געפונען אין 5־טען בעצירק און אַלעס אויסגעפּלינדערט. נאָכהער האָבען זיי דעמאָלירט די וואוינונג.

**

ווי איך האָב פריהער דערמאָנט, האָט זיך אויף דער טאַבאָר־שטראַסע געפונען אַ ריזיג גרויס וואַרען־הויז פון פיער יודישע ברידער. איך האָב אויך ערצעהלט, ווי זיי האָבען אין לעצטען אויגענבליק געפּרובט אַנטלויפען קיין אויסלאַנד, וואָס עס איז זיי אָבער נישט געלונגען. אין זייער וואַרען־הויז האָבען זיך געפונען סחורות אין ווערט פון פיעלע מיליאָנען שילינג. דעריבער האָבען די נאַצי־רויבער נישט געקענט פערטיג ווערען דערמיט אַזוי שנעל. אַכט טעג האָט עס געדויערט ביז דאָס וואַרען־הויז איז געוואָרען טאָטאַל אויסגעלעדיגט. עטליכע צעהנדליג נאַצי־יונגען האָבען בעוואַכט דאָס וואַרען־הויז פון דרויסען און נאָך עטליכע צעהנדליג נאַציס זענען געווען בעשעפטיגט ביים אַרויסטראָגען פון דאָרט די סחורות און זיי אויפלאָדענען אויף די לאַסט־אויטאָס.

פערטיג געוואָרען מיט דעם ריזען־רויב — האָט מען די שוי־פענסטער און טהירען פערקלאַפּט מיט לאַנגע און ברייטע ברעטער, אויף וועלכע מען האָט אויפגעשריבען פערשידענע שמוציגע אויפשריפטען און די ווינער נאַצי־פּרעסע האָט זיך גאָר נישט געקענט אָבלויבען, וואָס היטלער האָט „ענדליך בע־

פרייט דאָס עסטרייכישע פאָלק פון די פיער יודישע פער־ברעכער״ . . .

⁂

צו דער זעלבער צייט זענען נאַצים אַרומגעגאַנגען איבער די יודישע סינאַגאָגען, שוהלען און בתי־מדרשים און געוויבט אַלע כלי־קדוש; די ספרי־תורה האָבען זיי געוואָרפען אויף דער ערד; די גמרות — צעריסען און ביים אַוועקגעהען האָבען זיי נישט פערגעסען מכבד צו זיין די אַנוועזענדע יודען מיט קלעפּ. מאָנטאָג פאַרמיטאָג האָבען די נאַצים בערויבט די גרויסע „פוי־לישע שוהל״ אין דער לעאָפּאָלדס־גאַס; דאָס פּאַצמעניטען־טעמפּעל; דאָס קהלה־טעמפּעל אין דער זייטענשטעטען־גאַס; די „שיף־שוהל״ און אויך אַלע חסידישע קלויזען.

מאַנכע שוהלען זענען געווען געשלאָסען. האָבען די רויבער אויפגעזוכט די שמשים און זיי געצוואונגען אויפצושליסען די שוהלען.

אויף דעם גאָונס־פּלאַץ, אין 20־סטען בעצירק, האָט זיך געפונען אַ גרויסע שוהל. מאָנטאָג אין דער פריה זענען דאָרט אַריינגעפאַלען אַ כאָפּטע נאַצים און גענומען שלאָגען די אַנ־וועזענדע מתפללים. זיי האָבען געשלאָגען די אַלטע און שוואַכע יודען מיט שטעקענס, מעסערס און שטיינער. די געוואַלדען פון די בעפאַלענע יודען האָט מען געהערט ביז אין דער צעהנטער גאַס. דעם שמש, אַגב אַן ארץ־ישראל בירגער, האָבען זיי אַזוי צעשלאָגען, אַז ער איז נאָכהער געלעגען איבער זעקס וואָכען שווער קראַנק. פאַר שרעק און יסורים איז דער דאָזיגער יוד אינגאַנצען גרוי געוואָרען.

⁂

אַמביטערסטען האָבען אָבגעשניטען די יודישע אינסטיטו־ציעס און פּאַרטיי־לאָקאַלען. די נאַצים האָבען באַלד מאָנטאָג אין דער פריה בעזעצט דאָס הויז פון דער יודישער קולטוס־געמיינדע, ארץ־ישראל אמט; די לאָקאַלען פון די יודישע שולען, תלמוד־

תורה׳ס, ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, יודישע יוגענד־פערבאַנדען און פון דער „אגודת־ישראל״. די אַלע הייזער זענען געוואָרען בעזעצט און אַלעס דאָרט פערהאַנענע איז געוואָרען פערניכטעט.

די יודען האָבען גאָר נישט געוואוסט דערפון און זיי זענען נעביך געלאָפען צו די יודישע אָרגאַניזאַציעס אום צו בעטען הילף און וועלכער יוד עס איז נאָר אַריינגעקומען אין אַזאַ יודישער אינסטיטוציע, האָבען איהם די נאַצים אַרעסטירט און אירגענד־וואו פערשלעפט.

אין דער לעאָפּאָלדס־גאַס האָט זיך געפונען דאָס לאָקאַל פון דעם קאָמיטעט צו אונטערשטיצען די דעקלאַסירטע יודען אין סאָוויעט־רוסלאַנד. מאָנטאָג נאָכמיטאָג האָבען די נאַצים בע־זעצט אויך דאָס לאָקאַל, וואו זיי האָבען צוגערויבט די שפּייז־פּאַקעטען, וואָס זענען געווען פאָרגעבריים צו שיקען קיין רוס־לאַנד; אַלע שרייב־מאַשינען; מעהרערע ארביימס־מאַנטלען און אויך עטוואָס געלד. די אָנגעשטעלטע און אַזוי בעקאַנטע האָבען גאָר נישט געהאָט קיין אַהנונג וועגען דעם און וועלכער פון זיי עס איז נאָר אַריינגעקומען אין לאָקאַל — האָט מען אַרעסטירט. ביז אויף דער נאַכט האָבען זיך שוין דאָרט גע־פונען איבער צוואַנציג יודען, מענער און פרויען. מען האָט זיי אָבגעהאַלטען אַ גאַנצע נאַכט און אין דער פריה האָט מען זיי, ווי די הערינג, אַרויפגעפּאַקט אויף אַ לאַסט־אויטאָ און אָבגע־פיהרט אין „ברוינעם־הויז״, פון 19־טען בעצירק, וואו אַ „קאָמיסאַר״ האָט זיי רעווידירט, אָוועקגענומען דאָס געלד און די ווערטפולע חפצים און די יעניגע, וואָס זייערע דאָקו־מענטען זענען געווען מיט עפּעס אַ פראַגע־צייכען — זענען געשיקט געוואָרען אין טורמע אַריין.

צווישען די דאָזיגע יודען האָט זיך געפונען אַ יודישער יונגערמאַן, קאַפּלאָוויטש פון ליטע, ביי וועלכען מען האָט גע־פונען צוויי ענגלישע פונט. דאָס איז שוין געווען אַ „גרונד״ צו אַרעסטירען איהם אַלס „וואַליוטען־הענדלער״. פינף טעג האָט

מען איהם געהאַלטען אין אַרעסט-הויז, וואו ער איז געפּייניגט געוואָרען מיט די גרעסטע יסורים. ערשט אַ דאַנק דער ענער־גישער אינטערווענץ פונ'ם ליטווישען קאָנסול איז ער געוואָרען בעפרייט פונ'ם תפיסה-גיהנום.

אָבער ער האָט געמוזט אונטערשרייבען אַן ערקלערונג, אַז: 1) ער איז אַ „קאָמוניסט"; 2) ער האָט דאָס געלד „גע'־גנב'עט" ביי אַ דייטש און 3) אַז דאָס וואָס ער האָט אַ צעביילט געזיכט, אונטערגעשלאָגענע אויגען און געשוואָלענע הענד — איז דערפאַר, ווייל „ער איז אַרונטערגעפאַלען פון די שטיגען"...

## די „אַרישע" דינסטען און זייערע „חתנים"

גאַר אַ טרויעריגע ראָלע האָבען ביי דעם דאָזיגען רויב־פּאָגראָם אין וויען געשפּיעלט די „אַרישע" דינסט־מיידלעך, וועשערינס און די אַזוי־גערופענע „בעדינערינס". זיי האָבען דאָס אונטעררייכט זייערע „חתנים", געליבטע, „פריינד" און אויך אַלפאָנסען, ביי וועלכען יוד עס איז פערהאַנען פיעל צו רויבען.

אין וויען האָבען געלעבט אונגעפעהר פופציג טויזענד יודישע פאַמיליען. ביי אַ צוואַנציג טויזענד יודישע פאַמיליען זענען „אַרישע" מיידלעך געווען אַנגעשטעלט אַלס סטאַבילע און שטענדיגע „הויז־ווירטשאַפטערינס" און די איבעריגע יודישע פאַמיליען האָבען געהאַט „אַרישע בעדינערינס" אויף בלויז איין אָדער צוויי טעג אין דער וואָך.

אויסער דעם האָבען טויזענדער „אַרישע" פרויען און מיידלעך געהאַט בעשעפטיגונג ביי יודען אַלס וועשערינס, קינדער־פּפלעגערינס און דעסגלייכען. אַט די אַרמעע פון צעהנדליגער טויזענדער „אַרישע" דינסט־פרויען האָט זיך זעהר גוט אויסגעקענט אין די פערהעלטענישען פון די יודישע הייזער און אַזוי ווי יעדע אַזאַ צעיווירענע שיקסע האָט זיך, ווי געוועהנליך, געהאַט איהר'ס אַ „שאַץ" און אַ „פריינד", וואָס האָט זיך רעקרוטירט מעהרסטענטייל פון צווישען דער אונטערוועלט און נידעריגען פעבעל, האָבען זיך דערפאַר עטליכע צעהנדליג טויזענד גאַסען־יונגען און אונטערוועלט־„העלדען" אַרויסגעלאָזט אין יענע מערץ־טעג צו רויבען ביי די יודען אין וויען.

די רויבער האָבען נישט געהאַט קיין אַנשטרענגענדיגע אַרבייט: אַריינקומענדיג אין אַ יודישער וואוינונג, זענען זיי גלייך געגאַנגען צום „ריכטיגען־פּלאַץ" און גענומען פון דעם

גרייטען, דען זייערע „כלות", וועלכע האָבען יאָהרען־לאַנג געזויגען יודיש־בלוט — האָבען זיי שוין געהאַט גענוי אונטער־ריכט, וואו אַלעס ליגט. הויפּטזעכליך, וואו עס ליגט דאָס ציהרונג און די זיידענע וועש פון דער יודישער בעל־הבית'טע...

צו אַ יודישען ראַטען־הענדלער, אויפ'ן קאַרמעליטען־פּלאַץ, זענען אין מיטען דער נאַכט געקומען דריי נאַצי־באַנדיטען, געפיהרט פון דער „געמיינזאַמער" כלה, אין וועלכער דער יוד האָט גלייך דערקענט זיין געוועזענע וועשערין. אָהן שטוואָס צו פרעגען, זענען זיי צו צום וועש־קאַסטען און אַרויסגענומען פון אַ זאַק זעקס הונדערט שילינג.

צום ה' שרייבער, אין דער נעסטראָ־גאַס, אַן אָרעמער לע־בענסמיטעל־הענדלער, איז מען געקומען זוכען געלד; פּאַרדאַן — „קאָמוניסטישע ליטעראַטור" . . . ה' שרייבער האָט אין איינעם פון די רויבער דערקענט דעם „שאַץ" פון דער שיקסע, וועלכע האָט מיט צעהן יאָהר צוריק ביי איהם געדינט . . .

ביי אַ בעקאַנטער יודישער פאַמיליע האָט דאָס „אַרישע" דינסט־מיידעל געזאָגט צו איהר יודישער ברויט־געבערין: „גנע־דיגע פרוי, איך וועל נעהמען אַלע אייערע ווערט־זאַכען און זיי אַריינטראָגען צו מיר, אין קאַבינעט, און ווען מען וועט קומען רויבען, וועל איך זאָגען, אַז די זאַכען געהערען צו מיר. די יודישע פרוי איז געוועזען פול מיט דאַנקבאַרקייט צו אָט דער נאָבעלער „אַריערין" און זי האָט איהר דערפאַר פערשפּראָכען אַ שעהנע מתנה. אָבער אין צוויי טעג אַרום איז דאָס מיידעל געקומען פון דער גאַס, פיהרענדיג מיט זיך צוויי נאַצי־יונגען, וועלכע האָבען גלייך גענומען איינפּאַקען די אַלע ווערט־זאַכען, וואָס זענען געלעגען אין צימער פון דעם דינסט־מיידעל. און ווען די לעצטע האָט בעמערקט די שטוינונג, וואָס איז אויסגע־גאָסען אויפ'ן געזיכט פון איהר יודישער בעל־הבית'טע, האָט זי, מיט עכטען נאַצישען ציניזם, אַ זאָג געטהון: — „. . . דו, יידין — האָסט טאַקע געגלויבט, אַז איך וויל דיך שיצען פאַר

די רויבער? עס הויבט זיך גאר נישט אן! איך האב נאר געוואלט, אז אלע דיינע זאכען זאלען אריינפאלען נאר אין די הענד פון מיינע „פריינד". אבער ביז יעצט זענען זיי געווען „בעשעפטיגט" ביי אנדערע יודען. דא, ביי דיר האבען מיר אונז געלאזט אויף שפעטער, ווייל מיר האבען געוואוסט, אז עס וועט אונז נישט פערלוירען געהען. פערשטאנען?" . . .

עס זענען געווען אזעלכע דינסט-מיידלעך, וואס האבען אפען און פרעך געזאגט צו זייערע יודישע בעלי-בתים: „גיב מיר זאפארט אט דאס אווענד-קלייד, אט דעם מאנטעל; אין געגענפאל וועל איך דיר ארויפשיקען א „ס.א."-יונג און דאן — וועט עס דיך שוין פיעל מעהר און טייערער קאסטען!" . . .

די „בעסערע" און „שעהמעוודיגע" פון אט די אויסגעלא־סענע שיקסעס, וואס האבען נישט געהאט דאס „הערץ" צו רויבען, האבען ווידער אזוי געטהון. זיי האבען זיך געווענדעט צו זייערע יודישע בעל-הבית'טעם דורך אזא אופן: „גנעדיגע פרוי, מיין „פריינד", דער פראנצעל, האט מיר נעכטען ערצעהלט, אז ער אליין האט געהערט, אז די (נאצי) פארטיי וועט אוועק־נעהמען פון די יודען זייער גאנץ פערמעגען. אויב אזוי — גיב־זשע מיר דיין פריהלינג-מאנטעל, דיין הוט און עטליכע פאר זיידענע זאקען, און טאקע אויך אט-א-דעם בריליאנט-רינג פון דיין האנד, דען סיי-ווי וועט מען עס דאך פון דיר אוועק־נעהמען!" . . .

און די „גנעדיגע פרוי" האט טאקע געגעבען, ווארום א ברירה האט זי געהאט? . . .

# אַלפאָנסען, גאַסען-פּרויען און דינסטען האָבען זיך אויסגעקליידט

ווען היטלער האָט פערבאַפּט עסטרייך, האָט ער אהין געשיקט זעכציג טויזענד סאָלדאַטען און צוואַנציג טויזענד „ס.ס."- און „ס.אַ."-יונגען. די לעצטע — שיינבאַר אויף צו „בעשיינען די שמחה". אָבער די דאָזיגע דייטשע היטלער-יונגען זיינען געווען אויסגעבלייכט, ווי נאָך אַ שווערער קרענק, דען היטלער און געהרינג האָבען דאָך זיי געגעבען כסדר „קאַנאָנען אַנשטאַט פּוטער" און „גאַז-מאַסקעס אַנשטאַט ברויט". דערפאַר אָבער האָבען זיי אין ווין געהאַט זעהר אַ „גוטען-שניט". אַ דייטשער היטלער-יונג האָט געהאַט דעם פּאָרצוג. ער איז געוואָרען פּאַוואָריזירט ביים רויבען יודיש פערמעגען. אויסער געלד, ציהרונג, קליידער און עהנליכע „פּראָזאַאישע" אַרטיקלען, האָבען די דייטשע היטלער-רויבער אויך גאָר שטאַרק געזוכט שפּייז-אַרטיקלען און פיינע געטראַנקען.

די דייטשע וואַגאַבונדען האָבען זיך טאַקע בעריהמט, אַז זיי האָבען זיך שוין לאַנג נישט אַזוי זאַט אָנגעגעסען. דאַגעגען די עסטרייכישע נאַצי-רויבער, וועלכע היטלער האָט „בעפרייט פון שושניג'ס קנעכטשאַפט", זיי האָבען נישט געזוכט קיין שפּייז-אַרטיקלען; זיי האָבען „גענומען" נאָר געלד, ציהרונג און אַנדערע ווערטפולע זאַכען.

אַ פּראָמינענטער יודישער סוחר, מיינער אַ גוט-בעקאַנטער, האָט מיר ערצעהלט, אַז ווען ער איז אין אָנפאַנג אַפּריל געקומען צו זיינער אַ קריסטליכער קליענטקע איינקאַסירען אַ חוב, האָט יענע פאַר איהם געוויינט, אַז זי קען שוין מעהר נישט צוזעהען, וואָס אין ווין שפּיעלט זיך אָב. זי וואָלט זיך קיינמאָל נישט

פאַרגעשטעלט, אַז בעשעפעניש ען אין מענשען־געשטאַלט זאָלען פעהיג זיין אויף אַזעלכע ווילדקייטען. זי איז אייגפאַך גאָר נישט אימשטאַנד צו שילדערען אַלעס, וואָס זי האָט געזעהען. אָבער אַמשטאַרקסטען קרענקט איהר, וואָס אין די דאָזיגע רציחות געגען יודען האָבען זיך אויך בעטייליגט איהר׳ס אַ שוועסטער און שוואָגער. דער לעצטער איז געווען אַרבייטסלאָז. נאָר ווען די נאַצים זענען געקומען קיין עסטרייך, האָט ער זיך באַלד אָנ־געטהון אַ האַקענקרייץ־באַנד און צוזאַמען מיט זיינעם אַ פריינד, אַ „ס.אַ.״־יונג, זענען זיי נאַכט־ביי־נאַכט געגאַנגען צו יודען רויבען. יעדען אין דער פריה זענען זיי אַהיימגעקומען מיט פולע טאַשען מיט געלד, מיט אַנציגער, דאַמען־קליידער, וועש און דעסגלייכען.

יעדער איינער פון זיי האָט זיך אָנגעזאַמעלט צו פופציג אַנציגער, עטליכע טוץ שיך, אַ מענגע העמדער, מאַנטלען א. אַ.וו. א.אַ.וו. אויסער דעם האָבען זיי זיך אָנגעזאַמעלט איבער פופציג טויזענד שילינג באַר געלד, מיט וועלכען זיי האָבען בעשלאָסען צו עפענען זיך אַ געשעפט.

⁂

און אויף די גאַסען פון וויען האָבען זיך אָנגעהויבען בע־ווייזען נייע „עלעגאַנטע דאַמען״ און „עלעגאַנטע קאַוואַליערען״. מען האָט געזעהען יונגע און עלטערע שקצים, וואָס זיי אָדער זייערע עלטערען זענען הויז־וועכטער ביי יודען, אָדער אַלפאָנסען פון „בערוף״. מעסער־שטעכער, גאַסען־יונגען און איינברעכער, אָנגעטהון אין די פיינסטע אַנציגער, מאָדערנע הוטען, לאַק־שיך, און מיט גאָלדענע האַנד־אוהרען. מען האָט אויך געזעהען יונגע און אַלטע „אַרישע״ זונות, ברייט־צעקראָכענע מוידען מיט קור־צע רונדע פיס ווי קלעצער און מיט אַ מאַסע שמינקע און פודער אויף זייערע פערוועלקטע זינדיגע געזיכטער ; וועשערינס, בע־דינערינס און „מוהמעס״, אָנגעטהון אין די פּרעכטיגסטע פער־

זיאַנער מאַנטלען און זיידענע קליידער, וואָס האָבען געפּלאַצט פון ענגשאַפט אויף זייערע „גראַציעז-געטאָקטע פיגורען" . . .

דער גרעסטער טייל פון די רויבער האָט נישט „געאַרבייט" אין דער געגענד, וואו זיי האָבען געוואוינט, נאָר אין די ווייטערע בעצירקען. יעדען פאַרנאַכט האָבען די יונגען מיט די שיקסעס פערלאָזט די היימען און זענען אַוועק אין ביר-הויז, וואו מען האָט זיך שוין געטראָפען מיט „קאָלעגען". און נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט אַ „שהכל" האָט מען זיך ארויסגעלאָזט צו דער „אַרבייט".

און אין דעם נעכסטען פריהמאָרגען זענען די רויבער אַהיימגעקומען צוריק, טראָגענדיק מיט זיך פולע זעק מיט יודיש האָב און גוטס.

מאַנכע גאַסען-פרויען האָבען זיך אויסגעשלייערט אין „עסיג און אין האָניג", ווי „חוה טשאָפ צום גט", און זיי זענען געגאַנגען צו די יעניגע יודישע פרויען, וועמענס פערמעגען זיי האָבען אויף זיך געטראָגען, כדי זיך מיט יענע צו רייצען . . .

## „לעגאַלע" און „אונלעגאַלע" רויבער

אין אונזער פעריאָמערט און פערפינסטערט לעבען האָבען מיר יודען אין עסטרייך נאָך געמוזט זיך אויסלאַבען; עס איז אָבער געווען אַ קראַמהאַפט־היסטעריש לאַכען פון אַ בעשפּי־געגעם און צעטרעטענעם — פון האָפנונגסלאָזע מענשען.

מיר האָבען געלאַכט איבער די געפאַלענקייט פון אונזערע גרויזאַמע פיינינער, אין וועמענס עקעלהאַפטען ציניזם עס האָט זיך אויך געפונען גאָר אַ גרויסע דאָזע אידיאָטיזם.

יעקע נאַר!!!

ווען די נאַצי־פיהרער האָבען געזעהען, אַז יעדער איינער רויבט, האָבען זיי מורא בעקומען, אַז עס וועט נישט בלייבען גענוג פאַר זיי. און וואָס האָבען זיי געטהון? זיי האָבען פער־עפענטליכט, אין זייערע „גלייכגעשאַלטעטע" און אינהאַלטסלאָזע שמאָטע־צייטונגען, אָן אַפּעל צו דער יודישער בעפעלקערונג, אַז מען זאָל נישט אַריינלאָזען אין די וואוינונגען אָדער געשעפטען אַזעלכע רויבער, וואָס בעזיצען נישט קיין „פולמאַכט" פון דער אָפּיציעלער נאַצי־פּאַרטיי צו רויבען!....

פערשטעהט זיך, אַז די פערברעכער האָבען געהערט זיי־ערע „פיהרער" ווי המן דעם גרעגער און זיי זענען זיך ווייטער געגאַנגען רויבען. איבעריגענס — קיין יוד האָט זיך נישט דער־וואַגט צו פערלאַנגען פון די רויבער אַ „פולמאַכט", וואָרום די לעצטע זענען שטענדיג געקומען מיט רעוואָלווערען אין די הענד. אייגענטליך, וואָס איז דעם אונגליקליכען יוד געווען אַן אונטער־שיד צו וועלכען פערברעכער זיין האָב און גוטס וועט אַריינ־פאַלען: צו אַ „לעגאַלען" אָדער צו אַן „אונלעגאַלען" באַנדיט!...

די נאַצי־„פיהרער" האָט עס אָבער נישט געשמעקט. קאָנ־

קורענץ. האָבען זיי ווידער פערעפענטליכט אַ מעלדונג, אַז ווען אַ „פולמאַכטלאָזער" פערברעכער קומט רויבען, זאָל מען זאָ־פאָרט רופען פּאָליציי, וועט זי אַרעסטירען די „קאָמוניסטישע פּראָוואָקאַטאָרען", וואָס פערמאַסקירען זיך אַלס נאַצים און געהען אַבזיכטליך רויבען, כדי דערמיט צו פערשוואַרצען דאָס ברוין־היטלערישע פּנים אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט!

האָבען זיך געפונען יודען, וואָס האָבען זיך אָנגענומען מיט מוט און גערופען פּאָליציי. אָבער ווען די לעצטע איז געקומען, האָט זי ראשית־כל פערלאַנגט פופציג (50) שילינג פאַר'ן וועג און נאָכהער איז ערשט געקומען די קורצע און לאַקאָנישע ער־קלעהרונג, אַז די פּאָליציי איז דאָ גאַנץ מאַכטלאָז; זי האָט שוין מעהר גאָר נישט צו זאָגען, און אויב די נאַצי־„פיהרער" ווילען אויפריכטיג מאַכען אַן ענדע צום פערמאַנענטען פּאָגראָם אויף די יודען — דאַן זאָלען זיי שיקען מיליטער, מיט אַ בעפעהל צו אַרעסטירען די רויבער.

און דער רויב־צוג איז ווייטער אָנגעגאַנגען. מיט יעדען טאָג ווייטער — אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב. פאַר יעדען יודיש גע־שעפט און וואוינונג זענען געשטאַנען לאַסט־אויטאָס, אויף וועלכע מען האָט אויפגעלאָדענט די יודישע פערמעגענס. נאָר וועניגער פון אַלע איז געוועזען מקנא צו זיין די יודישע געשעפטען פון קינדער־שפּיעלצייג און זיסוואַרג. דער מאָב האָט גענומען די קינדער און געגאַנגען אין די דאָזיגע יודישע געשעפטען, וואו מען האָט זיך אויסגעקליבען וואָס נאָר דאָס אויג האָט געזעהען. וועה איז געוועזען דעם יוד, וואָס האָט זיך ערלויבט צו מאַכען אַ קרומע מינע. די הינטישע נאַצי־פרוי איז דאַן אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס און האָט גערופען „הילף", ווייל דער „פערפלוכ־טער יודע" האָט זי מיסהאַנדעלט! . . .

דער גרעסטער רויב־פּאָגראָם האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין 4־טען און 10־טען בעצירק, וואו עס האָבען געוואוינט עטליכע טויזענד רייכע יודען. דאָרט האָט מען אַלע יודען געצוואונגען

צו אונטערשרייבען, אז זיי פערציכטען „פרייוויליג" אויף זייערע הייזער, געשעפטען און אנדערע פערמעגענס. די יעניגע יודען, וואס האבען נישט אזוי שנעל אונטערשריבען, האט מען גענומען אין „שוץ־האפט", וואו מען האט זיי געהאלטען וואכען און מאנאטען, געפייניגט מיט די גרעסטע יסורים, ביז זיי האבען אונטערשריבען, אז זיי פערציכטען אויף אלעם, וואס מען האט שוין גענומען פון זיי אוועקגענומען . . . פיעלע פון אט די אונגליקליכע יודען האט מען, נאכדעם ווי זיי האבען אונטערשריבען דעם פערציכט אויף זייערע פערמעגענס — פערשיקט אין א קאנצענטראציע־לאגער.

מען שעצט דעם ווערט פון דעם רויב ביי די יודען פון בלויז די דערמאנטע צוויי בעצירקען אויף דרייסיג מיליאן אמעריקאנער דאלאר! . . .

אביסעל שפעטער איז געווארען נאך ערגער, ווייל די נאצים האבען זיך שוין נישט מעהר בעגנוגענט מיט רויבען בלויז אין די געשעפטען און וואוינונגען, נאר זיי האבען שוין אנגעפאנגען אויך צו בעפאלען און בערויבען יודען אויף די גאסען. אום צו זיין גאנץ זיכער, אז דער בעפאלענער יוד האט ביי זיך געלד, האבען זיך די נאצי־וואגאבונדען בענוצט מיט אט דעם פעלקישען טריק: זיי זענען צוגעקומען צום יוד מיט אן אונטערטעניגער מינע און געבעטען „נאר צעהן גראשען אלס נדבה", און ווען דער יוד אדער יודישע פרוי האט ארויסגענומען די געלד־טאש צו געבען די „נדבה" — האבען די פערברעכער דערווייל געכאפט א קוק, אויב אין דער טאש געפינט זיך געלד, אדער נישט. אין ערשטען פאל, האבען זיי ארויסגעריסען די טאש פון יוד'ס הענד, דערלאנגט איהם קלעפ און זענען גלייך פערשוואונדען.

עס זענען געוועזען פאלען, ווען מען האט פון יודען ארונטערגעריסען זייערע מאנטלען און זאגאר שיך אין מיטען דער גאס. ביי יודישע פרויען האט מען אויף דער גאס אוועקגענומען די רינגען, האנד־אוהרען און האנד־טאשען.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די רויבער האָבען אויך נישט פערגעסען אָן די יודישע בעקערס. יעדען אין דער פריה האָט מען ביי זיי צוגענומען דאָס פריש־געבאַקענע ברויט, זעמעל און דאָס מעהל. צו איין אידישען בעקער, אין צוויינטען בעצירק, זענען די נאַצי־רויבער געקומען אַ ביסעל צו פריה, ווען דאָס ברויט איז נאָך נישט געווען פערטיג־געבאַקען. פאַר כעס און רציחה האָבען זיי אַרויסגעריסען דאָס רויהע ברויט פונ׳ם אויווען און עס אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאַס.

⁂

און נאָכדעם ווי די נאַצי־רויבער האָבען שוין גרהאַט אויס־געלעדיגט אַלע יודישע שפּייז־געשעפטען, האָבען זיי זיך גע־נומען צו די יודישע רעסטאָראַנען, פלייש־בענק, אויטאָמאַטישע בופעטען און פאָלקס־קיכען. אין מיטען העלען טאָג, ווען אין אַזאַ יודישען רעסטאָראַן אָדער אויטאָמאַטישען בופעט זענען געזעסען עטליכע צעהנדליג יודען און געגעסען, איז פּלוצלינג אָנגעקומען אַ גרופּע נאַצי־יונגען, זיי זענען אַריין אין רעסטאָראַן אָדער בופעט, האָבען דאָרט צוגענומען דאָס גאַנצע עסען און זענען אַוועק. מאַנכעס מאָל האָבען זיי נאָך בערויבט די אַנווע־זענדע יודישע געסט. דאָס זעלבע האָבען זיי געטהון אין די יודישע וואורשט־געשעפטען, קאַפע־הייזער און זאָגאַר אין די קליינע מילך־האַלעס. אַלעס האָבען די נאַצי־רויבער צוגענומען פאַר זיך.

אין דער אונטערע־אוגאַרטען־שטראַסע האָט זיך געפונען דאָס וואורשטען־געשעפט פון ה׳ לאַזאַר. ביים דאָזיגען יוד האָבען די רויבער צוגענומען זאָגאַר דאָס געשיר, די טישטיכער און די פלעשער מיט סאָדע־וואַסער. און פיער מאָל האָט מען דעם יוד בערויבט. יעדעס מאָל וואָס ער האָט זיך פערשאַפט פרישע סחורה — זענען די נאַצים געקומען און האָבען איהם בערויבט.

פאַר דעם 11־טען מערץ האָבען איבער דריי טויזענד יודען אין וויען בעקומען מיטאָגען אין די גאַנץ־ אָדער האַלב־אומזיסטע פאָלקס־קיכען. אָבער ווי נאָר די נאַצים זענען אריין קיין עסטרייך, האָט זיך די צאָהל פון די נויטליידענדע יודען, וואָס האָבען געמוזט אָנקומען אין די דאָזיגע פאָלקס־קיכען, שוין פערפיערפאַכט. האָבען די נאַצים בעאָבאַכטעט, ווען מען האָט געבראַכט אין די יודישע פאָלקס־קיכען אַ פרישען טראַנספּאָרט מעהל, קאַרטאָפעל און אַנדערע שפּייז־אַרטיקלען. דאַן זענען זיי געקומען מיט לאַסט־אויטאָס און אַלעס אַוועקגענומען. אַזוי האָבען די נאַצים צוגענומען דאָס עסען אין די פאָלקס־קיכען פון „מחזיקי־הדת", „אוהל־רחל", „סעודת־שבת" און „איינהייט".

אויב עס האָט זיך די נאַצי־סאַדיסטען פערגלוסט, האָבען זיי נאָך מיטגעשלעפּט עטליכע פון די דאָרט אַנוועזענדע יודען. האָבען שוין די אָרעמע יודען נעביך מורא געהאַט צו קומען אין די פאָלקס־קיכען נאָך דעם ביסעל וואַסערדיגען עסען. זיי האָבען שוין בעסער געוואָלט פערהונגערען אין דער היים איידער פערשלעפּט צו ווערען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ נידערטרעכטיגקייט: אַ באַנדע נאַצים האָבען פערביימאַרשירט פאַר אַ יודישע פאָלקס־קיך, גראַד אין דעם מאָמענט ווען פאַר איהר איינגאַנג זענען אין אַ רייה געשטאַנען הונדערטער אויסגעבלייכטע יודען און האָבען געוואַרט מען זאָל שוין עפענען די קיך. די נאַצים האָבען זיך אָבגעשטעלט און זייער „פיהרער" האָט אַ געשריי געטהון: —

— „וואָס פאַר אַ יודען־פערזאַמלונג איז דאָ אין מיטען דער גאַס?!"

— „מיר האָבען נישט דאָ קיין שום פערזאַמלונג — האָבען די דערשראָקענע יודען געענטפערט, — נאָר דאָ איז אַ יודישע פאָלקס־קיך און מיר וואַרטען אויף צו בעקומען עטוואָס עסען".

בעקומענדיג אָט דעם ענטפער — זענען די נאַצים אַריינגעפאַלען אין אַזאַ וואוט, אַז זיי זענען באַלד אריין אין דער קיך,

וואו זיי האָבען צעבראָכען אַלע טעלער און אַריינגעוואָרפען די שאַרבענס אין קאָכענדען עסען! . . . .

☘

מען האָט אויך צוגענומען אַלע יודישע אויטאָמאָבילען.

שוין זונטאָג, דעם 13־טען מערץ, האָבען די נאַצים אַרומ־געגעבען אַ פערבאָט פאַר יודען צו בעזיצען אַן אייגען אויטאָ אָדער מאָטאָרציקעל. און אין פערלויף פון פינף טעג האָט זיך שוין ביי קיין שום יוד נישט מעהר געפונען קיין אויטאָמאָביל. אַז די נאַצים האָבען אָנגעטראָפען אויף אַ יודיש טאַקסי־אויטאָ, האָבען זיי אַרעסטירט דעם בעזיצער און צוגענומען ביי איהם דאָס אויטאָ. זאָגאַר ביי די יודישע דאָקטוירים האָט מען צוגע־נומען, פאַרדאַן — „קאָנפיסקירט” די אויטאָס.

ביי דעם יודישען פּראָפעסאָר קעניגשטיין האָט מען צוגע־נומען דאָס אויטאָ. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער געפאָהרען אין טראַמוויי צום יודישען שפּיטאָל. אין מיטען וועג האָט אַ נאַצי־יונג אָבגעשטעלט דעם טראַמוויי און אויפגעפאָדערט דעם יודישען פּראָפעסאָר ער זאָל אויסשטייגען, וואָס ער האָט, פערשטעהט זיך, געמוזט טהון.

פיעלע נאַצים האָבען געהאַלטען זייערע גערויבטע אויטאָס אין די זעלבע גאַראַזשען, וואו דער יוד האָט זיי פריהער געפלעגט האַלטען, און ווען עס איז געקומען דער ערשטער טאָג פון'ם מאָנאַט, ווען די נאַצים האָבען געזאָלט בעצאָהלען דאָס גאַ־ראַזש־געלד — האָבען זיי צוגעשיקט אַן אויפפאָדערונג צו דעם יוד, וועמענס אויטאָ זיי האָבען צוגענומען, ער זאָל אונבעדינגט אויך ווייטער בעצאָהלען פאַר'ן גאַראַזש . . .

# די „מאָדערנע" אינקוויזיציע

פרייטאָג, דעם 11-טען מערץ, האָבען זיך די היטלער-באַנדעס אַריינגעריסען קיין עסטרייך; צומאָרגענס, שבת נאָכמיטאָג, האָבען זיי אָנגעפאַנגען דורכצופיהרען די מאַסענהאַפטע אַרעסטען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, וואָס זענען בעגלייט געוואָרען פון אַ פערמאַנענטען פּאָגראָם און שוין דינסטאָג, דעם 15-טען מערץ, ווען די אַרעסטען און דער רויב-פּאָגראָם זענען נאָך אָנגעגאַנגען אין זייער גאַנצער שווידערליכקייט, זענען די נאַצים אַרויסגעקומען מיט אַ פרישער טייוולאָנישער ערפינדונג, ווי צו פייניגען די יודישע מענער און פרויען; עהנליכעס צו אָט די נאַצישע פייניגונגס-מעטאָדען קען מען געפינען נאָר ביי דער שפּאַנישער טאָרקוועמאַדאַ-אינקוויזיציע.

דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרען ביי די חסידישע רבי'ס און רבנים, וואָס האָבען געוואוינט אין וויען. דינסטאָג נאָכמיטאָג האָט מיר אַ בעאַקנטע פרוי ערצעהלט, אַז זי האָט, געהענדיג אין פּאַרמיטאָג פונ'ם זעלבען טאָג אויף דער רועפּ-גאַס, וואָס געפינט זיך ביי דער היינע-שטאַרסע, געזעהען אַ גרויסען אָנלויף פון מענשען. זי איז צוגעגאַנגען נעהנטער און — איז געבליבען שטעהען ווי פערגליווערט:—אויף דער ערד פון מיטען דער גאַס זענען געלעגען אונגעפעהר פונפצעהן יודען, יונגע און עלטערע, דערונטער עטליכע רבי'ס, און זיי האָבען געוואַשען די שטיינער. נעבען יעדען יוד איז געשטאַנען אַ קיבעל מיט וואַסער, אין וועלכען ער האָט איינגעטונקען די רייב-באַרשט און דערמיט געוואַשען די אויפשריפטען, וועלכע דער „פּאַטערלענדישער פראָנט" האָט געמאַכט צו פּראָפּאַגאַנדירען שושניג'ס געפּלאַנטען פּלעביסציט.

אַרום דער דאָזיגער אינקוויזיציע-סצענע זענען געשטאַנען „ס. א״- יונגען און אַ גרויסער פּעבעל, וואָס האָט געהירזשעט פאַר פרייד. די יודען פון די אַרומיגע גאַסען האָבען נישט גע־האַט קיין אַהנונג פון דער נייער פּייניגונגס-מעטאָדע און זעהענ־דיג דורך זייערע פענסטער אַזאַ גרויסע מענשען-פערזאַמלונג אויף דער גאַס, זענען זיי, אויס נייגיריגקייט, געקומען זעהען, וואָס דאָ טהוט זיך. אָבער דאָ האָט זיי דער פּעבעל עמפּפאַנגען מיט אַ ווילדען „הורראַ! נאָך אַ יוד געפאַנגען!״ און איידער דער לעצטער האָט זיך אַרומגעקוקט — איז ער שוין געלעגען אויף דער ערד! אין זיין האַנד האָט מען אַריינגעשטופּט אַ רייב־באַרשט און געבען איהם איז שוין געשטאַנען אַ פולער קיבעל מיט וואַסער!

דער פּעבעל האָט זיך לוסטיג געמאַכט איבער דעם אינ־קוויזיציע-ספּעקטאַקעל. אויפ׳ן אַדרעס פון די געטרעטענע רבי׳ס און רבנים זענען געפאַלען מיאוס׳ע און אַרדינערע וויצען, וועלכע עס איז אונמעגליך צו ברענגען אויפ׳ן פּאַפּיער.

די כוליגאַנעס האָבען געצוואונגען דעם סאַדיגורער רבי׳ן ביים הוט און איהם אויך אַלע וויילע געשטויסען. אין אַ געוויסען מאָמענט איז אַ שיקסע צוגעלאָפען צום רבי׳ן און איהם אַ פרעג געטהון:

— „הערר ראַבינער, ווי געפעלט אייך די אַרבייט?״

— „אויב — האָט איהר דער רבי געענטפערט — עס גע־פעלט דעם הערר גאָט, דאַן געפעלט עס אויך מיר!״ . . .

צווישען די דאָזיגע יודען, וואָס זענען געלעגען אויף דער ערד און האָבען געוואַשען די שטיינער, האָט זיך אויך געפונען אַ בעקאַנטער ראַבינער. איהם האָבען די נאַצי-יונגען געצוואונגען, ער זאָל מיט די שפּיץ-פינגער פון זיינע הענד רייבען די שטיינער. פון זיינע פינגער איז געפלאָסען בלוט, פריש און וואַרעם בלוט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם אונריינעם וואַסער פון זיין קיבעל, און דאָס איז פאַר די נאַצי-סאַדיסטען געוועזען זעהר

אמוזאַנט. עס האָט זיי פערשאַפט זעהר פיעל פערגעניגען . . .

אין יענעם טאָג איז היטלער געקומען קיין וויען צו פייערען זיין טריאומף. די נאַצים האָבען דורכגעפיהרט אַ פּאָמפּעזען־אויפמאַרש אויפ'ן „רינג" און דער „פיהרער" (היטלער) האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט אויפגעוויזען וואָס פאַר אַ „גליק" ער האָט געבראַכט פאַר די עסטרייכער. אַלע געשעפטען אין וויען זענען געווען געשלאָסען און די גאַסען זענען געווען ווי אויסגעשטאָרבען פון מענשען. נאָר דאָ און דאָרט האָט מען געזעהען שנעל דורכלויפען אַ בלאַס יודיש פּנים, וואָס האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען . . .

אום צו פערגרעסערען דעם „פיהרער'ס" העלדישקייט און אום צו מאַכען פון איהם אַ מערטירער, האָבען די נאַצים פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די יודען און די קאָמוניסטען האָבען געשוואוירען, אַז זיי וועלען אויספיהרען אויף „איהם" אַן אַטענטאַט.

דאָס האָט אַריינגעטריבען דער יודישער בעפעלקערונג אין אַ וואַהנזיניגער שרעק. מען האָט זיך געבאָדען אין אייגענעם טויט־שוויים און געוואַרט אויפ'ן ערגסטען. פון שיקען אַ דעלעגאַציע צו די נאַצי־„פיהרער", כדי אויפצואווייזען די לעכערליכקייט פון אָט די קלאַנגען — האָט גאָר נישט געקענט זיין קיין רייד, עס איז זאָגאַר נישט געווען וועמען צו שיקען. דאָס עסטרייכישע יודענטום איז שוין דעמאָלט געלעגען צעטרעטען און צעבראָכען ווי אַ שאַרבען. אַלע יודישע עסקנים האָט מען שוין געהאַט אַרעסטירט; אַ גרויסע צאָהל שוהלען — געשלאָסען און די אינסטיטוציעס — בעזעצט פון נאַצי־יונגען. די יודען האָבען מורא געהאַט אַרויסצוגעהען אויף דער גאַס. זיי האָבען געשלאָפען אויף די בוידעמער, אין די קעלערס און אין די פאַבריקען. מען האָט זיך געפונען אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע!

מיינער אַ בעקאַנטער האָט מיר ערצעהלט, אַז אין יענעם טאָג איז איהם אויסגעקומען צו פאָהרען קיין לינץ. גלייך ווי דער צוג האָט געריהרט פון אָרט, האָבען די „אַרישע" פּאַסאַ־

זשירען, בעזונדערס די פרויען, גענומען ערצעהלען די „נסים ונפלאות" פונ'ם „פיהרער" און פון זיין בעזוך אין פּאַרמיטאַג אין וויען. איין נאַצי־פרוי האָט זיך בעריהמט, אַז אויפ'ן וויענער „רינג" איז זי געשטאַנען ממש נעבען „איהם אליין"; אַן אַנ־דערע פרוי ווידער האָט זיך בעריהמט, אַז עס דוכט זיך איהר, דאָס דער „פיהרער" האָט געבליקט אין איהר ריכטונג; אָבער די פרייד איז איהר גאָר נישט איינגעגאַנגען. ווייל מען האָט איהר געזאָגט, אַז „ער" געפינט זיך אין אַ סכנה, וואָרום די יודען און די קאָמוניסטען ווילען „איהם" אָבשעכטען . . .

⁂

דאָס נעהמען יודען צו רייניגען די גאַסען האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ נאַטירליכע ערשיינונג. יעדער שגץ, מיט אַ האַקענ־קרייץ אָדער אָהן אַ האַקענקרייץ, האָט געהאַט דאָס רעכט צו נעהמען יודען, זיי זאָלען וואַשען די שטיינער פון די גאַסען. אין אָנפאַנג האָבען די יודען געמוזט רייניגען נאָר די יעניגע גאַסען, וואָס געפינען זיך אין יודישען קוואַרטאַל, שפּעטער אָבער האָבען זיי שוין געמוזט וואַשען איבעראַל; זאָגאַר אין די עלע־גאַנטסטע גאַסען, וואָס געפינען זיך אין ערשטען בעצירק.

פרייטאָג, דעם 25־סטען מערץ, עלף אוהר ביינאַכט, האָב איך מיט מיינע אויגען געזעהען אויף דער שוועדען־בריק אַזאַ אינקוויזיציע־סצענע: אין אָנפאַנג האָבען דאָרט געוואַשען צוויי יונגע מיידלעך, אַן עלטערע פרוי און אַ יונגערמאַן; נאַכהער האָט מען זיי אַלע אַוועקגעשיקט, ווייל איינער אַ לאַנגער נאַצי־יונג מיט אַ פּנים פון אַ גזלן האָט געבראַכט צושלעפּען אַ מיטעל־יעהריגען יוד מיט אַ גרויסער באָרד. עס האָט זיך דאַן אָנגע־הויבען די ריכטיגע פּייניגונגס־סצענע. דער יוד האָט זיך געמוזט אויסשטרעקען אויף דער ערד און וואַשען די שטיינער. ווען ער האָט זיך געוואָלט אָנלעהנען אויף איין עלענבויגען, האָט ער גלייך בעקומען אַ שמיץ איבער דער האַנד. פון דעם יוד'ס פּנים

האָט זיך געגאָסען דער שוויים און ווייל ער האָט געהאַט די „חוצפה" צו בעטען, מען זאָל איהם ערלויבען אויסצוטהון דעם ווינטער-ראָק — האָט ער, אַלס שטראָף, געמוזט אַרונטערגעהן די הונדערט שטיגען צום דאַנאַו-קאַנאַל, אַריינגעהן מיט די שיך ביז צו די קניה אין וואַסער און אַרויפטראָגען צוריק, איבער די הונדערט שטיגען, צוויי פולע קיבעלם וואַסער. דערווייל האָט איין נאַצי-באַנדיט בעמערקט, אַז די קיבעלס, וועלכע דער יוד האָט אַרויפגעבראַכט, זענען נישט גאַנץ פול; דערויף האָט דער פערזאַמעלטער פעבעל — דער גרעסטער טייל: דינסט-שיקסעס — אַרויסגעטראָגען באַלד אַן אורטייל: דער יוד זאָל אַרונטער-טראָגען צוריק די קיבעלס מיט וואַסער; אונטען זאָל מען זיי אַרויפגיסען אויף זיינע פיס און ער מוז דאַן אויפסניי אַרויפ-ברענגען צוויי פולע קיבעלס מיט וואַסער. דאָס אָבגעזאָגט — האָט דער צעיושעטער המון גענומען טרייבען דעם יוד צום וואַסער.

נאָר ביים צווייטען מאָל אַרויפטראָגען דאָס וואַסער איז דער יוד געפאַלען אין אָהנמאַכט; דאָס וואַסער האָט זיך אויס-געגאָסען און דער יוד האָט זיך אַראָבגעקייקעלט פון די שטיגען. דער פעבעל איז דאַן אויסגעבראָכען אין אַ ווילד-געלעכטער: ווי די הונען האָט עס זיי געהויבען פון אָרט. די שיקסעס האָבען געוואַלדעוועט:

— „יוד, וואַסער טראָגען קענסטו נישט, אָבער שמוגלען וואַליוטע — דאָס קענסטו יאָ!"

— „עס מאַכט נישט. וועט זיין מיט איין יוד וועניגער!"

איינער אַ פאַרשוין מיט אַ שיכור געזיכט האָט געקאָפּעט דעם אונגליקליכען יוד אין רוקען און געגאַוועט: „שטעה-אויף און אַרבייט ווייטער, אַרבייט!"

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָבען זיך די נאַציס אַרויס-געלאָזט אין מיטען דער נאַכט צו פאַנגען יודען צו רייניגען דעם טראָטואַר, וואָס פאַר דעם „דיאַנאַ-באַד", אויף דער אָבערע-דאַנאַו-

שטראַסע. באַלד האָבען זיי געבראַכט צו שלעפּען אַ 65־יעהריגע יודישע פרוי; איהר אייניקעל, אַ מיידעל פון 16 יאָהר און אַ יונגען ראַבינער. די אַלטע פרוי האָט זיך געבעטען רחמים, אַז זי טאָר זיך נישט אָנשטרענגען, ווייל זי האָט אַ קראַנק הערץ. דערויף האָבען איהר די נאַצים געצוואונגען אַהיים צו געהען, וואו זי האָט געברויכט אַרויפגעהען אויפ׳ן פינפטען שטאָק און צו ברענגען פון דאָרט צוויי קיבעלס מיט וואַסער און צוויי בעזימער. דאָס מיידעל ווידער, האָט געמוזט, אין די קליידער, אַריינקריכען אין דער דאָנאַו און ברענגען פון דאָרט וואַסער. די שיקסעס, די „געליבטע״ פון די נאַצי־באַנדיטען האָבען געלאַרעמט:

— „פרויליין, אין קאַפע־הויז איז לייכטער צו זיצען, האַ?״..

— „פרויליין, גיב אַכטונג אויף דיין שעהנעם מאַנטעל!״..

ווען דער ראַבינער האָט ערקלערט, אַז ער איז אַ פּוילישער בירגער און אַז ער וועט זיך בעקלאָגען ביי זיין קאָנסול, האָט דער „פיהרער״ פון דער נאַצי־באַנדע איהם געענטפערט:

— „איך וועל דיר געבען אין פּיסק. צוערשט וואַש און נאָכהער וועסטו געהען צו דיין קאָנסול, דעם פּוילישען חזיר!״

דערווייל איז דער אַלטער פרוי שלעכט געוואָרען. איהר אייניקעל האָט זיך גענומען בעטען, אַז זי וויל וואַשען פאַר איהר גראָסמוטער (באָבע) און די לעצטע זאָל אַהיים געהען. אָבער דער נאַצי־יונג, וואָס האָט אָנגעפיהרט מיט דעם גאַנצען גרויל־האַפטען ספּעקטאַקעל, האָט דערפון גאָר נישט געוואָלט הערען. ער האָט נאָך גענומען אַ קיבעל מיט וואַסער און אַרויפגעגאָסען אויפ׳ן קאָפּ פון דער אַלטער יודישער פרוי, אום זי דערמיט צו מונטערען.

אין דעם אויגענבליק איז אַ דיקע נאַצי־מויד, מיט אַ ליידענשאַפטליכער שפּיציגער נאַז, צוגעלאָפען צום נאַצי־יונג און אוים־געדופען: „פראַנצעל, איך גראַטוליר דיר! אַך, ווי אינטערעסאַנט! דו מאַכסט עס קלאַסיש!״ . . .

ווען נישט א צופאַל, וואָלט די אַלטע יודישע פרוי פערד פייניגט געוואָרען צום טויט. נאָר עס איז צופעליג פערבייגע־פאָהרען אַן אויטאָ מיט סאָלדאַטען. די לעצטע זענען געוועזן נייגיריג צו וויסען די אורזאַך פון דער מענשען־פערזאַמלונג אויף דער גאַס אין מיטען דער נאַכט. האָבען זיי אָבגעשטעלט דאָס אויטאָ און זענען צוגעקומען צום אָרט, וואו די גרויזאַמקייט האָט זיך אָבגעשפּיעלט און אָהן עטוואָס צו זאָגען — האָבען זיי גענומען דער אַלטער פרוי, איהר אייניקעל און דעם ראַבינער און אָבגעפיהרט, מיט'ן אויטאָ, יעדען איינעם צו זיך אַהיים.

⁂

און מיט יעדען טאָג ווייטער האָבען זיך אַלץ מעהר פערגרעסערט די פּיין און ליידען פון די עסטרייכישע יודען. אויב אין די ערשטע פאָר טעג האָט מען נאָר די יודען, וועלכע מען האָט בעגעגענט אויף דער גאַס, גענומען צו וואַשען, האָט מען שפּעטער שוין אָנגעהויבען צו שלעפּען צו דער דאָזיגער אַרבייט אויך די יודען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין זייערע געשעפטס־לאָקאַלען, אין די שוהלען און בתי־מדרשים. און זאָגאַר ביינאַכט, פון די בעטען אַרויס — האָט מען שוין געשלעפּט די יודישע מענער און פרויען, זיי זאָלען געהען וואַשען די שטיינער פון די גאַסען.

אום צוויי אוהר ביינאַכט האָבען די נאַצים אָנגעקלאַפּט אין די יודישע וואוינונגען, וואו זיי האָבען געצוואונגען אַלע פאַמיליע־מיטגלידער אויפצושטעהען; זיי האָבען געמוזט מיטנעהמען מיט זיך בעזימער, קיבעלס מיט וואַסער און אַזוי, אין דער אונטערוועש, געהען רייניגען די גאַסען.

שבת איז מען בעפאַלען די שוהלען, בתי־מדרשים און חסידישע קלויזען און געבאַפּט אַלע מתפּללים צו וואַשען די טראָטואַרען. פאַר א יוד מיט א גרויסער באָרד — זענען די נאַצים געוואָרען די כפרה. אַזאַ איינעם האָבען זיי נישט גע־

לאָזט אויסטהון דעם טלית, — נאָר אָנגעטהון אין טלית און מיט אַ בעזים אין דער האַנד, האָבען די נאַצים איהם געפיהרט איבער די גאַסען צו דער אַרבייט.

אַ „מזרחי"־טהוער איז אין אַ שבת געגאַנגען פון דאַווענען. האָבען איהם די נאַצים אַרויפגעשלעפּט אויף זייער אויטאָ; זיי האָ־בען איהם אָנגעטהון דעם טלית; געגעבען איהם אַ בעזים אין דער האַנד און אַזוי אַרומגעפיהרט איבער'ן גאַנצען יודישען קוואַרטאַל. די שיקסעס און שקצים האָבען דערביי ווילד געקוויטשעט, גע־הירזשעט און געפּלעסקעט מיט די הענד פאַר ווילדער עמאָציע.

יאָ, עס זענען געווען אַזעלכע יודען, וואָס האָבען געהאַט אַ בעזונדער בייז־מזל. דער חסידישער יונגערמאַן רומלער האָט נישט מעהר ווי זעקס מאָל געוואַשען די שטיינער פון די גאַסען. איינמאָל איז זיין „אַרבייט" עפּעס נישט שטאַרק געפעלען די נאַצי־סאַדיסטען, האָבען זיי איהם געפרעגט זיין אַדרעס, וואוהין זיי האָבען איהם צוגעפיהרט מיט אַן אויטאָ, און דאָרט האָבען זיי איהם אַרונטערגעוואָרפען פון פאָהרענדען אויטאָ אויף די שטיינער . . .

עס זענען געווען גאַסען, וואו עס האָבען זיך נישט געפונען קיין אויפשריפטען. זענען די נאַצים געקומען אין מיטען העלען טאָג און האָבען געמאַכט דאָרט פערשידענע אויפשריפטען, כדי די יודען זאָלען האָבען וואָס צו וואַשען . . .

ווערענד דעם וואַשען האָבען די יודען, סיי מענער און סיי פרויען, געמוזט ליגען אויף די נאַקעטע קניה און וועלכער יוד אָדער יודישע פרוי עס האָט געהאַט אַ פעלץ אָדער פערזיאַנער מאַנטעל, האָט געמוזט איינטונקען די עקען פונ'ם מאַנטעל אין דעם קיבעל מיט וואַסער און דערמיט וואַשען די שטיינער פון טראָטואַר . . .

⁂

און ווען אויף די טראָטואַרן זענען איבערהויפּט נישט מעהר געווען קיין אויפשריפטען, — האָבען די יודען געמוזט וואַשען און רייניגען די טהירען, פענסטער און שטיגען פון די נאַצישע קאַזאַרמעס, פּאַרטיי־לאָקאַלען און פון די פּאָליציייאישע קאָמי־סאַריאַטען. זיי האָבען אויך געמוזט וואַשען די נאַצישע און פּאָליציייאישע אויטאָס.

דאָס גרעסטע אינקוויזיציע־גיהנום איז געווען ביים פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וואָס געפינט זיך אין דער לעאָפּאָלדס־גאַס. אויך דאָ האָט מען געמאַכט דעם אָנהויב ביי די רבנים; אין אַ שבת נאָכמיטאָג האָבען די נאַצים געבראַכט אהין די צוויי אונגאַרישע רבנים שענק און פּאָלאַק. די לעצטע האָבען זיך געבעטען, מען זאָל זיי בעפרייען פון חילול־שבת און זיי וועלען דערפאַר וואַשען דעם גאַנצען זונטאָג. עס האָט זיי אָבער גאָר נישט געהאָלפען. איבער דריי שטונדען זענען די צוויי רבנים געשטאַנען אויף די פיס און געוואַשען די אויטאָמאָבילען פון די „ס. אַ."־יונגען און פון די פּאָליציסטען. מען האָט זיי נאָך געצוואונגען צו אַרבייטען אין די צילינדערס!

יעדען טאָג נאָכמיטאָג האָבען די נאַצים אָבגעשלאָסען די דאָזיגע גאַס פון אַלע זייטען און אַלע יודען, וועלכע האָבען זיך נאָר דאָרט געפונען, האָט מען געפאַנגען צו דער אַרבייט. האָבען עס געמעגט זיין אַלטע, קראַנקע יודען, אָדער שוואַנגערע יודישע פרויען — אַלע האָבען געמוזט וואַשען די שמוציגע שטיגען אָדער די פערשטויבטע אויטאָס. מאַנכעס מאָל האָט מען נאָכהער אויסלעגיטימירט די יודען און ווער פון זיי עס איז געווען אַן אויסלענדישער בירגער, האָט געמוזט אויפ'ן אָרט אונטער־שרייבען, אַז ער פערפליכטעט זיך זאָפאָרט צו פערלאָזען וויען.

די נאַצים זענען אונאויפהערליך, אַ גאַנצען טאָג, אַרומגע־פאָהרען אויף לאַסט־אויטאָס איבער וויען און אַרויפגעכאַפּט אויף זיי יודען, מענער און פרויען. די געפאַנגענע יודען האָבען געמוזט האַלטען בעזימער אין די הענד; אַרום זיי זענען געזעסען מינ־

דעריעהריגע שיקסעס און שקצים און זיך געקייקעלט פאַר גע־לעכטער און נאַכדעם, ווי מען האָט שוין אָט די יודען געהאַט אַרומגעפיהרט איבער מעהרערע בעלעבטע גאַסען — האָט מען זיי געבראַכט אין די פאַרטיי־לאָקאַלען אָדער קאַזאַרמעס, וואו זיי האָבען געמוזט אויסקעהרען און וואַשען די פוס־באָדענס (פלאָרס), שטיגען, טהירען און פענסטער.

די צאַרטע יודישע מיידלעך האָט מען געצוואונגען צו וואַשען, אָהן אַ זיכערהייטס־גאַרטעל, די פענסטער פון 5־טען און 6־טען שטאָק. ווען איין יודיש מיידעל האָט זיך געבעטען, אַז זי ליידט פון קאָפּ־שווינדעל און זי קען דעריבער נאָך, גאָט־בעהיט, פערלירען דאָס גלייכגעוויכט, האָט דער נאַצי־יונג איהר געענטפערט:

— „דאָס איז גוט. אָבער גיב אַכטונג, אַז ווען דו פאַלסט— זאָלסטו פאַלען נאָר אַרויס, אין דרויסען, אָבער נישט אינעווייניג אַריין, וואָרום דו וועסט מיר נאָך מיט דיין פליישיגען קערפּער רואינירען דעם פוס־באָדען" . . .

יעדען טאָג, ווען איך בין אַרויס אויף דער גאַס, זענען מיינע בעקאַנטע מיך בעפאַלען מיט תחנונים: „האָב אויף דיר רחמנות און געה צוריק אַהיים. אַלע יודישע געשעפטען זענען דאָ געשלאָסען, וואָרום מען האָט זייערע אייגענטימער גענומען צו דער אַרבייט!"

פערשטעהט זיך, אַז איך בין נישט געגאַנגען צוריק אַהיים. דען אין דער היים איז מען דען געווען מעהר זיכער? מען האָט געציטערט צו זיצען אין דער היים און מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהען אויף דער גאַס. אייגענטליך איז אין דער שטוב געווען נאָך ערגער, דען דער פעבעל האָט זיך געוואָלט איינ־שמייכלען ביי די נאַצים, דורך ווייזען זיי וואָס מעהר "פּאַטריאָ־טישקייט" און דאָס האָט ער אַמבעסטען געקענט טהון דורך שיקען בריוועלעך צו די נאַצי־יונגען, אין וועלכע מען האָט אָנ־געגעבען די אַדרעסען פון יודישע שכנים, מען זאָל זיי בערויבען

און נעהמען צו דער אַרבייט. און ווי די היצלעם זענען די נאַצים געלאָפען פון שטוב צו שטוב און געכאַפּט יודען; איינעם צו דער אַרבייט און איינעם אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, — ווי איינעמס מזל איז געווען.

אין וויען זענען געווען אונגעפעהר דרייסיג טויזענד יודישע טעלעפאָן־אַבאָנענטען. אין אָנפאַנג אַפּריל איז די דאָזיגע צאָהל שוין געהאַט געזונקען אויף קוים צעהן טויזענד. וואָס איז געווען די אורזאַך דערפון? עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אָט־וואָס: די נאַצים זענען געפאַלען אויף אַ טייוולאָנישען פּלאַן: זיי פלעגען אין מיטען דער נאַכט אָנרופען, דורכ׳ן טעלעפאָן, אַ יודישע פאַמיליע צו קומען אין נעכסטען פריהמאָרגען אין „ברוינעם־הויז״ אַריין, אום דאָרט אויסצוקעהרען די צימערען אָדער רייניגען די קלאָזעטען און איינצייטיג מיט אָט דער אויפפאָדערונג איז גע־קומען די שאַרפע וואָרנונג, אַז אויב מען וועט נישט קומען, דאַן וועלען זיי, די נאַצים, קומען צו דער יודישער פאַמיליע „אויף בעזוך״. זענען די יודען געגאַנגען צום „ברוינעם־הויז״, וואו מען האָט זיי מיט אַ קאַלטען סאַדיסטישען שמייכעל ערקלערט, אַז אַזוי ווי מען האָט ערשט געבראַכט פרישען שטרוי, זאָלען זיי, די יודען, אַזוי גוט זיין און צוערשט אָנפילען די זעק מיט שטרוי און אַריינלעגען זיי אין די בעטען; דאַן ערשט וועלען זיי וואַשען די פענסטער און רייניגען די קלאָזעטען.

איין יודיש מיידעל האָט געמוזט מאַכען פיערציג בעטען. זי האָט זיך פערלעצט די הענד, פון וועלכע עס איז געפלאָסען בלוט. די נאַצים האָבען איהר דאַן פערבאַנדאַזשירט די הענד און געהייסען ווייטער אַרביימען, ביז זי איז געפאַלען אַ בע־וואוסטלאָזע אויף דער ערד.

מאַנכע עקעלהאַפטע פאַרשוינען האָבען געוואָלט אָבטהון זייערע יודישע שכנים אָדער אַזוי יודישע בעקאַנטע אַ שפּיצעל. האָבען זיי אין מיטען דער נאַכט אָנגערופען דעם בעטרעפענדען יוד און זיך פאָרגעשטעלט אַלס „פיהרער״ פון דער נאַצי־פּאַרטיי,

װעלכע פאָדערען איהם אויף, ער זאָל אונבעדינגט קומען אויף דעם אָדער יענעם פלאַץ צו װאַשען די שטיגען און די פענסטער. נאָר װען דער יוד איז געקומען אויפ׳ן אָנגעװיזענעם פלאַץ — האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מען װייסט דאָרט גאָר נישט פון דעם ביינאַכטיגען אָנרוף; אָבער פונדעסטװעגען האָט מען איהם שוין נישט אַװעקגעלאָזט פון דאָרט מיט די „לעדיגע הענד" . . .

דעריבער האָבען די װיענער יודען געקינדיגט מאַסענװייז זייערע טעלעפאָנען. אַזוי װי דאָס געזעץ האָט געלויטעט, אַז יעדער טעלעפאָן־בעזיצער מוז נאָך האַלטען זיין טעלעפאָן ביז דריי מאָנאַטען נאָך דער קינדיגונג, האָבען די יודען בעצאָהלט פאַר די דריי מאָנאַטען און געבעטען אויסצושאַלטען דאָס טע־לעפאָן, אַבי פטור צו װערען פון אַט דער צרה.

װען עס האָט געגעבען אַ קלינג ביי דער טהיר — זענען אַלע שטוב־מענשען פערצאַפּעלט געװאָרען פאַר שרעק. מען איז געבליבען זיצען װי פערשטיינערט, בלאַס װי די װאַנד, און מען האָט זיך געטראַכט: „יעצט קומט עס!" קיינער האָט זיך נישט דערװאַגט צו עפענען די טהיר, װיסענדיג, אַז מען קען קריגען מיט אַ שטיק אייזען איבער די הענד, און ספּאָנטאַן, נישט אָבגעשמועסט זיך — האָבען אַלע יודען אין װיען אַרונטערגענו־מען די גלאָקען פון זייערע טהירען; דען יעדער קלינג ביי דער טהיר האָט געקאָסט אַ שטיק הערץ. מען האָט זיך אָבער אָב־געשמועסט מיט די קרובים אָדער בעקאַנטע, אַז אום צו דער־קענען, אַז עס זענען היימישע מענשען — זאָלען זיי געבען דריי אָדער פיער לייכטע קלעפּ אין דער טהיר...

## „דער טאָג פון נקמה וועט קומען״

מען מוז דאָ פערגאַטירען דעם פאַקט, דאָס נישט אַלע „אריער״ אין וויען האָבען אויף איינמאָל פערלוירען דעם מענש־ליכען פונק. עס האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועמען דער פינ־סטערער נאַצי־באַרבאַריזם האָט אויפגעטרייסעלט ביז גאָר. איך וועל דאָ ברענגען צוויי פאַקטען:

אַ פּראָמינענטער יודישער סוחר האָט מיר איבערגעגעבען פאָלגענדעס: אין לעצטען זונטאָג פון פאַר פסח איז ער, צו־זאַמען מיט זיין פרוי, געגאַנגען שפּאַצירען אין ערשטען בעצירק. באַלד איז צו איהם צוגעקומען אַ נאַצי־יונג און אויפגעפאָדערט צו געהען מיט איהם אין „ברוינעם־הויז״; ווען זיין פרוי האָט גענומען ספּאַזמירען, האָט דער נאַצי־יונג זי בערוהיגט: „זאָל די גנעדיגע פרוי אַהיים געהען. עס וועט אייער מאַן גאָר נישט געשעהען. אין אַ שטונדע אַרום איז ער ווידער ביי אייך״.

אָנקומענדיג אין „ברוינעם־הויז״ האָט ער דאָרט געטראָפען דעם „פיהרער״ פון דער אָרטיגער נאַצי־גרופּע. דער לעצטער איז באַלד אַרויס פון צימער און דער יוד האָט אָנגעהויבען צו וואַשען די פענסטער. אין דעם מאָמענט איז דער נאַצי, וועלכער האָט איהם געפאַנגען אויף דער גאַס, צוגעקומען צו איהם און געזאָגט: „פאַר מינוטען קענסטו שוין אַהיים געהען. איך, פון מיין זייט, ברויך איבערהויפּט נישט דיין אַרבייט; אָבער ווען מיין „עלטסטער״ שיקט מיך — מוז איז דאָך פאָלגען. ער האָט מיך שוין היינט צעהן מאָל געשיקט אויף דער גאַס אַרוים צו פאַנגען יודען! . . . איהר רויכערט? ביטע, דאָ האָט איהר אַ סיגאַרעט. נאָר, אַז איהר וועט הערען עמיצען געהען, זאָלט איהר זאָפאָרט אַוועקוואַרפען דעם סיגאַרעט!״ . . .

מעהר אינטערעסאַנט איז דער צווייטער פאַקט, פון וועלכען איך, פערזענליך, בין דער עדות: געהענדיג איינמאָל אויף דער פראַטער־שטראַסע האָב איך געזעהען ווי מעהרערע יודען זענען געלעגען אויף דער ערד און געוואַשען דעם טראָטואַר. פלוצלינג זענען צו מיר צוגעקומען אַ יונגער קריסט און אַ דאַמע — שיינבאַר זיין פרוי — און האָבען אַ מורמעל געטהון: „אויס־וואורפען!"

איך האָב געשוויגען און גענומען געהען ווייטער; זיי האָבען פערשטאַנען, אַז איך מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג און איך טאָר נישט שענקען צוטרוי צו יעדען איינעם אויף דער גאַס; דערי־בער האָבען זיי זיך פון מיין מיסטרויאיש שוויגען גאָר נישט בעליידיגט און נאָכגעהענדיג מיר, האָט דער דאָזיגער יונגער קריסט אַרויסגעוואָרפען פון זיך אָט די אָבגעהאַקטע ווערטער: „איך בין אַ גוי, אָבער אַזאַ בעסטיע ווי די נאַצים — בין איך נישט! דער יעצטיגער צושטאַנד וועט נישט שטענדיג אָנ־האַלטען. דער טאָג פון נקמה וועט קומען. אַדיע!" . . .

⁂

אָבער די רייהען פון די בעסערע „אַריער" זענען געווען זעהר שיטער; איהר וואָלט זיי געווען געקענט אויפצעהלען אויף די פינגער. דער גרעסטער טייל האָט אַרויסגעוויזען דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען. און ווידער מוז דאָ בעטאָנט ווערען, אַז דער וויענער פעבעל האָט גאָר נישט געוואוסט ווי יוצא צו זיין אין זיין עקעלהאַפטען יודען־האַס, און עס מוז אויך בעמערקט ווערען, אַז די טרויעריגסטע ראָלע ביי די דאָזיגע אַנטי־יודישע פערפאָלגונגען האָבען געשפיעלט די פרויען, די אַזוי־גענאַנטע „אַרישע וויענערינס". נאָר אַ זיגמונד פרויד וואָלט אימשטאַנד געוועזען צו ערקלערען, ווי פרויען־וועזענס קענען זיין אַזוי פערברעכעריש גענייגט און דורכגעדרונגען מיט אַזאַ אוננאַטירליכען העסליכען סאַדיזם!

זיי, די וויענער „אַריערינס", האָבען נישט בלויז צוגע־שטימט צו די אַנטי־יודישע פיניגונגען, נאָר זיי האָבען אויך אין דער אַקציע גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל. זיי האָבען אָנ־געוויזען וועלכע יודען, הויפּטזעכליך וועלכע יודישע פרויען און מיידלעך, מען זאָל נעהמען צו דער אַרבייט. און אויך ביים פּי־קעטירען די יודישע געשעפטען האָבען זיי אַמשרעקליכסטען געווילדעוועט.

ווען די „וויענערינס" האָבען אַמאָל געזעהען, אַז נאָר יודישע מענער רייניגען די גאַסען — אַזוי האָבען זיי באַלד גענומען פאָדערען פון זייערע „פריינד" און „שאַצען" צו נעהמען אויך די יודישע פרויען און מיידלעך צו דער אַרבייט. „די מענער — פלעגען זיי געוואַלדעווען — זאָלען אהיים געהען, וואָרום זיי אַרבייטען דאָך שטענדיג, נאָר די „זאָ יידין" — זי זאָל מען אהער ברענגען צו רייניגען די גאַסען!" . . .

מיינע אַ בעקאַנטע יודישע פרוי האָט מיר ערצעהלט, אַז איינמאָל איז אַ „ס.אַ."־יונג געקומען צו איהר אין דער וואוינונג נעהמען איהר צו דער אַרבייט. זי האָט איהם דאַן געוויזען אַ בעשטעטיגונג, אַז איהר מאַן איז אין לעצטען וועלט־קריג גע־ווען אַ פראָנט־סאָלדאַט אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַר־מעע. צופעליג האָט דאָס געווירקט און דער נאַצי־יונג איז אַוועק. אָבער אביסעל שפּעטער האָט ער זיך אומגעקעהרט און געזאָגט: „ביטע, קומט אַרבייטען וועניגסטענס אַ האַלבע שטונדע, דען אייער („אַרישע") שכנה גיט מיר נישט קיין רוה. אַלע ווייל קומט זי צולויפען אין אונזער פּאַרטיי־הויז און נודיעט, אַז מען זאָל אייך נעהמען צו אַ שווערע אַרבייט" . . .

עס זענען געווען פאַלען ווען נאַצי־פרויען זענען בעפאַלען יודישע פרויען און זיי ברוטאַל געשלאָגען.

אַט אַזוי האָבען געהאַנדעלט די „וויענערינס", איבער וועלכע מאַנכע שרייבער, דערונטער אויך יודישע, פלעגען זיך

צעגעהען אין לויב־געזאַנגען. איך האָב מיך איבער זייערע גרויל־טהאַטען אין די דאָזיגע שוידערליכע טעג אבזיכטליך אָב־געשטעלט און איך וועל עס אויך ווייטער טהון, ווייל איך וויל, אַז אונזערע יודען אין דער גאַנצער וועלט זאָלען דאָס וויסען און זיך דאָס אויך גוט נעהמען אויפ'ן זכרון . . .

## וויען, פסח, 1938 . . .

די פעדער איז נישט אימשטאַנד צו שילדערען זאָגאַר בלויז א מינימום פון דעם, וואָס עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין פערלויף פון די גאַר לעצטע פּאַר פּסח־טעג, אין די אַכט טעג פּסח און הויפּטזעכליך אין די ערשטע צוויי טעג פון נאָך פּסח, פונ׳ם יאָהר 1938, אין דעם היטלערישען עסטרייך. די רייכסטע פאַנ־טאַזיע איז צו אָרעם אום צו קענען מאָלען נאָר א טייל פון די פּיין און ליידען, פון דער גרויזאַמקייט און היידעמאַקישער ברוטאַליטעט, מיט וועלכע עס האָט אין אָט די אונפערגעסליכע טעג געהאָגעלט איבער די יודישע קעפּ אין יענעם לאַנד.

מרא דאברהם! ווער עס האָט נישט געזעהען יענע ערב־פּסח־טעג אין וויען! ווער עס האָט דעמאָלט נישט געזעהען די וויענער יודען געהען צום דאַוונען און זייער פראַווען די „סדרים״! ניין, יענע טעג וועל איך קיינמאָל נישט פערגעסען; מען קען זיי נישט פערגעסען. און ווען איך זיץ יעצט, איינער אַליין ביינאַכט אין מיין אַרבייטס־צימער און בעשרייב דעם פינסטערען גרויל פון יענע טעג, איז מיין גאַנץ וועזען בע־הערשט פון ציטער און אויפרעגונג, פון צעטרייסלונג און ער־שיטערונג!

שוין מיט אַכט טעג פאַר פּסח האָבען די נאַצים פערשטאַרקט זייער כוליגאַניזם. זיי האָבען בעגריפען, וואָס אָט דער שעהנער און ערהאַבענער יום־טוב בעדייט פאַר׳ן אונגליקליכען וויענער יוד און נאָר דעריבער האָבען זיי אין יענע טעג גענומען נאָך מעהר פערביטערען דאָס לעבען פון די, אַזוי אויך גענוג, פער־ביטערטע יודען.

פון 13־טען מערץ ביז ענדע אַפּריל איז די וויענער יודישע

קהלה געווען גענצליך געשלאָסען; דען ערשטענס זענען אלע מיטגליעדער פון איהר פּרעזידיום און די הויפּט־סעקרעטאַרען געזעסען אין טורמע, און צווייטענס, — האָט בירקעל, היטלער׳ס קאָמיסאַר איבער דער עסטרייכישער פּראָווינץ, איבערהויפּט נישט ערלויבט צו עפענען די קהלה ביז די בערויבטע ווינער יודען וועלען איהם געבען די סומע פון אַכט הונדערט טויזענד עסטרייכישע שילינג, אַלס שטראַף פאַר דעם, וואָס זיי האָבען געהאָט געשפּענדעט גענוי אַזוי פיעל געלד פאַר שושניג׳ס גע־פּלאַנטען פּלעביסציט.

מען האָט געבעטען ביי בירקעל׳ן, ער זאָל ערלויבען אייניגע געוועזענע קהלה־בעאַמטע, זיי זאָלען אין דעם שטייער־אַמט פון דער קהלה צוזאַמענשטעלען אַ ליסטע פון די רייכע יודען, די צאָהלער פון גרויסע שטייערען, כדי מען זאָל קענען ארויסשיקען צו זיי אַן אויפפאָדערונג, אז זיי זאָלען זיך פריייוויליג בע־שטייערען מיט אַ געוויסע סומע געלד פאַר דער קאָנטריבוציע, וועלכע די קהלה מוז צאָהלען. און דאָס האָט בירקעל יאָ ער־לויבט! . . .

אָבער די פאַראָרעמטע יודישע מאַסען האָבען נישט געוואוסט די ריכטיגע זאַכלאַגע; זיי האָבען געגלויבט, אז די יודישע קהלה איז שוין ווידער טעטיג און זיי זענען געגאַנגען דאָרט אַהין אום צו בעטען אונטערשטיצונג אויף פסח, און — זיי זענען נעביך אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די נאַצי־סאַדיסטען.

פאַר דעם אַריינגאַנג פון דער יודישער קהלה אין דער זייטענשטעטען־גאַס זענען געשטאַנען אַ כאַפּטע נאַצי־יונגען און גלאַט אַזוי פערברעכער פון דער אונטערוועלט, וועלכע האָבען געפאַנגען יעדען יוד, וואָס האָט געוואָלט אַריינגעהען אין דער יודישער קהלה. די נאַצי־פערברעכער האָבען ארויסגענומען אלע טליתים, קיטלען און צילינדערס פונ׳ם קהלה־טעמפּעל און זיי אָנגעטהון אויף די געפאַנגענע יודען און אין אָט די טראַכטען האָבען די לעצטע געמוזט וואַשען די וואַנד, שטיגען און פענ־

סטער פון דער זייטענשטעטען־גאַס. די נאַצים האָבען גענומען א גרייז־גרויען יוד און איהם אָנגעטהון אַ קיטעל, אַ טלית און א צילינדער און איהם געשלאָגען, ער זאָל זינגען „כל נדרי". נאכדעם האָט דער זקן געמוזט אַרויפקריכען אויף די שמאָלע פענסטער־ברעטלעך, וואָס אויפ'ן דריטען שטאָק און וואשען די שויבען. יעדעס מאָל ווען דער געפייניגטער זקן האָט זיך גע־געבען אַ צאַפּעל פאַר שרעק, איז דער אונטען־שטעהענדער פעבעל אויסגעבראָכען אין אַ פרעכען יובעל.

שפּעטער, ווען די יודישע מאַסען האָבען ערפאַהרען, וואָס עס שפּיעלט זיך אָב ביי דער קהלה און זיי האָבען זיך שוין געהיטען פון צו געהען דאָרט אַהין, זענען די נאַצים געקומען אין די יודישע געשעפטען, פונוואַנען זיי האָבען געשלעפט די יודען צו דער זייטענשטעטען־גאַס, וואו עס זענען שוין געלעגען פאַר זיי אָנגעגרייט טליתים, קיטלען און צילינדערס, אין וועלכע זיי האָבען געמוזט וואשען די ווענד, שטיגען און פענסטער פון דער גאַס.

אין יענע שוידערליכע טעג האָבען עטליכע יודיש־געזעל־שאַפטליכע טהוער אין ווינע בעוויזען אַ העלדישע אָפּפערוווי־ליגקייט פאַר זייערע ליידענדע ברידער און שוועסטער. נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען דערביי ריזיקירט מיט'ן אייגענעם לעבען, זענען זיי דאָך אַרומגעלאָפען פון איין פער־מעגליכען יוד צום אַנדערען אום צו פערשאַפען אויף יום־טוב פאַר די יעניגע יודישע פאַמיליען, וועלכע זענען איבער־נאַכט פעראָרעמט געוואָרען. זיי זענען אויך אַרומגעלאָפען איבער די שוהלען און בתי־מדרשים, וועקענדיג איבעראַל די געצעהלטע פערמעגליכע יודען, זיי זאָלען ערפילען זייער מענשליכע און יודישע פליכט געגענאיבער זייערע פעראָרעמטע ברידער און שוועסטער.

„שבת־הגדול" איז מיר צופעליג אויסגעקומען צו הערען

אין א בית־המדרש א רעדע פון איינעם אזא ליבענסווירדיגען יודיש־געזעלשאפטליכען טהוער:

— „ברידער, יודען! — האט ער אנגעהויבען און זיך באלד פערגאנגען אין א יאמערליך ביטער געוויין, — מיר געפינען זיך היינט אין אזא סיטואציע, אז מיר זענען מקנא די טויטע . . . אונזער לאגע איז האפנונגסלאז . . . עס איז אויף אונז געקומען א כפול־שמונה'דיגע קאטאסטראפע: מיר קענען נישט זיצען אין דער היים; מיר קענען נישט זיצען אין געשעפט און מיר קענען אויך נישט ארויסגעהען אויף דער גאס . . . מען האט פון אונז אוועקגענומען די געשעפטען און טראצדעם ווערען מיר געצוואונגען צו פערקויפען אונזערע שטוב־זאכען און צו צאהלען שטייערען . . . קיינער פון אונז ווייסט נישט, אויב ער וועט פסח זיצען ביי זיין טיש . . . טויזענדער יודען האבען נישט אויף צו קויפען דאס ערשטע פריהשטיק. אויך דא, אין אונזער בית־המדרש, וועט איהר יעצט געפינען יודען, וואס אהיימקומענדיג פון דאווענען פערמאגען זיי נישט אין שטוב קיין כזית ברויט צו מאכען „המוציא". פרעג איך אייך, — קענט איהר זיך רוהיג זעצען צום סדר, ווערענד איהר ווייסט, אז אייער שכן אדער אזוי א גוטער פריינד, וועלכער האט ביז יעצט געפיהרט א בכבוד'יג יודיש פאמיליען־לעבען, האט נישט אפילו קיין כזית מצה? מיר זעהען דאך שוין, וואס עס איז געווארען פון אונזער, דורך שוויים און בלוט ערווארבען, פערמעגען! און איז דען מעגליך, אז אויך יעצט זענען מיר נאך נישט געקומען צום ריבטיגען פערשטאנד?" . . .

⁂

מיט'ן אנקומען פון דער ערשטער "סדר"־נאכט האבען די וויענער יודען פערמאכט די פענסטער־לאדענס און ארשבגעלאזט די שטארען; מאנכע האבען נאך פערהאנגען די פענסטער מיט ליינטיכער און בלאנקעטס און נאכדעם ווי מען האט אויך

פעסט פערריגעלט די טהיר, איז מען צוגעטרעטען צו פּראָווען דעם „סדר״. אָבער טראָצדעם וואָס די פענסטער זענען געווען פערהאַנגען — האָט מען פונדעסטוועגען מורא געהאַט אויפצו־דרעהען דאָס עלעקטרישע ליכט, נאָר מען האָט אָנגעצונדען אַ קליין חלב־ליכטעל און ביי דער „פייערליכער בעלייכטונג״ איז געזאָגט געוואָרען די „הגדה״.

האָט מען געהערט טריט אויפ׳ן גאַנג פון הויז — דאַן איז יעדער איינער געבליבען זיצען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און דאָס הערץ האָט גענומען קלאַפּען ווי מיט האַמערס. דער מינדעסטער שאָרך ביי דער טהיר האָט יעדען בלאַס געמאַכט ווי די וואַנד!

אין מאַסען יודישע הייזער האָבען זיך אין מיטען פון אָב־ריכטען דעם „סדר״ אַריינגעריסען נאַצי־יונגען און גענומען די גאַנצע פאַמיליע צו דער אַרבייט. אין דער פּראַטער־שטראַסע האָבען די נאַצים צוזאַמענגעטריבען עטליכע צעהנדליג יודען, מענער און פרויען, וועלכע זענען געוואָרען געצוואונגען צו ליגען אַ גאַנצע נאַכט אויף דער ערד און אין דער פריה האָבען זיי ערשט געמוזט רייניגען קלאָזעטען . . .

⁂

אין דעם ערשטען טאָג פסח אין דער פריה, ווען טויזענדער יודען האָבען אָנגעפילט די שוהלען פון דער לעאָפּאָלדם־שטאָדט (צווייטער בעצירק), זענען אַלע יודישע גאַסען פלוצלינג אַרומ־גערינגעלט געוואָרען פון הונדערטער בעוואָפענטע נאַצי־יונגען, וועלכע זענען געקומען צו פאָהרען אויף לאַסט־אויטאָס. מיט רעוואָלווערען אין די הענד זענען זיי אַריין אין די שוהלען און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט די מתפללים. אין מאַנכע שוהלען, וואו די מתפללים האָבען געוואָלט רעכטצייטיג אַנטלויפען, איז אויסגעבראָכען אַ שרעקליכע פאַניק. אויף דער ערד, ביי דער טהיר, זענען געלעגען מענשען־קנוילען, וואָס האָבען זיך גע־

דרענגט צו אַנטלויפען. איינער איז געטרעטען אויפ׳ן אַנדערען און די געוואַלדען זענען געגאַנגען ביז צום הימעל. די יודען זענען אין די טליתים אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס אום צו לויפען אַהיים. נאָר דאַ האָבען זיי דערזעהען, אַז זיי זענען אַריינ־געפאַלען אין אַ פאַסטקע; וואוהין זיי האָבען נישט געזאָלט וועלען אַנטלויפען — זענען זיי אַלץ אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די נאַצישע מענשען־יעגער.

דאָס מאָל האָבען די נאַצים זיך אויסגעזוכט נאָר עלטערע יודען, פון פאַטריאַרכאַלישען אויסזעהען. אין דער שיפאַמטס־גאַס זענען געוואָרען צוזאַמענגעטריבען עטליכע הונדערט יודען; אַלע איינגעהילט אין די טליתים און מיט די מחזורים אין די הענד. דאָרט האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט אין מיליטערישע רייהען און אַוועקגעפיהרט צו דער אַרבייט. אין דעם פאָליציי־קאָמיסאַריאַט, אין דער לעאָפאָלדס־גאַס, האָבען פונפצעהן פרומע יודען געמוזט אַ גאַנצען טאָג וואַשען די שטיגען, פענסטער, אויטאָס און רייניגען די קלאָזעטען. ווען זייערע פרויען זענען געקומען און זיך געבעטען, אַז זיי וועלען וואַשען פאַר די מענער, האָט מען אויך זיי, די פרויען, געצוואונגען צו אַרבייטען און דאָס עסען, וועלכעס זיי האָבען געבראַכט פאַר די מענער — האָבען די נאַצים צוגענומען.

אין אויבערשטען בית־המדרש פון דער „שיף־שוהל” האָט מען געהאַט איינגעאָרדענט אַ קוואַרטיר פאַר די בורגענלענדישע יודען, וועלכע די נאַצי־מאַכט האָט פערטריבען פון זייערע היי־מען. אין ערשטען טאָג פסח האָבען די נאַצים געבראַכט דאָרט אַהין עטליכע גרויסע לאַסט־אויטאָס, אויף וועלכע זיי האָבען אַרויפגעוואָרפען די דאָזיגע פערטריבענע יודען, ווי די הערינג און זיי אַלע אָבגעפיהרט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין 9־טען בעצירק, וועלכער איז שוין געווען פול געפאַקט מיט טויזענדער אַרעסטירטע און פערשלעפטע יודען.

⁂

אין דעם זעלבען טאָג האָט זיך איבער גאַנץ וויען אָנגע־הויבען אַווילדע אַנטי־יודישע באָיקאָט־וואָקכאַנאַליע. אייגענט־ליך האָט זיך דער אַנטי־יודישער באָיקאָט שוין געהאַט אָנגע־הויבען אין דעם טאָג, אין וועלכען די היטלער־לייט האָבען אַנעקסירט עסטרייך; נאָר אין אָנפאַנג האָט מען „בלויז" גע־צוואונגען די יודישע געשעפטס־לייט, זיי זאָלען אויפקלעבען צעטלען אויף זייערע שוי־פענסטער און איינגאַנגס־טהירען, אַז „דאָס געשעפט געהערט צו אַ יוד". ערשט אין ערשטען טאָג פסח האָט זיך אָנגעפאַנגען דער אַקטיווער און ברוטאַלער באָי־קאָט. פאַר יעדען יודישען געשעפט איז געשטאַנען אַ נאַצי־יונג מיט אַ גרויסען פּלאַקאַט, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ טאָוועל און וועלכעס האָט גערופען דער „אַרישער" בעפעלקערונג נישט צו קויפען ביי יודען. די אויפשריפטען אויף די פּלאַקאַטען זענען געוועזען פון פערשידענעם אינהאַלט:

— „ווער עס קויפט ביי אַ יוד — דער איז אַ פעררעטער!"

— „די יודען זענען אונזער אונגליק!"

— „אַריער, קויפט נישט ביי יודען!"

— „דאָס איז אַ יודיש געשעפט. פאַר אַריער איז דער איינגאַנג פערבאָטען!"

אין דער טאַבאָר־שטראַסע איז אַ יונגע קריסטין אַריינגע־גאַנגען אין אַ יודיש געשעפט קויפען. די נאַצים זענען דאַן אַריין אין געשעפט, האָבען גענומען די קריסטין און זי אַריינגעזעצט אין שוי־פענסטער און אויף איהרע בריסטען האָבען זיי אויפ־געהאָנגען אַן אויפשריפט, אַז „דאָס דאָזיגע חזיר — קויפט ביי יודען!" . . .

פאַר יעדען יודישען געשעפט זענען געשטאַנען אַ כאָפּטע הפקר־יונגען און אַלטע, אויסגעלאַסענע נאַצי־מוידען, וואָס האָבען געמאַכט פערשידענע חוזק־גרימאַסען, געזונגען, געלאַכט און גע־שפּיגען אין געזיכט פון יעדען פערבייגעהענדען יוד אָדער יודי־שע פרוי. אין דער וואַלענשטיין־שטראַסע איז דער גאַסען־פּעבעל

בעפאַלען די יודישע לעבענסמיטעל-געשעפטען און זיי גענצליך אויסגערויבט. נאָכהער זענען די יודישע געשעפטס-לייט געוואָרען אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס און מערדעריליך געשלאָגען. איין יודישער לעבענסמיטעל-הענדלער איז אַזוי „טיכטיג בעאַרבייט” געוואָרען, אַז ער איז נאָכהער אָבגעלעגען פיער וואָכען שווער קראַנק און איז געשטאָרבען.

אויף דער נאַכט, צום צווייטען „סדר”, ווען די כוליגאַנעס זענען שוין געווען פערטיג מיט דער באַיקאַט-אַקציע, האָבען זיי אָנגעהויבען בעזונדערס צו ווילדעווען אין די יודישע וואוינגאַסען. יעדער יוד, וואָס איז זיי נאָר ענטגעגען געקומען, איז געוואָרען בלוטיג געשלאָגען. אין דער היינע-שטראַסע האָבען די נאַצי-יונגען געפאַנגען אַ 75-יעהריגען יוד; זיי האָבען איהם געבונדען הענד און פיס און אַריינגעשטופּט אין זיין מויל אַ שטיק ברויט מיט אַ שטיק חזיר.

דער צווייטער טאָג פּסח און אויך דער ערשטער טאָג פון חול-המועד פּסח זענען פערלאָפען מעהר וועניג רוהיג. מאַנכע יודען האָבען געגלויבט, אַז עס איז שוין געקומען אַן ענדע צו די צרות. זיי האָבען אָבער געהאַט אַ טעות אין חשבון. די צוויי טעג זענען געווען דער קריסטליכער „פּסח” און די נאַצים האָבען זיך ווערענד אָט דער צייט געוואָלט אויסרוהען פון זייער „עבודה” אין די לעצטע פאַר-פּסח-טעג און פון ערשטען טאָג פּסח. דערפאַר אָבער האָבען זיי נאָכהער אָבגעצאָהלט אויך שוין פאַר די צוויי „רוה-טעג”; אָבגעצאָהלט — אויף אַזאַ מערדערישען אופן, אַז אין פערגלייך מיט דעם ווערט אַלעס, וואָס איז פריהער געשעהען, פערבלאַסט.

## די „דריי טעג"

וויענער יודען וועלען קיינמאָל נישט פערגעסען די „ד ר י י ט ע ג" פון דעם 23-סטען, דעם 24-סטען און דעם 25-סטען אַפּריל פון יאָהר 1938, וואָס אין זיי איז דעמאָלט אויסגעפאַלען— שבת און דער לעצטער טאָג פסח (אחרון-של-פסח); דאַן זונטאָג (אסרו-חג) און מאָנטאָג. דאָס זענען געווען די פינסטערסטע און גרויזאַמסטע טעג פאַר די יודען אין עסטרייך, פון די גאַנצע זעקס וואָכען, זייט עס איז דאָרט איינגעפיהרט געוואָרען דער באַרבאַרישער נאַצי-רעזשים. אין יענע „דריי (פּאָגראָם) טעג" האָבען די וויענער „אַריער" געוויזען, אַז די גאַנצע לעגענדע וועגען זייער „געמיטליכקייט" איז נישט מעהר געווען אַלס אַ נאַרישער בלאָף! עס איז איינפאַך אונמעגליך צו געבען אַ גע-נויע און אויספיהרליכע שילדערונג איבער יענע גרויזאַמע טעג; דען אַזעלכע אויסטערלישע איבערלעבונגען קען מען נישט אויסדריקען אין דער מענשליכער שפּראַך; אַזעלכע אונגאַ-טירליכע געשעהענישען מוז מען אַליין האָבען מיט-ערלעבט; אַנדערש וועט דאָס קיין שום מענשליכער מוח נישט קענען פערשטעהען; עס איז איינפאַך נישט צום בעגרייפען! . . .

אויף אַ געהיימען סיגנאַל האָבען זיך שבת פאַרמיטאָג אָנ-געהויבען צו בעווייזען אין אַלע יודישע גאַסען פולע לאַסט-אויטאָס מיט נאַצים. זיי האָבען געטראָגען מיט זיך, אויסער רעוואָלווערען, מעסערס און אייזערנע שטאַנגען — אויך גרויסע טראַנספּאָרטען מיט אַנטי-יודישע באָיקאָט-פּלאַקאַטען. באַלד האָט זיך נישט געפונען קיין איין יודיש געשעפט, וואָס דער-נעבען האָט נישט געזאָלט שטעהען אַ נאַצי-יונג מיט אַזאַ באָי-קאָט-פּלאַקאַט. אָבער דאָס וואָלט נאָך נישט געווען דאָס ערג-

סטע. נאָר אָרום צוועלף אוהר בייטאָג האָבען זיך די נאַצי־כוליגאַנעס מיישב געווען: פאַרוואָס עפּעס זאָלען זיי האַלטען די פּלאַקאַטען, ווערענד די יודען זיצען זיך „רוהיג" אין די וואוינונגען און אין די געשעפטען? . . . האָבען זיי אָנגעהויבען אַרויסצושלעפּען די יודען פון די וואוינונגען און פון די געשעפטען און זיי געצוואונגען אַליין צו האַלטען שטונדען־לאַנג די באָיקאָט־פּלאַקאַטען פאַר זייערע אייגענע געשעפטען. דער יוד האָט געמוזט שטעהען גלייך ווי אַ סטרונע און האַלטען דעם באָיקאָט־פּלאַקאַט מיטביידע הענד אין דער הויך! . . .

האָבען די נאַצים אָנגעטראָפען אויף אַ געשעפט פון אַן אָרטאָדאָקסישען יוד, וואָס איז וועגען שבת געווען געשלאָסען — דאַן האָבען זיי מיט געוואַלד געבראַכט צו שלעפּען דעם בעטרעפענדען יוד, איהם געצוואונגען אויפצושליסען זיין געשעפט און נאָכהער צו האַלטען דעם באָיקאָט־פּלאַקאַט. אין פאַלס זיי האָבען נישט געקענט געפונען דעם אָרטאָדאָקסישען געשעפטס־אייגענטימער, האָבען זיי באַלד אויפגעבראָכען די טהיר פון דעם געשעפט.

און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילד געיעג נאָך יודען, מענער און פרויען, נאָך קינדער און אַלטע לייט, וועלכע מען האָט בלוטיג געשלאָגען, זיי זאָלען מאַרשירען איבער די גאַסען מיט אַזעלכע אַנטי־יודישע באָיקאָט־פּלאַקאַטען. די כוליגאַנעס האָבען אַרויסגעשלעפּט דעם 75־יעהריגען אויבער־ראַבינער פון זיין טעמפּעל, וואו ער האָט גראָד געהאַלטען אין מיטען דער יום־טוב פרעדיג. זיי האָבען איהם געצוואונגען צו טראָגען אַ באָיקאָט־פּלאַקאַט און איהם אַרומגעפיהרט איבער מעהרערע בעלעבטע גאַסען. ביי דער גלאָקען־גאַס האָט ער זיך בעגעגענט מיט אַ צווייטער פּראָצעסיע, אין וועלכער מען האָט געפיהרט עטליכע חסידישע יודען. די נאַצי־באַרבאַרען האָבען דאַן געהייסען דעם אַלטען אויבער־ראַבינער אַהיים געהען. נאָר ער האָט זיך זאָפאָרט אָבגעזאָגט פון צו געניסען פון דער „נאַצי־

טובה" : „איך וועל געהען — האָט ער קאַטעגאָריש ערקלערט — מיט די יודען אַזוי לאַנג ווי זיי וועלען געהען; ווען זיי וועלען אהיים געהען — וועל איך אויך אהיים געהען!" . . .

אין דער מאַלץ-גאַס האָט דער פּעבעל אַרויסגעשלעפּט איבער דריי צעהנדליג יודען אויף דער גאַס; מען האָט זיי אָנגעהאָנגען פּלאַקאַטען מיט פערשידענע בעליידיגענדע אויפשריפטען אויף'ן אדרעס פון יודישען פאָלק. די יודען האָבען געמוזט מאַר־שירען איבער די גאַסען און שרייען: „יוד, קראַפּיר!" . . . איין ראַבינער האָט געמוזט טראָגען אַ טאָוועל מיט אַן אויפ־שריפט: „איך בין אַ שענדער פון דייטשע פרויען!" . . .

נאכהער זענען די כוליגאַנעס אריין אין דער וואוינונג פון אַ חסידישען זקן, אַ גרויסער תלמיד-חכם; זיי האָבען איהם אָנגעטהון די זיידענע קאַפּאָטע און דאָס שטריימעל און אַזוי אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס צו טראָגען אַ באַיקאָט-פּלאַקאַט.

אַרום די דאָזיגע יודען האָט געהירזשעט דער פּעבעל. די אונגליקליכע יודען זענען געוואָרען געשטאָכען מיט נאָדלען, שפּילקעס און שטיקער דראָט. אַלע ווײַלע האָט אַן אַנדערער כוליגאַן אונטערגעשטעלט אַ פוס, פון וואָס דער יוד איז אומ־געפאַלען און דאַן איז דער פּעבעל אויסגעבראָכען אין אַ ווילד־היסטעריש געלעכטער, וואָס האָט פערהילכט אַלע אַרומיגע גאַסען.

ביי דער שוועדען-בריק האָט דער פּעבעל צוזאַמענגעטריבען אַ צעהנדליג יודען און זיי געצוואונגען צו טאַנצען אויף דער בריק, אין מיטען העלען טאָג, דאָס „מצוה-טענצעל" . . . . אין דער טאַבאַר-שטראַסע האָבען די כוליגאַנעס צוזאַמענגעטריבען צוואַנציג יודישע פרויען, וואָס האָבען געטראָגען פּעריקען (שייטלען) און זיי אויסגעשטעלט אין אַ רייה. דאַן האָט מען געהייסען די פרויען, זיי זאָלען אויסטהון די פּעריקען און זיי אַרויפלעגען אויף דער קופּע האָלץ, וואָס איז געלעגען נעבען זיי אויף דער ערד. ווען איין פרוי האָט נישט געוואָלט פאָלגען, האָט

מען בעגאָסען איהר קאָפּ מיט נאַפט און איהר געדראָהט, אז מען וועט אונטערצינדען די פּעריקע אויפ'ן קאָפּ. זעלבסטפער־שטענדליך, אז די פרוי האָט שוין דאַן געמוזט אַרונטערנעהמען די פּעריקע און זי אַרויפלעגען אויפ'ן האַלז. אין דעם מאָמענט האָבען די כוליגאַנעס אונטערגעצונדען דאָס האַלז מיט די פּעריקען און געצוואונגען די יודישע פרויען צו מאַרשירען אַרום דער ברענענדער קופּע.

פון איין יודיש מיידעל האָט מען אַרונטערגעריסען די שיך און געהייסען זי זאָל לויפען איבער דער גאַס און שרייען: „איך בין אַ קאָמוניסטישע פּראָסטיטוטקע!"

איך האָב געזעהען ווי קליינע יודישע קינדער האָבען אין דער אונטערע־אוגאַרטען־שטראַסע געמוזט האַלטען פּלאַקאַטען מיט אויפשריפטען: „אַריער, קויפט נישט ביי די יודען! די יודען מישען די שפּייז־פּראָדוקטען מיט גיפט און פערקויפען זיי נאָכהער צו די דייטשען!"

אין דער שיף־גאַס האָט דער פּעבעל אַזוי לאַנג געמאַטערט אַ יודישען זקן ביז ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשען־מעסער און ערקלערט, דאָס ער וועט דערשטעכען יעדען איינעם, וואָס וועט זיך נאָך איינמאָל דערוואַגען צו דערנעהנטערען צו איהם. אָבער אין דעם אויגענבליק האָט ער בעקומען מיט אַ שטיין אין קאָפּ און איז געפאַלען אויף דער ערד אַ בעוואוסטלאָזער.

פאַרנאַכט זענען די כוליגאַנעס אַריין אין דער שוהל „אמת־ושלום" און דאָרט דורכגעפיהרט אַ פּאָגראָם: אויסגעשלאָגען די שויבען, צעריסען די ספרי־תורה און צעבראָכען די לאָמפּען. נאָך דעם וואַנדאַליזם האָבען זיי ערשט אַרויסגעשלעפּט די אַנ־וועזענדע יודען אויף דער גאַס און זיי איינגעשפּאַנט צו שלעפּען אַ וואָגען, אויף וועלכען עס האָט זיך געפונען אַ ריזיג גרויסער באָיקאָט־טראַנספּאַרענט.

נאָכ'ן אָבווילדעווען דעם גאַנצען שבת טאָג האָבען זיך די כוליגאַנעס אַרויסגעלאָזט, אַרום אַכט אין אָוועגד, איבער אַלע

וויענער בעצירקען, צו פאנגען פרישע יודען. דער הויפט־זאמעל־פלאץ פאר אט די געפאנגענע יודען איז געווען ביי דער „אוראַניא". עטליכע טויזענד יודען זענען צוזאמענגעטריבען געוואָרען אויף יענעם פלאץ, וואו מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין גאַר אַ לאַנגער רייה און נאָכהער זענען זיי אַוועקגעפיהרט געוואָרען, אונטער אַ שטרענגע וואַך פון הונדערטער שווער־בעוואַפענטע נאַצי־יונגען און אונטער'ן קאַצען־מוזיק פון דעם אָנגעלאָפענעם פעבעל, צו דער „רייכס־בריק", וואָס געפינט זיך אין ענדע פון דער שטאָדט. און דאָרט, ביי דער „רייכס־בריק", האָבען שוין די נאַצים געהאַט צוזאמענגערופען הונדערטער פינסטערע פאַרשוינען פון דער וויענער אונטערוועלט, זיי זאָלען העלפען דורכפיהרען די אינקוויזיטאָרישע פייניגונגען איבער די אָנגעטרייבענע יודען.

דער אָנפאַנג איז געמאַכט געוואָרען אויף אַזאַ שטייגער: מען האָט אַרויסגענומען אַ פופציג־יעהריגען יוד פון צווישען דער רייה געפאַנגענע יודען און איהם געבונדען די הענד און די פיס, מיט דיקע און לאַנגע שטריק, מיט וועלכע מען האָט איהם דאַן אַראָבגעלאָזט אין וואַסער אַריין, וואָס געפינט זיך צעהן מעטער טיעף פון דער בריק. נאָכ'ן האַלטען איהם אַ ווײלע אונטער'ן וואַסער, איז דער יוד אַרויפגעצויגען געוואָרען צוריק אויף דער בריק, וואו מען האָט אַביסעל אָבגעטרייסעלט דאָס וואַסער פון זיינע קליידער און נאָכהער האָט מען איהם ווידער אַראָבגעלאָזט אין וואַסער אַריין און דאַן — ווידער אַרויפגעצויגען. אַזוי האָט זיך די שוידערהאַפט־סאַדיסטישע אינקוויזיציע מעהרערע מאָל ווידערהאָלט, ביז דער געפייניגטער איז געבליבען ליגען אויף דער בריק גענצליך בעוועגלאָז.

פערטיג געוואָרען מיט דעם שטיקעל „אַרבייט" — האָבען דאַן די נאַצים גענומען אַ גרופּע פון פערציג יודען, וועלכע זענען געוואָרען צוזאַמענגעבונדען ביי די פיס און אַזוי האָט מען זיי געיאָגט אין וואַסער אַריין, וואו מען האָט זיי, אונטער דער

דראָהונג צו שיסען, געצוואונגען צו זינגען און טאַנצען. נאַטיר־ליך, אַז די אונגליקליכע יודען זענען באַלד אומגעפאַלען איינער אויפ'ן אַנדערען. אין וואַסער איז געלעגען אַ גרויסער מענשען־קנויל, אויף וועלכען דער פעבעל האָט געהאָגעלט מיט שטיינער און די יאָמערליכע קרעכצען פון די געפייניגטע יודען האָבען זיך אויסגעמישט מיט די שאַלענדע פרייד־געשרייען פון זייערע פייניגער און צוזאַמען האָט מען די געוואַלדען געהערט ביז אין צענטרום פון דער שטאָדט.

ווען די ערשטע גרופע יודען איז שוין געווען גאַנץ פער־מאַטערט, האָבען זיך די נאַצישע קאַניבאַלען גענומען צו אַ צווייטער גרופע. די אינקוויזיציע איבער דער צווייטער גרופע יודען איז בעשטאַנען אין מאַכען מיט זיי „גימנאַסטישע איבונגען", און נעמליך: די יודען האָבען זיך געמוזט אַנידערלעגען אויף דער ערד און קריכען אויף די שפּיץ פינגער פון די הענד און פיס. נאָכהער האָט מען זיי געשלאָגען, צו שטעלען זיך מיט די קעפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף, און נאָך שפּעטער האָט מען זיי ווידער געצוואונגען צו קריכען אויף די קניה און צו האַלטען דערביי די הענד אין דער הויך. ווערענד דער גאַנצער אינקוויזיציע האָבען נאָך די געפּייניגטע יודען געמוזט שרייען: „יוד, קראַפּיר!"

וואַרט, איהר זענט נאָך נישט פערטיג! נאָך דער צווייטער גרופּע — איז געקומען אַ דריטע גרופּע. דאָס מאָל האָבען די אויסוואורפען גענומען צעהן אַלטע יודען, וועלכע האָבען זיך געמוזט איינבויגען ביז צו די קניה און אַזוי לויפען אַ היבשע שטרעקע. ווען איינער פון די געפּייניגטע איז אומגעפאַלען, האָט ער באַלד בעקומען מיט אַ שטעקען איבער'ן קאָפּ און, אַלס שטראָף, האָט ער געמוזט דורכמאַכען נאָכאַמאָל די „גימנאַס־טישע איבונגען".

אַרום פינף פאַרטאָג האָבען די נאַצים אויסגעזעצט אַלע געפאַנגענע יודען אויף דער ערד און זיי געשלאָגען, אַז איינער

דעם אַנדערען זאָל שפּייען אין געזיכט אַריין. איין יודישער יונגערמאַן האָט ערקלערט, דאָס ער וועט זיך פריהער לאָזען דערשיסען איידער צו פאָלגען אַזאַ שענדליכע פאָדערונג; איז ער דערפאַר באַלד אַוועקגעפיהרט געוואָרען אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער און מיט צוויי-דריי וואָכען שפּעטער האָבען זיינע עלטערען ערהאַלטען אַן „איינלאַדונג" פון דער „געשטאַפּאָ" צו קומען אָבנעהמען דאָס קעסטעל מיט אַש פון זייער פערברענטען זוהן.

צומאָרגענס, זונטאָג, זענען די אינקוויזיציע-פּייניגונגען פאָרטגעזעצט געוואָרען. די הויפּט-שוי-פּלעצער פון דער זונטאָגדיגער אינקוויזיציע זענען געווען אין פלאָריסדאָרף (אַ פאָרשטאָדט פון וויען) און אין „פּראַטער". הונדערטער יודען, דערונטער פרויען און קראַנקע, האָט מען צוזאַמענגעטריבען אויף אַ פּלאַץ וואָס נעבען דער פלאָריסדאָרפער-בריק און אַ גאַנצען טאָג האָבען זיי געמוזט מאַכען „קניה-בויגען" און אַנדערע „גימנאַסטישע" אָדער „מיליטערישע איבונגען", ביז צעהנדליגער פון זיי זענען געפאַלען אין אָהנמאַכט. די געפאַלענע זענען געוואָרען געשלאָגען, געטרעטען מיט די פיס; מען האָט זיי געשלאָגען מיט ברוטאַלער ראַפינירטקייט, אַבזיכטליך, אין די דעליקאַטע קערפּער-טיילען און אין רוקענביין . . .

אַמשוידערליכסטען איז עס צוגעגאַנגען אין דער „הויפּט-אַלעע", וואָס געפינט זיך אין „פּראַטער". הונדערטער יודען, מענער און פרויען, זענען געבראַכט געוואָרען דאָרט אַהין. צוערשט האָט מען געצוואונגען די מענער זיי זאָלען זיך אַנידערלעגען אויף דער ערד און רייסען דאָס גראָז מיט די ציינער. נאָכהער האָט מען, ווי דער שטייגער איז געווען, געמאַכט מיט זיי „גימנאַסטישע איבונגען" און גאַנץ צום שלום — האָט זיי ערשט דער פּעבעל „בעאַרבייט" מיט שטיינער און שטעקענס.

דאַן האָט מען זיך גענומען צו די עטליכע הונדערט יודישע פרויען. מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין רייהען און געהייסען

זינגען פערשידענע יודישע לידער. נאָכ'ן זינגען איז ווידער גע־קומען אַ בעפעהל, אַז יעדע איינע זאָל געבען צוויי פעטש דער פרוי, וואָס שטעהט נעבען איהר. נאָכהער האָט מען געבראַכט שוואַרצען שיך־פּאַסטאַ און באַרשטען און יעדע יודישע פרוי האָט געמוזט נעהמען אַ באַרשט, איינטונקען זי אין דעם שיך־פּאַסטאַ און דערמיט אויסשמירען דאָס געזיכט פון אַן אַנדערער יודישער פרוי.

אין דער פּראַטער־שטראַסע האָבען צוויי יונגע יודישע פרויען געוואָלט איינשטייגען אין אַ טראַמוויי אום צו אַנטלויפען אין אַן אַנדערען בעצירק אַריין. אָבער דער בעזויפענער פּעבעל האָט זיי בעמערקט און האָט זיי גלייך אַרומגערינגעלט. אַן אַלטע אויסגעפּרעסענע דייטשקע, מיט אַ פיזיאָגנאָמיע פון אַ זונה, האָט אַרויסגענומען פון איהר צעשוואומענעם בוזעם אַ פלעשעלע מיט טינט און דאָס אַ גאַס געטהון אויף די געזיכטער פון די צוויי יודישע פרויען און באַלד האָט איינער פון פּעבעל אויך אַ גאָס געטהון אויף זיי אַ קיבעל מיט אונריינינקייטען.

פאַרנאַכט האָבען זיך אוניפאָרמירטע כוליגאַנעס אַריינ־געריסען אין די יודישע הייזער און אין די בתי־מדרשים און דורכגעפיהרט שרעקליכע פּאָגראָמען. די יודען זענען אַרויס־געשלעפּט געוואָרען אויף דער גאַס, וואו מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגען טאָוולען מיט די געמיינסטע זידעל־ווערטער און קללות אויף יודען. יודישע בערד זענען געשניטען געוואָרען מיט מעסערס און שווערדען און איבער גאַנץ וויען האָבען זיך געטראָגען די פערצווייפעלטע הילפס־רופען פון די געשלאָגענע יודישע מענער און פרויען.

צו דער זעלבער צייט זענען מינדעריעהריגע נאַציס אַרומ־געגאַנגען איבער די גאַסען פון וויען און געשלאָגען די קליינע יודישע קינדער. זיי האָבען גענומען שטעקענס, מיט נאָגלען אויף די שפּיצען און מיט זיי געלעכערט די קעפּ און די געזיכ־טער פון די יודישע קינדערלעך. אין דער טאַבאָר־שטראַסע

זענען מעהרערע אַזעלכע קליינע אויסוואורפען בעפאַלען אַ צוועלף־יעהריג יודיש יונגעל און איהם מערדערליך געשלאַגען. אויף זיינע יאַמערליכע הילפס־רופען זענען פון דער דאָרטיגער קירכע אַרויסגעלאָפען עטליכע עלטערע „אַריער". אָבער די לעצטע האָבען נאָך צוגעגעבען מוט די קליינע כוליגאַנעס, שריי־ענדיג: „אויסגעצייכענט! שלאָגט איהם, דעם יוד! איהר מעגט איהם גענצליך ערמאָרדען!" . . .

אין אָוועגד האָבען פינף ערוואַקסענע פערברעכער געפאַנ־גען דאָס עלף־יעהריגע יודישע יונגעל פעלזענבערג, פון דער אונ־טערע־אונגאַרטען־שטראַסע און איהם פערשלעפט צום דאַנאַו־קאַנאַל, וואו זיי האָבען איהם אַ היבשע פאָר מאָל אַראָבגעלאָזט אין וואַסער אַריין, אונטערגעטונקען און צוריק אַרויפגעצויגען. פאַר שרעק און יסורים האָט דאָס דאָזיגע יודישע קינד פער־לוירען דאָס גייסטיגע גלייכגעוויכט.

איך וויים נישט די גענויע צאָהל פון די ערמאָרדעטע יודען אין יענעם זונטאָג, אָבער זאָלען דאָ פערנאָטירט ווערען די פאָלגענדע דריי זיכערע פאַקטען:

1) אַ כאַפּטע כוליגאַנעס האָבען געפאַנגען דעם יוד ווילי שמידעק און זיין פרוי און זיי אַריינגעוואָרפען אין דער דאַנאַו. ביידע, מאַן און פרוי, זענען דערטרונקען געוואָרען! . . .

2) דער יוד דר. בער איז יאָהרען־לאַנג געוועזען דער די־רעקטאָר און רעזשיסער פון דעם „סקאַלאַ־טעאַטער" אין וויען. ווען די נאַציס האָבען אַנעקסירט עסטרייך האָבען זיי אויך דעם דר. בער בעזייטיגט פון זיין פאָסטען. נאָר אין יענעם זונטאָג האָט די „אַרישע" שוישפּיעלערין פּאַולאַ וועסעלי געבעטען דעם דר. בער, ער זאָל אונבעדינגט קומען צו איהר דעמאָלטדיגער פאָרשטעלונג אין'ם „דייטשען פאָלקס־טעאַטער". דר. בער האָט אין אָנפאַנג געגעבען צו פערשטעהען, אַז ער קען נישט מעהר קומען אין קיין דייטשען טעאַטער. ערשט ווען די וועסעלי האָט גאַראַנטירט, אַז עס וועט איהם גאָר נישט געשעהען —

האָט ער זיך ענטשלאָסען צו קומען צו איהר פאַרשטעלונג אין יענעם טעאַטער.

אַבער ווערענד דער פויזע פון נאָכ'ן ערשטען אַקט זענען פיער נאַצים צוגעקומען צו דר. בער און איהם אויפגעפאָדערט, ער זאָל מיט זיי מיטגעהען. זיי האָבען איהם געבונדען און פערשלעפּט אין „וויענער וואלד"; דאָרט האָבען זיי איהם אַזוי מערדערליך צעשלאָגען, אַז ער איז נאָכהער אָבגעלעגען עט־ליכע וואָכען אין שפּיטאָל און איז געשטאָרבען . . .

3) אין דער פּראַטער־שטראַסע האָט געוואוינט די שטיין־רייכע יודישע פאַמיליע בערגמאַן. אין יענעם שוידערליכען זונ־טאָג האָט מען די מיטגליעדער פון אָט דער פאַמיליע אונאויפ־הערליך געשלעפּט צו דער אַרבייט, ביי וועלכער מען האָט זיי געפּייניגט מיט עינויים קשים. אויף דער נאַכט האָט דער אַלטער בערגמאַן צוזאַמענגערופען די גאַנצע פאַמיליע אין איין צימער אריין; זיי האָבען זיך אַלע, דערונטער אַן אייניקעל פון זעקס יאָהר, געלעגט אויף דער ערד און אַזוי זענען זיי, פינף פּערזאָ־נען — איינגעשלאָפען, דורכ'ן אויפגעדרעהטען גאַז־קראַן, מיט דעם אייביגען שלאָף! . . .

⁂

אויך מאָנטאָג, דעם 25־סטען אַפּריל, איז די אינקוויזיציע ווייטער אָנגעגאַנגען. אין אַלע בעצירקען זענען די יודישע איינ־וואוינער געוואָרען צוזאַמענגעטריבען אויף אַן עפענטליכען פּלאַץ, וואו מען האָט מיט זיי געמאַכט „גימנאַסטישע איבונגען". נאָכמיטאָג האָבען די נאַצי־וואַגאַבונדען צוזאַמענגעטריבען עט־ליכע צעהנדליג יודישע פרויען אויף דער אַוגאַרטען־בריק און געמאַכט מיט זיי „גימנאַסטישע איבונגען"; נאָכהער האָט מען די אַלע יודישע פרויען אויסגעשטעלט אין אַ רייה. יעדע פרוי האָט בעקומען אַ בעזים אין דער האַנד אַריין און אַזוי האָט מען זיי געטריבען איבער די גאַסען פונ'ם צווייטען בעצירק. נאָך דעם

באַרבאַרישען צוג זענען נאָכגעלאָפען אַ באַנדע יונגע און אַלטע שיקסעס און זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער . . .

צו דער זעלבער צייט האָט מען געשלעפט יודישע מענער אין אַמאַליגען גאָרטען פון קייזער פראַנץ יאָזעף. די אונגליקליכע יודען האָבען געמוזט אַרויפקריכען אויף די שפּיצען פון די העכסטע ביימער און וואַשען די צווייגען; נאָכהער האָבען זיי געמוזט וואַשען די בענק, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, און צום שלום איז ערשט געגאַנגען אַ סדרה פון „גימנאַסטישע איבונגען". עס איז דעמאָלט גראָד געגאַנגען אַ שטאַרקער רעגען; האָט מען געצוואונגען די יודען, דערונטער מעהרערע זקנים און געפעהרליך קראַנקע, זיי זאָלען זיך אויסשטרעקען אויף דער ערד, מיט די געזיכטער אַרויף צום הימעל און אויך אָפען האַלטען די מיילער . . . נאָכ'ן אָבליגען איבער אַ שטונדע מיט די געזיכטער אַרויף — האָט מען זיי געהייסען, זיי זאָלען זיך ווידער אומדרעהען און זאָלען ליגען מיט די געזיכטער אַראָב, אויף דער נאַסער און קוואַטשיגער ערד און מיט די רוקענס אַרויף. וועהרענד דער גאַנצער צייט, וואָס זיי זענען געלעגען מיט די געזיכטער אַרויף — האָט מען זיי געשלאָגען און געקאָפּעט אין די בייכער, און וועהרענד דער גאַנצער צייט, וואָס זיי זענען געלעגען מיט די רוקענס אַרויף — האָט מען זיי ווידער געשלאָגען אין די רוקענביינער . . . איין יודישער יונגערמאַן איז געוואָרען אויסגעטהון אדם-נאַקעט און אַזוי האָט ער געמוזט שטעהען גאַנצע צוויי שטונדען אונטער'ן גאָס-רעגען . . .

דינסטאָג אין דער פריה האָבען די נאַצי-באַנדיטען נאָך געגעבען אַ „לעצט-געלד" צו די וויענער יודען: זיי זענען אַריין אין די שוהלען און בתי-מדרשים, אַרויסגעשלעפט פון דאָרט די מתפּללים און זיי געבראַכט אויפ'ן קאַרמעליטען-פּלאַץ, וואו די יודען האָבען זיך, אין די טליתים און תפילין, געמוזט אַנידערלעגען אויף דער ערד און וואַשען די שטיינער. דערביי האָבען די נאַצים געשלאָגען די יודען מיט די רצועות אין די געזיכטער...

# גירוש בורגענלאַנד

אין עסטרייך געפינט זיך אַ פּראָווינץ מיט דעם נאָמען בורגענלאַנד, וועלכע האָט אַמאָל געהערט צו אונגאַרן. דאָרט האָבען זיך געפונען די בעריהמטע „זיבען קהלות" („שבע הקהלות"), וועלכע זענען: אייזענשטאַדט, מאַטערסדאָרף, קאָבערסדאָרף, לאַקענבאַך, פרויענקירכען, צעהלים און קיצעע. די „זיבען קהלות" האָבען עקזיסטירט קנאַפּע 250 יאָהר. אָנפאַנג 1938 האָבען דאָרט געלעבט איבער דריי טויזענד יודען. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געווען טראַדיציאָנעל-רעליגיעז געשטימט. עס האָבען זיך דאָרט געפונען מעהרערע שוהלען, בתי-מדרשים, ישיבות, תלמוד-תורה-שולען און אויך יוגענד-פערבאַנדען. איז געקומען אַ שבת אָדער אַ יום-טוב — האָבען זיך די יודען פון די „זיבען קהלות" איינגעהילט אינ'ם מאַנטעל פון מנוחה און קדושה; זיי האָבען זיך אָבגעשלאָסען אין זייערע היימען, שוהלען און בתי-מדרשים און געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר די חסדים וואָס ער האָט מיט זיי געטהון: דען זיי האָבען געהאַט פרנסה בשפע; זיי האָבען געלעבט אין גלאַנץ און מיט עהרע. די אַרומיגע נישט-יודישע שכנים האָבען ליעב געהאַט און רעספּעקטירט אַט די שטילע און עהרליכע יודען.

דאָס איז אַזוי לאַנג געווען ביז די נאַצים האָבען אַנעקסירט עסטרייך. דאָ האָט זיך גאָט'ס צאָרן בעזונדערס אויסגעגאָסען אויף די בורגענלענדישע יודען. באַלד אין דער נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת, דעם 12-טען מערץ, זענען אין די דאָזיגע שטעדט פאָרגעקומען אַנטי-יודישע עקסצעסען. אַלע שויבען פון די יודישע וואוינונגען און געשעפטען זענען געוואָרען אויסגעשלאָגען. שבת בייטאָג האָט מען געשלאָגען יודען אין די גאַסען

און אין די שוהלען. אָבער דאָס אַלעס איז נאָך גאָר נישט! עטליכע טעג פאַר פסח איז פּלוצלינג געקומען אַ בעפעהל, דאָס אַלע בורגענלענדישע יודען מוזען איבערלאָזען זייערע הײמען, געשעפטען און פערמעגענס און פערלאָזען בורגענלאַנד. אויף אַט דעם ערשטען בעפעהל האָבען עטליכע הונדערט יודען באַלד איבערגעלאָזט זייער האָב און גוטס און זענען אַוועק קיין וויען.

ווען די נאַציס האָבען געזעהען, אַז דער ערשטער גירוש־בעפעהל איז זיי געלונגען, האָבען זיי אום פסח גענומען דורכפיהרען דעם ענטגילטיגען גירוש. די יודען זענען געוואָרען געוואָרענט צו פערלאָזען בורגענלאַנד אין פערלויף פון 24 שטונדען. און עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום בעטען. בעוואָפענטע נאַצי־באַנדיטען האָבען זיך אין מיטען דער נאַכט אַריינגעריסען אין די יודישע וואוינונגען און אַרויסגעשלעפּט די יודישע מענער מיט זייערע פרויען און קינדער אויף דער גאַס, וואו מען האָט זיי אַרויפגעפּאַקט אויף לאַסט־אויטאָס און אַוועקגעפיהרט צו די אונגאַרישע און טשעכישע גרעניצען.

אין אייזענשטאַדט און אין קאָבערסדאָרף זענען פערבליבען עטליכע צעהנדליג יודען. האָט מען זיי טאָג־טעגליך געשלעפּט צו דער פּאָליציי, וואו מען האָט זיי געשלאָגען צו אונטערשרייבען, אַז זיי ווילען פערלאָזען עסטרייך. אין קאָבערסדאָרף האָבען די נאַצישע פּאָליציסטען געוואָרענט אַ יוד, דאָס אויב זיי ווילען איהם נאָך איינמאָל בעגעגענען, ווילען זיי איהם גלייך פערשיקען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. צומאָרגענס זענען די נאַציס געקומען אין דער וואוינונג פון'ם דאָזיגען יוד, וועלכער איז געלעגען בעהאַלטען אין קעלער. די נאַציס האָבען דאַן גענומען די יודישע פרוי אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, וואו מען האָט זי געהאַלטען זעקס וואָכען. פאַר'ן בעפרייט ווערען, האָט זי געמוזט אונטערשרייבען, אַז זי וועט פאַר קיינעם נישט ערצעהלען, וואָס עס איז אַלץ געשעהען מיט איהר ווערענד זי האָט זיך דאָרט געפונען . . .

און וואָס איז געשעהען מיט די יודען, וועלכע מען האָט געטריבען צו די גרעניצען? מען האָט זיי, אין מיטען פון אַ פינסטערער נאַכט, צוגעפיהרט צום וואַלד וואָס געפינט זיך ביי דער אונגאַרישער גרעניץ־ליניע און מען האָט זיי געהייסען אַריבערגעהען די אונגאַרישע גרעניץ. אָבער די אונגאַרישע גרעניץ־פּאָסטענס האָבען דאָס בעמערקט און האָבען גענומען טרייבען די אונגליקליכע יודען צוריק, קיין עסטרייך. די נאַצים האָבען דאַן גענומען יאָגען די יודען צו דער טשעכישער גרעניץ, וואו זיי האָבען געמוזט דורכגעהען אַ וואַסער. צום שלים־מזל זענען זיי אויך דורך די טשעכישע גרעניץ־פּאָסטענס בעמערקט געוואָרען, וועלכע האָבען אויך באַלד גענומען טרייבען די יודען צוריק, קיין עסטרייך. דאָס אַרומטרייבען זיך מיט די צירקא הונדערט יודען האָט אָנגעהאַלטען איבער דריי וואָכען, ביז איינמאָל האָבען די נאַצים אַרויפגעזעצט די יודען אויף אַ שיפעל, וועלכעס זיי האָבען אַרויסגעפיהרט אין מיטען דער דאָנאַו און עס געלאָזט שטעהען אויפ׳ן וואַסער . . . די יודען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען קליינע קינדער און אויך אַ 82־יעהריגער ראַבינער, האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען פערצווייפעלטע געוואַלדען, וועלכע זענען אָבער פון קיינעם נישט געהערט געוואָרען. נאָר ערשט ווען דאָס שיפעל האָט אָנגעהויבען צו זינקען און די יודען האָבען אויפגעהויבען אַזעלכע יאָמערליכע הילפס־רופען, אַז מען האָט זיי געהערט אויף מיילען ווייט — האָט זיך געמעלדעט אַ רעטער. אַ פראַנצויזישער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט גראָד געפיהרט אַ שלעפּ־שיף, האָט, הערענדיג די בעטויבענדע געוואַלדען, גענומען איילען צום אָרט, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס זינקענדע שיפעל. דער קאַפּיטאַן האָט בעקומען רחמנות אויף די יודען און ער האָט זיי אַלע אַרויפגענומען אויף זיין שלעפּ־שיף, זייענדיג זיכער, אַז ער וועט באַלד בעקומען אַ לאַנד, וואו די יודען זאָלען קענען לאַנדען.

אָבער ער האָט געהאַט אַ ביטערען טעות. עטליכע מאָ־

נאָמען האָט ער זיך אַזוי אַרומגעפיהרט מיט די פערצווייפעלטע בורגענלענדישע יודען פון איין גרעניץ צו דער אַנדערער, אָבער קיינער האָט זיי נישט ערלויבט צו לאַנדען. עטליכע יודען זענען געשטאָרבען פון יסורים; אַנדערע זענען ווידער קראַנק גע־וואָרען אָדער אַרונטער פון זינען און טראָצדעם האָט זיך קיין איין לאַנד נישט געוואָלט אויף זיי מרחם זיין. דער „פעלקישער בעאָבאַכטער", היטלער'ס צענטראַל־אָרגאַן, האָט זיך געריבען די הענד פאַר פרייד, וואָס זאָגאַר אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד ווי די טשעכאָסלאָוואַקיי וויל נישט אַריינגעהמען די בורגענלענדישע יודען, וועלכע וואָגלען איבער דער דאָנאַו. און דער נאַצי־אָרגאַן האָט זיך געוויצעלט איבער דעם טראַגישען שיקזאַל פונ'ם יודישען פאָלק, וועלכעם בעזיצט אַזש צוויי פאָטערלענדער: ארץ ישראל, וועלכעס איז צוגעזאָגט געוואָרען פון ענגלאַנד, און בירא־בידזשאַן, וועלכעס איז צוגעזאָגט געוואָרען פון סאָוויעט־רוסלאַנד, און פונדעסטוועגען איז אין ערגיץ נישט פערהאַנען קיין פלאַץ פאַר די בורגענלענדישע יודען, וועלכע מאַטערען זיך אויף דער פראַנצויזישער שלעפּ־שיף! . . .

ענדליך נאָך אונצעהליגע אינטערווענצען און אונערמיד־ליכע בעמיהונגען איז, אין מאָנאַט אויגוסט, געלונגען צו בע־קומען אַ מקום מנוחה פאַר אַט די יודען.

## „שוץ-האַפּט"

די יודישע ליידען אינ'ם היטלערישען עסטרייך האָבען גאָר־נישט געהאַט קיין גרעניץ. אויסער רויבען, פּייניגען מיט אַלע סאַדיסטישע מיטלען און מאָרדען, איז צוגעקומען נאָך אַ פּלאָג, מיט דעם נאָמען: „שוץ־האַפט".

וועלכען כוליגאַן עס האָט זיך נאָר פערגלוסט, האָט געהאַט דאָס „רעכט" צו נעהמען יודען אין „שוץ־האַפט". דאָס איז נישט געווען קיין אַרעסטירען און אויך נישט קיין אַוועקפיהרען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, נאָר גלאַט אַזוי, אַזאַ מין מכה אשר לא כתובה בתורה, וועלכע איז גילטיג נאָר פאַר יודען. און אויך דאָ, ביי דער מאָדנער צרה האָט דער פעבעל אַמ־שטאַרקסטען געוווילדעוועט; דען שליסליך איז היטלער'ן גע־לונגען צו קומען צו דער מאַכט נאָר אַ דאַנק זיין אַפּעלירען שטענדיג צו די נידעריגסטע אינסטינקטען פון דער פינסטערער אונטערוועלט, געמיינעם פעבעל און זייער גלייכען. אָבער די וויענער אונטערוועלט און כוליגאַנעריע האָט זיך איינפאַך ענט־ציקט פון איהם. ווייל ערשטענס, האָט ער זיי פערשפּראָכען, דאָס ער וועט זיי מאַכען פאַר „גרויסע לייט", מינדעסטענס פאַר „הויפראַטען" און „ביירעטען", און דאַן — דאָס איז די הויפּט־זאַך — ער וועט זיי געבען „פעטע פּאָסטענס", און אויב דאָס אַלעס איז נאָך ווייניג — האָט זיי היטלער אויך פערשפּראָכען אַז ער וועט שטעלען צו זייער פערפיגונג דאָס לעבען און פער־מעגען פון די יודען.

נאָר די ערשטע צוויי זאַכען האָט זיי היטלער נישט גע־געבען, ווייל צו אַזעלכע „זיסע־זאַכען" זענען איהם געווען בילכער זיינע אייגענע אויסגעהונגערטע דייטשע נאַצי־יונגען, וועלכע ער

האָט געשיקט קיין עסטרייך. דאַגעגען האָט ער זיי געגעבען, אין פולע הונדערט פּראָצענט — דאָס דריטע: דאָס רעכט צו הוליען איבער די יודישע קעפּ.

און די כאַמעס פון דער אונטערוועלט זענען געוואָרען די וועכטער איבער דער עטיק און עפענטליכער מאָראַל. זיי זענען געגאַנגען פון איין יודיש הויז צום אַנדערען אום זיך צו ערקונ־דיגען ביי די „אַרישע" דינסט־מיידלעך אויב עס געהט זיי גוט; אויב מען האָט נישט אַמאָל געזאָגט צו זיי אַ קרום־וואָרט און הויפּטזעכליך, אויב זיי ווערען נישט „עקספּלאָאַטירט". וועה איז געוועזען צו יענעם יוד, וועז אַזאַ „אונשולדיגע" שיקסע האָט זיך איבער איהם בעקלאָגט! אין אַזאַ פאַל האָט מען איהם, און אָפטמאָל אויך זיין גאַנצע פאַמיליע, גענומען אין „שויץ־האַפט"; זיין האָב און גוטס איז געוואָרען טאָטאַל אויסגערויבט און די וואוינונג איז געוואָרען איבערגעגעבען צו אַ „מיטגליעד אין דער נאַצי־פּאַרטיי".

זעלבסטפערשטענדליך, אַז עס האָבען זיך אָבגעזוכט מאַסען „אַרישע" דינסט־מיידלעך, וועלכע האָבען מיט יאָהרען צוריק געאַרבייט ביי יודען און וועלכע האָבען זיך יעצט, ביים נייעם נאַצי־רעזשים, פּלוצלינג „עראינערט" ווי די יודען האָבען זיי אַמאָל שטאַרק „אויסגענוצט". זיי האָבען דעריבער באַלד גע־שיקט זייערע „חתנים", „פריינד" אָדער מענער, זיי זאָלען נעה־מען די בעטרעפענדע יודען אין „שויץ־האַפט".

אויסער דעם האָבען הונדערטער אַגענטען פון דער „געש־טאַפּאָ" אונערמידליך געאַרבייט ביים אַרויסזוכען חטאים אויף יודען אום צו נעהמען זיי אין "שויץ־האַפט". מען האָט געזוכט יונגע און אַלטע „עבירות" און ביי דעם יוד, אויף וועלכען מען האָט פאַר קיין פאַל נישט געקענט געפינען וועלכע עס איז „עבירה", האָט מען אַליין ערפונדען עפּעס אַ „חטא" אויף איהם, וואָס האָט שוין געגעבען אַ „גרונד" צו נעהמען אין „שויץ־האַפט", און נעמליך — „געשטאַפּאָ"־אַגענטען זענען געגאַנגען פון איין

יודיש געשעפט צום אַנדערען אום צו קאָנטראָלירען אויב מען איז נישט שולדיג קיינע שטייערען. ווען אַ יוד איז שולדיג געווען זאָגאַר נאָר עטליכע שילינג פאַר שטייערען, האָט מען שוין אָוועקגענומען פון איהם דאָס געשעפט און איהם אַליין האָט מען גענומען אין „שוץ-האַפט". עס האָט אויך פּאַסירט אַ פאַל מיט אַ יודישען סוחר אין דער אימווערד-גאַס, צו וועלכען צוויי „געשטאַפּאָ"-אַגענטען זענען געקומען קאָנטראָלירען די געשעפטס-ביכער און טראַצדעם, וואָס זיי האָבען פעסטגעשטעלט, אַז ער איז נישט שולדיג קיין איין גראָשען פאַר שטייערען, פונדעסטוועגען האָבען זיי איהם גענומען אין „שוץ-האַפט", וואָרום זיי האָבען ביי איהם געפונען אַן אונבעצאָהלטע פאַקטורע אויף אַ סומע פון צוויי שילינג . . .

דער 28-יעהריגער יודישער סוחר גאַש איז אין דער פריה געגאַנגען צום פּוילישען קאָנסולאַט. פּלוצלינג איז צו איהם צוגעקומען אַ יונגער שגץ מיט אַ טענה, אַז ער האָט „אַליין געהערט" ווי ער, גאַש, האָט זיך געאייסערט אין אַ בעליידיגענדען טאָן איבער'ן „פיהרער", און שוין האָט ער איהם גענומען אין „שוץ-האַפט". נאָכ'ן אָבזיצען דאָרט עטליכע וואָכען, האָט מען איהם בעפרייט, אָבער ער האָט געמוזט אונטערשרייבען, אַז ער און זיינע עלטערען וועלען באַלד פערלאָזען עסטרייך.

מיינער אַ בעקאַנטער יודישער יונגערמאַן איז אין דער פריה געגאַנגען אין געשעפט אַריין. ווען ער האָט זיך געפונען צוויי שריט פאַר'ן געשעפט, איז צו איהם צוגעקומען אַ פּאָליציסט און צו איהם געזאָגט: „איך נעהם דיך אין „שוץ-האַפט". ענדליך, נאָכ'ן אָבזיצען דאָרט איבער צוויי מאָנאַטען, האָט מען איהם גערופען צום „אויספאָרשונגס-ריכטער". די ערשטע פראַגע, וועלכע מען האָט איהם געשטעלט, איז געווען: פאַרוואָס ער זיצט אין „שוץ-האַפט". דער יונגערמאַן האָט, פערשטעהט זיך, געענטפערט, אַז ער אַליין ווייסט נישט די אורזאַך דערפון.

— „דאָס איז אַ ליגען — האָט זיך דער נאַצי-ריכטער

אָנגעצונדען פאַר כעס — גלאַט אַזוי וועט מען דאָך דיך נישט ארעסטירען! זיכער האָסטו עטוואָס פערבראָכען. דעריבער אויב דו וועסט ווייטער זאָגען, אַז דו ביזט אונשולדיג, וועט דאָס בעטראַכט ווערען אַלס „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" און פאַר אַזאַ פערברעכען ווערט מען געשיקט אין אַ „שטרענגען" קאָנצענט־ראַציע־לאַגער!" . . .

דער יונגערמאַן האָט געזעהען, דאָס אויב ער וועט זיך בעמיהען גענצליך ריינצואוואַשען, וועט ער נאָך ערגער אָב־שניידען און דעריבער האָט ער שוין אַליין אַרויסגעזוכט אויף זיך אַ „חטא": „איך בין — האָט ער ערקלערט — אַביסעל צו־שנעל געגאַנגען, וואָס איז שיינבאַר פּאָרגעקומען דעם פּאָליציסט פערדעכטיגט און דערפאַר האָט ער מיך אָבגעשטעלט און גע־נומען אין „שויך־האַפט".

— „אַהאַ! — האָט דער בעזויפענער נאַצי־ריכטער גע־נומען טריאומפירען, — זעהסטו שוין, אַז אומזיסט אַרעסטירט מען נישט קיינעם! אָבער איך וועל דיך פריי לאָזען, נאָר מיט דעם בעדינג, דו זאָלסט זיך פערפּליכטען צו פערלאָזען עסטרייך אין פערלויף פון די נעכסטע 24 שטונדען!" . . .

אַ בעקאַנטער „מזרחי"־טוער האָט מיט יאָהרען צוריק געהאַט עפּעס אַ שטרייטליכען ווערטער־אויסטויש מיט זיינעם אַ קריסטליכען שכן. נו, איז דער לעצטער געקומען און איהם גענומען אין „שויך־האַפט".

יעדע „ארישע" פרוי, וועלכע האָט נאָר געהאַט אַ בייז הערץ אויף איהר יודישער שכנה, סיי דערפאַר וואָס ביי דער לעצטער איז ריינער אין דער וואוינונג, סיי דערפאַר וואָס די לעצטע קריגט נישט געשלאָגען אַלע נאַכט פון'ם מאַן, ווי זי פון איהר שיכור'ן „לעבענס־בעגלייטער", אָדער גאָר דערפאַר וואָס יענע, די יודישע שכנה, איז יונג און שעהן — האָט שוין גע'מסר'ט, אַז ביי דער יודישער שכנה ווערען אָבגעהאַלטען בע־

ראַטונגען וועגען מאַכען אַ „קאָמוניסטישען אויפשטאַנד". און דורך די דאָזיגע מסירות זענען טויזענדער יודישע פרויען גע־וואָרען פערשפּאַרט אין די פינסטערע נאַצי־תפיסות.

צו דער זעלבער צייט האָט איבער גאַנץ עסטרייך געוויל־דעוועט אַ פירכטערליכע שאַנטאַזש־עפּידעמיע. די יעניגע יודען, וועלכע האָבען פריהער געהאַנדעלט מיט „אַריער" זענען גע־וואָרען געצוואונגען צוריקצוגעבען דאָס געלד, וואָס זיי האָבען בעקומען פאַר די פערקויפטע סחורות. אַמשרעקליכסטען האָבען געליטען די יודישע ראַטען־הענדלער, (וועלכע האָבען פערקויפט פערשידענע בעקליידונג און מעבעל־אַרטיקלען אויף ראַטענווייזע אָבצאָהלונגען). אין וויען האָבען זיך געפונען איבער טויזענד יודישע ראַטען־הענדלער, וועמענס האַנדעלס־פערקעהר עס איז שטענדיג געוועזען אויסשליסליך מיט „אַריער". יעצט ביים נאַצי־רעזשים, זענען די „אַרישע" ראַטען־קונדען געקומען צו די יודישע ראַטען־הענדלער און געפאָדערט, מען זאָל זיי צוריק־געבען דאָס געלד, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט בעצאָהלט פאַר די געקויפטע סחורות, אין געגענפאַל וועלען זיי זיך בעקלאָגען פאַר דער נאַצי־פּאַרטיי, אַז מען האָט זיי בעשווינדעלט.

וואָס האָבען די אָרעמע יודישע ראַטען־הענדלער געקענט טהון? ווער פון זיי עס האָט נאָך געהאַט אַ פּרוטה ביי דער נשמה, האָט איהם אַוועקגעגעבען צו די שאַנטאַזשיסטען און ווער עס האָט נישט געהאַט — דעם האָט מען גענומען אין „שוץ־האַפט".

ווערענד דער דאָזיגער שאַנטאַזש־עפּידעמיע האָט אויך פּאַ־סירט אַ שוידערליכער פאַל: דער יודישער ראַטען־הענדלער ראַטקאָפּ האָט בעקומען אַ בריעף פון זיינעם אַן „אַרישען" קונה, אין אַ דאָרף נעבען וויען, ער זאָל אַרויסקומען צו איהם אין דאָרף אַריין איינקאַסירען אַ געלד־ראַטע. נאָר ווען ראַטקאָפּ איז אַריינגעקומען אין דער וואוינונג פון'ם דערמאָנטען „אַריער", איז ער בעפאַלען געוואָרען פון אַ באַנדע פויערים, וועלכע האָבען

איהם אַזוי צעשלאָגען, אַז נאָכ'ן אָבליגען עטליכע וואָכען אין שפּיטאָל איז ער געשטאָרבען!

עס זענען אויך געווען אַזעלכע שטייגער שאַנטאַזש־פאַלען: ביי אַ פּאָפּולערען יודישען דאָקטאָר אין וויען איז יאָהרען־לאַנג געווען בעשעפטיגט אַן „ארישע" קעכין. באַלד ווי די נאַציס זענען געוואָרען די הערשער איבער עסטרייך, האָט אָט די „וויע־נערין" גענומען פאָדערען פון איהר יודישען ברויט־געבער, ער זאָל איהר געבען אַ געוויסע סומע געלד, כדי זי זאָל קענען חתונה האָבען מיט איהר „שאַץ", און ווען דער יודישער דאָק־טאָר האָט נישט געוואָלט פאָלגען איהר פאָדערונג, איז זי אַוועק צו דער „געשטאַפּאָ" און ערקלערט, אַז איהר יודישער בעל־הבית האָט בעליידיגט היטלער'ן און באַלד האָט מען איהם גענומען אין „שוץ־האַפט".

דעם זעלבען גורל האָט געהאַט יעדער יוד, וועלכער האָט פריהער געהאַלטען אַן „ארישען" אָנגעשטעלטען. דער לעצטער האָט יעצט אויסגענוצט די גינסטיגע קאָניונקטור. ער האָט גע־פאָדערט פון זיין געוועזענעם יודישען ארבייטס־געבער, ער זאָל איהם געבען אַזאַ און אַזאַ סומע געלד, אין געגענפאַל — וועט ער דערלאַנגען אַ מסירה צו דער נאַצי־פּאַרטיי, אַז דער יוד האָט איהם פריהער עקספּלאָאַטירט און דאַן וועט עס שוין איהם, דעם יוד, פיעל טייערער קאָסטען.

# „אַריזירונג“

אונטער דעם טערמין: „אַריזירונג“ ווערט געמיינט דאָס אַוועקנעהמען פון די יודען זייערע געשעפטען און זיי איבער־געבען צו „אַריער“. אין אָנפאַנג איז נאָר אַ קליינער טייל פון די יודישע געשעפטען געוואָרען טאָטאַל „אַריזירט“, דאַגעגען אין גרעסטען טייל זענען „נאָר“ אַריינגעזעצט געוואָרען „אַרישע קאָמיסאַרען“, אָדער — ווי די נאַצים האָבען זיי גערופען — „אַריי־שע געשעפטס־לייטער“. ערשט שפּעטער האָט מען שוין גענצליך אַוועקגענומען פון די יודען זייערע געשעפטען.

די אויפגאַבע פון אַזאַ „אַרישען קאָמיסאַר“ איז בעשטאַנען אין זיצען אין יודישען געשעפט און נעהמען געהאַלט פאַר'ן — גאָר נישט טהון . . .

אין יעדען יודישען געשעפט איז אַריינגעזעצט געוואָרען אַן „אַרישער קאָמיסאַר“, זאָגאַר אין די יודישע „געשעפטען“ פון סאָדע־וואַסער האָט מען אַריינגעזעצט „אַרישע קאָמיסאַרען“. אין מאַנכע יודישע געשעפטען האָט מען אַריינגעזעצט צו פינף און זאָגאַר צו צעהן „קאָמיסאַרען“, דען, ווי די נאַצי־„פיהרער“ פלעגען זיך ציניש אויסדריקען, האָט „וויען פערמאָגט צו־וועניג יודישע געשעפטען“ אויף צו קענען פערזאָרגען אַלע נאַצי־כולי־גאַנעם מיט פּאָסטענס און דעריבער האָט די נאַצי־פּאַרטיי „געמוזט“ אַריינזעצען אין מאַנכע יודישע געשעפטען צו עטליכע „אַרישע קאָמיסאַרען“. דערביי פלעגען אָט די „אַרישע קאָמי־סאַרען“, וועלכע האָבען זיך רעקרוטירט פון דער וויענער כולי־גאַנעריע, אַנוועדנען אַלעס מעגליכע, אַז די „אַרישע“ בעפעלקע־רונג זאָל נישט קויפען אין די יודישע געשעפטען, פון וועלכע זיי האָבען בעקומען אַ טעגליכען געהאַלט. ווען אַן „אַריער“ איז

אריינגעקומען אין א יודיש געשעפט אום עטוואָס צו קויפען, איז איהם דער „ארישער קאָמיסאַר" באלד אקעגען געלאָפען און אויפמערקזאַם געמאַכט, אז „דאָס איז א יודיש געשעפט"...

די קליינע יודישע געשעפטס-לייט פלעגען יעדען פארנאַכט ארומלויפען אום צו באָרגען זיך די פּאָר שילינג, וועלכע זיי האָבען געמוזט אויסצאָהלען צו זייערע „ארישע קאָמיסאַרען". אין 4-טען בעצירק האָט פּאַסירט א כאראַקטעריסטישער עפּי־זאָד: די נאַצי־פּאַרטיי האָט אריינגעזעצט אינ'ם געשעפט פון א דאָרטיגען יוד א יונגען „אריער" אלס „קאָמיסאַר". גראָד איז דאָס געווען א „וויענער" מיט א מענשליכען כאראַקטער, און ווען ער האָט געזעהען ווי דער יוד ברויך זיך יעדען טאָג ברעכען דעם קאָפּ וועגען בעקומען ערגיץ די פּאָר שילינג אום אויסצו־צאָהלען איהם דעם „ארבייטס-לוין" — האָט ער איינמאָל ער־קלערט דעם יוד, אז ער וועט נישט מעהר קומען אין געשעפט אריין. ווען דער קרייז-לייטער פון דער נאַצי־פּאַרטיי האָט דער־פון ערפאַהרען, האָט ער גלייך גערופען דעם דאָזיגען „דיסציפּ־לינלאָזען" און ווייכהערציגען נאַצי.

עס האָט זיך דאַן צווישען זיי ענטוויקעלט פאָלגענדער דיאלאָג:

קרייז-לייטער: פאַרוואָס ביזטו אוועקגעגאַנגען פונ'ם יודי־שען געשעפט?

„ארישער קאָמיסאַר": ווי אַזוי קען איך נעהמען ביים יוד יעדען טאָג צעהן שילינג אלס „ארבייטס-לוין", אין דער צייט ווען ער פערדינט נישט קיינע צוויי שילינג אין טאָג?

קרייז-לייטער: טאָ וואָס געהט דאָס דיך אָן?

„ארישער קאָמיסאַר": אָבער דער אָרעמער יוד האָט דאָך נישט פונוואַנען צו צאָהלען!

קרייז-לייטער: דאָס שאַדט נישט, דען שליסליך זענען מיר דאָך נאָר דאָ צום צוועק אום צו פערביטערען די יודען דאָס לעבען! . . .

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבען גענצליך צו בעזייטיגען די יודען פון זייערע געשעפטס-אונטערנעהמונגען און זיי איבער־געגעבען צו „אַריער". די וויענער יודען האָבען נעביך געוואָלט רעטען פון זייערע פערמעגענס וויפיעל עס לאָזט זיך נאָר און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פערקויפען די סחורות פאַר שפּאָט-ביליגע פּרייזען. פאַר אַ געגענשטאַנד וואָס האָט געהאַט די ווערט פון הונדערט שילינג, האָט מען גענומען צעהן און זאָגאר פינף שי־לינג. אַמערגסטען האָבען געהאַט די יודישע קונסט-הענדלער. פאַר אַזעלכע ארטיקלען האָבען איבערהויפּט נישט עקזיסטירט קיינע פּרייזען. אַ קונסט-אַרטיקעל, וואָס אין נאָרמאַלע צייטען האָט מען דערפאַר גענומען טויזענד שילינג, איז יעצט פער־קויפט געוואָרען פאַר דרייסיג שילינג!

מאַנכע „אַריער" האָבען איבערהויפּט נישט געוואָלט בע־צאָהלען. זיי פלעגען זיך רייצען מיט דעם יודישען קונסט-הענד־לער און צו איהם זאָגען: „נאָך וואָס זאָלען מיר דיר בעצאָהלען, אז סיי-ווי-סיי וועט מען דאָך פון דיר אַלעס אוועקנעהמען!"...

ווען די נאַצי-פּאַרטיי האָט געזעהען, אַז די יודען האָבען אָנגעהויבען צו פערקויפען זייערע געשעפטען, האָט זי באַלד אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אָהן איהר צושטימונג טאָר קיין יוד נישט פערקויפען זיין געשעפט. האָבען זיך די יודען גע־ווענדעט צו דער נאַצי-פּאַרטיי וועגען פערקויפס-בעוויליגונגען. אָבער ווען אַ יוד האָט געזאָלט בעקומען בעצאָהלט פאַר'ן גע־שעפט — איז געקומען די נאַצי-פּאַרטיי און צוגענומען דאָס געלד! . . .

# עמיגראַציע

די גרעסטע מאָס ציניזם האָט די וויענער נאַצי־רעגירונג אַרויסגעוויזען ביי דעם פּראָבלעם פון דער יודישער עמיגראַציע. פון איין זייט האָבען די נאַצי־„פיהרער" נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז די יודען מוזען אונבעדינגט פערלאָזען עסטרייך. יעדער נאַצי־„לידער", ווי געהרינג, געבעלס אָדער בירקעל, וואָס האָט גערעדט אין וויען, האָט אונצעהליגע מאָל אונטערגעשטראָכען די פאָדערונג צו די יודען, זיי זאָלען וואָס שנעלער אויסוואַנדערען; אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָט די נאַצי־רעגירונג געמאַכט סאַדיסטישע שוועריגקייטען און געלעגט שטיינער אויפ'ן וועג פון דער יודישער עמיגראַציע־בעוועגונג!

פון 11־טען מערץ ביז ענדע אַפּריל האָט קיין איין יוד איבערהויפּט נישט געקענט פערלאָזען עסטרייך. ערשט ענדע אַפּריל איז געוואָרען מיטגעטיילט, דאָס יעדער יוד, וועלכער וויל אויסוואַנדערען, מוז זיך פריהער פערזאָרגען מיט אַן אויסרייזע־בעוויליגונג פונ'ם פּאַס־אַמט, וועלכעס געפינט זיך אונטער דער דירעקטער קאָנטראָל פון דער „געשטאַפּאָ". אָבער קומענדיג אין פּאַס־אַמט איז מען געוואויר געוואָרען, דאָס די נאַצים האָבען זיך שוין בעוואָרענט, אַז קיין איין יוד זאָל נישט אַרויספאָהרען פון לאַנד מיט עטוואָס געלד אין דער טאַש. פאַר אַלעם האָט מען געמוזט ברענגען אַ בעשטעטיגונג פונ'ם שטייער־אַמט, אַז מען איז נישט שולדיג קיינע שטייערען. צו דעם צוועק האָט מען געמוזט פריהער געהען אין מאַגיסטראַט און אַרויסנעהמען פון דאָרט אַ צעטעל, אַז מען איז נישט שולדיג קיינע שטייערען פאַר האַלטען אַ הונד, פאַר וואַסער א. אַ. וו., דאַן האָט מען געמוזט געהען אין „טאַקסע־אַמט" צו בעקומען אַ צעטעל, אַז מען איז

נישט שולדיג קיינע צאָל־אָבצאָהלונגען, קיינע ירושה־שטייערען, אָדער אויב מען האָט נישט אַמאָל פערגעסען צו געבען אויף אַ וועקסעל געגוג שטעמפּעל־מאַרקען; פון „טאַקסע־אַמט" איז מען ווידער געגאַנגען אין „ראַט־הויז", וואו מען האָט געברויכט אַרויסנעהמען אַ צעטעל, אַז מען איז נישט שולדיג געלד צו וועלכען עס איז שפּיטאָל, סאַניטאָריום, א. אַ. וו. און דאַן, האָבענדיג שוין די אַלע צעטלען אין די הענד, איז מען ערשט געגאַנגען אין הויפּט־שטייער־אַמט, וואו מען האָט — נאָכדעם ווי מען האָט בעצאָהלט פערשידענע שטייערען — צוגענומען די אַלע צעטלען און אַרויסגעגעבען אַ בעשטעטיגונג, דאָס דער בעטרעפענדער יוד האָט שוין ערלעדיגט אַלע שטייערען־שולדען.

דאָס אַרויסבעקומען אַזאַ שטייער־בעשטעטיגונג האָט געדויערט זעקס וואָכען. פאַר יעדען צעטעל האָט מען בעצאָהלט עטליכע מאַרק און איבעראַל האָט מען געמוזט קומען שוין אין מיטען דער נאַכט, שטעלען זיך אין דער אונענדליך־לאַנגער רייה און וואַרטען ביז דריי נאָכמיטאָג, אום צו קענען אָנקומען צום בעטרעפענדען בעאַמטען. אָבער אויך דאַן האָט מען נישט באַלד בעקומען דעם נויטיגען צעטעל, נאָר ביים ערשטען מאָל האָט מען בלויז אויסגעפילט אַ פאָרמולאַר און דאַן האָט ערשט דער יוד געמוזט קומען נאָכאַמאָל, זיך ווידער שטעלען אין דער רייה אום צו בעקומען דעם צעטעל.

דאָס ערגסטע איז געווען אין הויפּט־שטייער־אַמט. דען די שטייער־בעאַמטע האָבען געהאַט אַ „פּרינציפּ", דאָס יעדער יוד, סיי דער וואָס איז יאָ שולדיג שטייערען און סיי דער וואָס איז נישט שולדיג, מוז יעדענפאַלס בעצאָהלען אַ געוויסע סומע געלד, איידער ער בעקומט די שטייער־בעשטעטיגונג. די יודען זענען געפאַלען די בעאַמטע צו די פיס און געוויינט, אַז זיי האָבען נישט צו בעצאָהלען די געפאָדערטע סומע געלד, אָבער די נאַצי־בעאַמטע האָבען געהאַט איין שאַבלאָנישען ענטפער: „יוד, אויב דו וועסט נישט אין פערלויף פון די נעכסטע 24 שטונדען

ברענגען דאָס געפאָדערטע געלד, וועט מען דיך גלייך שיקען אין קאָנצענטראציע-לאַגער!״ . . . די נאַצי-בעאַמטע פלעגען זיך נאָך רייצען מיט די יודען און זאָגען: „מיר ברויכען יעצט פיעל געלד אום אָנצוהויבען דעם רעוואַנזש-קריעג געגען די פערפלוכטע דעמאָקראַטישע לענדער!״ . . .

ענדליך, בעזיצענדיג די שטייער-בעשטעטיגונג, איז מען דאָן געגאַנגען אין פּאַס-אַמט ארויסנעהמען די אויסרייזע-בעוויליגונג. און דאָ איז געווען דער צווייטער עטאַפּ פון׳ם שרעקליכען עמיגראַציע גיהנום; דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ גאַנץ פּרישע סעריע פון ערנידערונגען, מאַטערנישען און פּיין. אין אָנפאַנג זענען אַלע יודישע אויסרייזע-פראַגען ערלעדיגט געוואָרען דורכ׳ן אַלגעמיינעם צענטראַלען פּאַס-אַמט, וואָס האָט זיך געפונען אין דער ברוינער-שטראַסע, נאָר נאָכהער איז אין דער וועהר-גאַס געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע „פּאַס-שטעלע פאַר יודען״, און נאָך שפּעטער איז אינ׳ם ראָטשילד-פּאַלאַץ, אין דער פּרינץ-אויגען-שטראַסע, געשאַפען געוואָרען אַ „צענטראַלע פאַר די יודישע אויסוואַנדערונג״, מיט דעם צוועק „צו פערלייכטערען די אויסוואַנדערונג פון די עסטרייכישע יודען״.

נו, וועלען מיר אַ בליק טהון ווי עס האָבען אויסגעזעהען די „פערלייכטערונגען״, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען פאַר די יודען, וועלכע זענען געווען „וויליג״ צו עמיגרירען. פאַר אַלעם האָט מען געמוזט מאַכען אַ שריפטליך „געזוך״ (ביטע) צום פּאַס-אַמט, מען זאָל ערטיילען די אויסרייזע-בעוויליגונג; גלייכצייטיג האָט מען זיך אין דער ביטע געמוזט פערפליכטען נישט מעהר צוריקצוקומען קיין עסטרייך אָדער דייטשלאַנד. אין אָנפאַנג האָט מען דאָס „געזוך״ געמעגט אָבגעבען אויך דורך דער פּאָסט און נאָך עטליכע וואָכען איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויב די בעוויליגונג ווערט יאָ אָדער נישט געגעבען. אין ערשטען פאַל, האָט מען דאָן געברויכט געהען אין פּאַס-אַמט און זיך שטעלען אין דער רייה און וואַרטען ביז מען וועט בעקומען די

אויסרייזע־בעוויליגונג. שפּעטער אָבער האָבען די נאַצי־רשעים פעראָרדענט, אַז אויך דאָס „געזוך" מוז ווערען נאָר פערזענליך אָבגעגעבען. האָט מען זיך שוין געמוזט צוויי מאָל שטעלען אין דער רייה. אייגענטליך — פיעל מעהר אַלס צוויי מאָל, דען די צאָהל יודישע „רעפלעקטאַנטען" אויף אויסרייזע־בעוויליגונגען איז געווען אַזוי גרויס ווי עס איז איבערהויפּט געווען די צאָהל פון אַלע וויענער יודען; דאַגעגען האָט די צאָהל פון די אָנגע־נומענע „געזוכען" און אַרויסגעגעבענע אויסרייזע־בעוויליגונגען דערגרייכט אין אָנפאַנג ביז פופציג טעגליך.

שוין אַרום צוועלף ביינאַכט פלעגען די יודען, מענער און פרויען, לויפען צום פּאַס־אַמט, צו שטעלען זיך אין דער רייה. נישט איין יוד אָדער יודישע פרוי האָט בעקומען פלאַט־פיס פון שטעהען טאָג־איין טאָג־אויס, נאַכט־איין נאַכט־אויס אויפ׳ן אַס־פאַלט און נישט איין יוד אָדער יודישע פרוי האָט בעקומען אַ זון־שלאַג פון שטעהען שטונדען־לאַנג אונטער דער ברענענדער זון!

יעצט וועלען מיר אַריינגעהען אינ׳ם ראָטשילד־פּאַלאַץ אום צו זעהען וואָס פאַר אַ ווילדע פּראָצעדור מען מוז דאָרט דורכ־מאַכען: די יודען ווערען אַריינגעפיהרט אין איינעם פון ראָט־שילד׳ס אַמאָליגע עמפּפאַנגס־צימערען. היינט שטעהען דאָרט מעהרערע טישען און ביי יעדען פון זיי זיצען עטליכע בעאַמטע, וועמענס טעטיגקייט עס ווערט קאָנטראָלירט דורך אַגענטען פון דער „געשטאַפּאָ". אַ האַלב צימער איז אָבגעטיילט דורך אַ שטריק, נעבען וועלכען עס זענען אויסגעשטעלט די אויסגע־בלייכטע און דערשלאָגענע יודען; אַ קליינער דורכגאַנג דורך דעם שטריק פיהרט צו די טישען. ביי יעדען טיש ווערען די דאָקומענטען זעהר לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיג שטודירט און ביי יעדען טיש ווערט געשטעלט אַן אַנדערע פראַגע. מיר וועלען געהען לויט דער רייה:

ביים ערשטען טיש: „האָט איהר געהאַט אַ טעלעפאָן?"

און ווען דער ענטפער לויטעט: יאָ — קומט דאַן אַ צווייטע פראַגע: „און האָט איהר פאַר אַלעם בעצאָהלט?" . . .

ביים צווייטען טיש: „האָט איהר געהאַט ביי זיך אין הויז אַן אַרישע דינסט?" און ווען דער ענטפער לויטעט: יאָ — קומט דאַן אַ ווייטערע פראַגע: „נו, האָט איהר בעצאָהלט אין דער קראַנקען-קאַסע?" . . .

ביים דריטען טיש: „האָט איהר אַ וואוינונגס-צייגניש און אַ בעשטעטיגונג אויף מאָראַלישער אויפפיהרונג?" . . .

דאַן קומט דער פיערטער טיש. דאָ זיצען בעאַמטע, וועלכע האַבען די אויפזיכט איבער די יודישע פערמעגענס; דען קיין איינציגער יוד טאָר נישט אַרויספיהרען זיין געלד, ציהרונג אָדער אַנדערע ווערט-זאַכען פון די נאַצי-לענדער. דאָס איינפאַקען פון מעבעל און אַנדערע וואוינונגס-געגענשטאַנדען מוז פאָרקומען אונטער דער אויפזיכט פון אַ צאָל-בעאַמטען, וועלכער גיט אַכטונג, מען זאָל נישט מיטפאַקען געלד אָדער ציהרונג . . . דער האָנאָראַר פאַר דער „השגחה" איז זעכציג מאַרק. דאַן ווערט דאָס ציהרונג געשעצט און אויב עס איז מעהר ווערט אַלס צוויי הונדערט מאַרק, קומט אַ בעזונדערער אָבצאָהל. צום שלום, ווען דאָס אַנדערע פערמעגען בעטרעפט מעהר אַלס אַ בעשטימטע סומע געלד, מוז ווערען געצאָהלט אַ סעפּאַראַטער „אויסוואַנדערונגס-שטייער", נאָך וועלכען עס בלייבט שוין דעם יוד גאָר נישט איבעריג צום מיטנעהמען . . . נאָך מעהר — אויב אַ יוד איז אַוועקגעפאָהרען אונלעגאַל, מעג ער זאָגאָר האַבען איבערגעלאָזט פינף הייזער, וועלכע געהען אויטאָמאַטיש איבער אין רשות פונ'ם נאַצישען שטאַאט — פונדעסטוועגען מוזען זיינע קרובים בעצאָהלען פאַר איהם דעם „אויסוואַנדערונגס-שטייער", אין געגענפאַל בעקומען זיי נישט קיינע אויסרייזע-בעוויליגונגען...

גאַנץ צום שלום געפינט זיך נאָך אַ טיש, צו וועלכען עס טרעטען צו די יעניגע יודען, וועלכע האַבען שוין די רייזע-פּעסער.

אויף דעם טיש ווערט אַרויפגעשטעמפּעלט אויף דעם פּאַס דער בוכשטאַב: „יע“ (יודע).

יאָ, נאָך אַ „לעצט-געלד“: ביים אַרויסגאַנג שטעהט אַ קאַסע, אין וועלכער די „רייכע“ יודען, וועלכע פערמאָגען איבער פינף הונדערט מאַרק, מוזען אַריינוואַרפען עטליכע צעהנדליג מאַרק פאַר דער אויסוואַנדערונג פון די אָרעמע יודען. עס האָט נאָך אָבער קיינער נישט געזעהען דעם יוד, וואָס האָט געזאָלט בעקומען עטוואָס פון דער קאַסע . . .

⁂

אין מיטען פון דעם כאָאָס, רשעות און מיטעלאַלטערליכען דעספּאָטיזם, האָבען דערווייל די „אַרישע“ אַדוואָקאַטען געפיהרט אַ העסליכען קוה-האַנדעל מיט יודישע צרות. וואָרום עס זענען געווען טויזענדער יודען, פאַר וועלכע עס איז פיזיש אונמעגליך געווען דורכצומאַכען די שווידערליכע פּראָצעדור ביים אַרויסנעהמען די אויסרייזע-בעוויליגונג און באַלד זענען, ווי פון אונטער דער ערד, אַרויסגעוואַקסען פערשידענע „אַרישע מעקלער“, וועלכע האָבען געגעבען צו פערשטעהן די יודען, דאָס זיי קענען בעקומען די אויסרייזע-בעוויליגונג דורך אַן „אַרישען“ אַדוואָקאַט פאַר אַזאַ און אַזאַ האָנאָראַר. שפּעטער אַביסעל האָבען זיך אויך געוועהנליכע „אַריער“ געוואָרפען אויף דעם דאָזיגען קאָרופּציע- און כאַבאַר-האַנדעל. אַזאַ „אַרישער מאַכער“ האָט זיך נאָר געברויכט שטעלען אין פערבינדונג מיט אַ בעאַמטען אין פּאַס-אַמט, וועלכען ער האָט פערשפּראָכען אַ געוויסע פּראָוויזיע פון דער סומע געלד, וואָס ער בעקומט פונ׳ם בעטרעפענדען יוד.

די „אַרישע“ יוסטיץ-לייט און גלאַט „אַרישע מעקלער“ האָבען געהאַלטען אין איין אויפשרויפען דעם „פּרייז“ פאַר׳ן פערשאַפען די אויסרייזע-בעוויליגונג. מען האָט גענומען צו צוויי און צו דריי הונדערט מאַרק פאַר אַזאַ „פערמיטלונג“, און צום שלום

איז גאַר אַרוים אַ „געזעץ", דאָס אויב אַ יוד וויל אַרויסבעקומען די אויסרייזע־בעוויליגונג מיט דער הילף פון אַן „אַרישען פער־מיטלער", מוז ער צאָהלען סעפּאַראַט זעכציג מאַרק „לוקסוס־שטייער".

⁂

נאָר, אַז גאָט האָט געהאָלפען און מען איז שוין געווען דער גליקליכער בעזיצער פון דער אויסרייזע־בעוויליגונג, האָט זיך דאַן ערשט אָנגעהויבען דער דריטער, דער ערגסטער עטאַפּ פון'ם עמיגראַציע־גיהנום. יעצט איז מען געבליבען שטעהען פאַר דעם שווערסטען פּראָבלעם: „ולאָן אתה הולך?" וואוהין זאָל מען געהען, דאָס הייסט וועלכער קאָנסול וועט געבען אַ וויזע? עס איז אונמעגליך צו שילדערען די פּיין און די הערץ־צאַפּעלנישען, וועלכע די עסטרייכישע יודען זענען אויסגעשטאַנען איבער אָט דער אָנגעווערהטאָגטער פראַגע. די יודען זענען געלאָפען פון איין קאָנסולאַט צום אַנדערען; אָבגעשטאַנען איבעראַל טעג און נעכט ביז עס איז געלונגען אַריינצוקומען אין קאָנסולאַט און אַז מען איז שוין ענדליך צוגעקומען צום בע־אַמטען, האָט מען ערשט געקענט הערען אַזאַ שאַבלאָנישע ער־קלערונג: „מיר דאָ, אויפ'ן קאָנסולאַט, זענען נישט בערעכטיגט צו געבען אַ וויזע; איהר מוזט אויספילען אַ פאָרמולאַר, וועלכעס מיר וועלען אַריינשיקען צו אונזער אינערן־מיניסטעריום און אויב עס וועט קומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער — וועלען מיר אייך דער־פון גלייך פערשטענדיגען און איהר וועט בעקומען די וויזע".

אויף יעדען קאָנסולאַט האָבען זיך רעגיסטרירט צעהנדליגער טויזענדער יודען. דאָס געדרענג פאַר די קאָנסולאַט־אַמטען איז געווען אונגעהויער גרויס. אַמשרעקליכסטען איז געווען אויפ'ן פּוילישען קאָנסולאַט; וואָרום אין ווין האָבען געלעבט דרייסיג טויזענד יודען, וועלכע זענען געווען פּוילישע בירגער. יעצט זענען זיי אַלע געלאָפען צום פּוילישען קאָנסול, ער זאָל זיי געבען

גילטיגע רייזע־פּעסער. דאָרט פלעגט מען זיך שטעלען אין דער רייה שוין אַכט אוהר אין אָווענד.

וויזע, — דאָס וואָרט איז געוואָרען דער זיסער טרוים פון יעדען יוד אין ווין. אז מען האָט געהערט, דאָס אַ יוד האָט בעקומען אַ וויזע פאַר וועלכען לאַנד עס איז, האָט עס יעדען איינעם געטהון אַ טיאַכקע אונטער׳ן הערץ־גריבעל: אַ, — אַ וויזע! . . . מען האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביים גליקליכען יוד, ווען און ווי אַזוי עס איז איהם געשעהען דאָס דאָזיגע „איבער־נאַטירליכע וואונדער" און אַ שטראַהל פון האָפנונג האָט אויפגעבליצט פאַר די מוטנע און פערטונקעלטע יודישע אויגען...

די יודען זענען אויך געגאַנגען אויף די קאָנסולאַטען אום צו זוכען אין די טעלעפאָן־ביכער אַדרעסען פון יודען אין לאָנ־דאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, אָדער בוענאָס־איירעס, וועלכע האָבען די זעלבע נעמען אָדער וועניגסטענס עהנליכע נעמען. מען האָט דאַן גענומען בעשטירמען די יודען אין דער גאַנצער וועלט מיט הערצרייסענדע בריעף, זיי זאָלען פערשאַפען אַן איינרייזע־בע־ווילליגונג.

אַלע ווייל[ע] האָט זיך אין די יודישע קרייזען פערשפּרייט אַן אַנדערער קלאַנג, וועלכער האָט געווירקט אויף די פערשמאַכ־טע יודישע הערצער ווי באַלזאַם־טראָפּען. איינמאָל האָט עס געהייסען, אַז די רעגירונג פון די פעראייניגטע־שטאַאַטען האָט בעשלאָסען אַרויסצושיקען פּאַסאַזשיר־שיפען צו די דייטשע האַפענס, וועלכע זאָלען אויפנעהמען אַלע עסטרייכישע יודען און זיי אַריבערפיהרען קיין אַמעריקע; אַ צווייט מאָל האָט עס ווידער געהייסען, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט בעשלאָסען, דאָס יעדער יוד, וועלכער געפינט זיך נאָר אין עסטרייך, בעקומט אויטאָמאַטיש די ארץ־ישראל־בירגערשאַפט, און אַ דריט מאָל האָבען מיר גאָר געהערט, אַז פראַנקרייך עפענט איהרע טויערען פאַר אַן אונבעשרענקטער אימיגראַציע פון עסטרייכישע יודען;

אָבער ווי שנעל אָט די פאַנטאַסטישע קלאַנגען האָבען זיך פער־שפּרייט, אַזוי זענען זיי נאָך שנעלער פערשוואונדען . . .

זעלבסטפערשטענדליך, דאָס עס האָבען זיך געפונען טויזענדער יודען, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין אַנדערען אויסוועג אַלס צו נעהמען דעם וואַנדער־שטעקען און „שווארצען" די גרעניצען. טויזענדער יודען, דערונטער זקנים און זקנות, זענען אַריבער אונלעגאַל די גרעניצען קיין אויסלאַנד. עס האָבען זיך אויך „געשווארצט" יונגע פרויען מיט זויגלינגע אויף די הענד און נישט איין קליין קינד איז אומגעקומען ביים אַריבערגעהען אַ גרעניץ אין אַ שטאָק־פינסטערער נאַכט . . .

נאָר באַלד האָט די „געשטאַפּאָ", וועלכע האָט ביים ערטיילען די אויסרייזע־בעוויליגונגען אַרויסגעוויזען די גרעסטע ביוראָקראַטישע אכזריות, דערשנאַפּט, אַז זי קען דאָ מאַכען גוטע געשעפטען און זי האָט גענומען טרייבען אַן עקעלהאַפטען מענשען־האַנדעל. די „געשטאַפּאָ" האָט אָרגאַניזירט אַ מאַסענהאַפטען שמוגעל פון יודען איבער די גרעניצען, נעהמענדיג פאַר יעדען יוד אַ היבשען „האָנאָראַר" . . .

עס האָבען אויך נישט געפעהלט אַנדערע טונקעלע פאַר־שוינען, וועלכע האָבען געשטרעבט צו ווערען גליקליך פונ'ם יודישען פאָלקס־אונגליק. יעדען פריהמאָרגען זענען מיר געוואויר געוואָרען וועגען אַ פרישען „הילפס־קאָמיטעט", וועלכער איז „ספּעציעל דעלעגירט געוואָרען" פון די אַמעריקאַנישע, ענגלישע אָדער האָלענדישע יודען מיט דער אויפגאַבע צו העלפען די עסטרייכישע יודען אויסוואַנדערען. איינמאָל האָבען מיר געהערט, אַז אין דער קאָהלמעסער־גאַס זיצט אַ „האָלענדישער קאָמיטעט", וואו „מען איז זעהר העפליך" און וואו מען פערפליכטעט זיך צו פערשאַפען פאַר יעדען יוד אַ וויזע; אָבער איידער וואָס־זועז, מוז מען זיך פריהער דאָרט רעגיסטרירען און איינצאָהלען „בלויז עטליכע מאַרק". עטליכע טויזענד נאַאיווע יודען האָבען זיך טאַקע רעגיסטרירט און אויך איינגעצאָהלט

יעדער איינער צו עטליכע מאַרק און דאַן איז דער „הילפס־קאָ־מיטעט" שפורלאָז פערשוואונדען . . .

איניגע שווינדלער האָבען גאַר עקספּלאָאַטירט דאָס אונגליק פון די בורגענלענדישע יודען פאַר אייגענע פּראָפיטען. אין אַ שעהנעם אָדער אין אַ מיאוסען טאָג האָט מען מיטגעטיילט די בורגענלענדישע יודען, זיי זאָלען זיך זאָפאָרט רעגיסטרירען צו דער אויסוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל. עס האָבען זיך דאַן רעגיסטרירט איבער טויזענד בורגענלענדישע יודען, וועלכע האָבען אויך איינגעצאָהלט יעדער צו עטליכע מאַרק און פערטיג — מיט דעם האָט זיך עס געענדיגט! . . .

(בעמערקונג: וועגען דער אנגעלעגענהייט איז פערהאַנען פיעל מעהר צו ערצעהלען, אבער וועגען געוויסע פערשטענדליכע מאָטיוון מוז מען זיך דערפון צוריקהאַלטען . . . )

## „זינד זי יודע ?"

נאָך די באַרבאַרישע פּאָגראָמען אין די „דריי טעג" פון ענדע אַפּריל האָט אין פערלויף פון די נאָכפאָלגענדע פיער וואָכען געהערשט אין אַ געוויסער מאָס אַ שטילשטאַנד.

אָבער פרייטאָג, דעם 27-סטען מאי (1938), האָט פּלוצלינג אַנגערוקט אַ נייער אונגליק אויף די יודען אין עסטרייך, אַן אונגליק וואָס האָט נאָכהער אַנגעהאַלטען פערמאַנענט ביז אַנ־פאַנג אויגוסט.

דאָס איז געווען דער מענשען־יאַגד.

איבעראַל, וואו מען האָט נאָר בעגעגענט אַ יוד, אַזוי האָט מען איהם באַלד אויפגעפאַנגען און פערשלעפּט. און אַנגעהויבען האָט עס זיך אַזוי: אין פאַרמיטאָג פונ׳ם דערמאָנטען פרייטאָג זענען אין דער גרויסער מאַהרען־גאַס, וואָס געפינט זיך אין יודישען קוואַרטאַל אין וויען, אַנגעקומען דריי גרויסע פּאָליציי־אויטאָס, די אַזוי־גענאַנטע „גרינע היינריכ׳ס", פון וועלכע עס זענען אויסגעשטיגען אַרום צוואַנציג פּאָליציסטען. עטליכע פון זיי האָבען שנעל אָבגעשלאָסען די גאַס פון אַלע זייטען און די איבעריגע זענען געגאַנגען פון איין יודיש געשעפט צום אַנדערען, פונוואַנען זיי האָבען אַרויסגעפיהרט יעדען יוד, וואָס זיי האָבען נאָר דאָרט געטראָפען. עס זענען דעמאָלט צוזאַמענגעטריבען געוואָרען איבער פופציג יודען, וועלכע מען האָט אַרויפגעפּאַקט אויף די אויטאָס און זיי אַוועקגעפיהרט אין אַן אונבעקאַנטער ריכטונג.

דאָס געשעהעניש איז בליץ שנעל בעקאַנט געוואָרען צווישען אַלע יודען אין וויען, וועלכע זענען בעהערשט געוואָרען פון אַ שרעקליכער פּאַניק־שטימונג. אייגענטליך איז אויך פריהער

נישט פערגאַנגען קיין טאָג, אַז מען זאָל נישט נעהמען יודען אין „שויך־האַפט". איבער פינף טויזענד יודישע מענער און פרויען זענען שוין דעמאָלט געזעסען אונטער „שלאָס־און־ריגעל". אָבער צו אַלע יענע אַרעסטען האָט מען נאָך אויסגעזוכט עטוואָס אַ „זינד"; דאַגעגען דאָ, אין דער גרויסער מאָהרען־גאַס, האָט מען דאָך אַרעסטירט אָהן אַ פאַרוואָס און אָהן יעטוועדערע אור־זאַך! דערצו פופציג אויף איינמאָל און אַלע פון איין גאַס!

דעם גאַנצען שבת האָט מען דערפון גערעדט אין די שוהלען און בתי־מדרשים. יעדער איינער האָט געוואָלט ערפאַהרען די אורזאַך צו די אַרעסטען. עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען פער־שידענע מיינונגען, אָבער קיין איינציגער האָט נישט געוואוסט עטוואָס בעשטימטעס. די איבערראַשקענע יודען האָבען זיך נאָר בעמיהט צו טרייסטען מיט דער האָפנונג, אַז די פרייטאָג־דיגע אַרעסטען זענען געוועזען נאָר אַ פּעראיינצעלטער פאַל און אַז דאָס וועט זיך מעהר נישט ווידערהאָלען.

עס איז אָבער געוואָרען זעהר ביטער ווען גלייך צומאָרגענס, זונטאָג און אויך איבערמאָרגען, מאָנטאג, זענען די מאַסענהאַפ־טע אַרעסטען פאָרטגעזעצט געוואָרען. מאָנטאג איז איבער אַלע גאַסען פון וויען פאָרגעקומען אַ יאַגד אויף יודען. וועלכען יוד מען האָט נאָר בעגעגענט איז געוואָרען אַרויפגענומען אויף אַן אויטאָ און אירגענד־וואוהין פערשלעפּט.

און פון דעם טאָג און ווייטער האָבען די אַרעסטען צווישען יודען אָנגענומען אַ „נאַטירליכען" כאַראַקטער. מען האָט גע־פאַנגען יודען אין די גאַסען, אין די קאַפע־הייזער, אין די גע־שעפטען און אַביסעל שפּעטער האָט מען שוין אָנגעהויבען צו שלעפּען יודען אויך אין מיטען דער נאַכט פון די בעטען אַרויס. יעדער נאַצי, וואָס האָט נאָר געטראָגען דעם האַקענקרייץ־אָב־צייכען אין לאַץ האָט שוין געהאַט דאָס רעכט צו פאַנגען יודען. ווען אַ נאַצי־כוליגאַן האָט בעגעגענט אַ יוד, האָט ער איהם גלייך אַ פרעג געטהון: „זינד זי יודע?" און ווען דער לעצטער האָט

אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ אויף יאָ — האָט איהם דער נאַצי גלייך אויפגעפּאָדערט מיטצוגעהען אין „ברוינעם-הויז“.

אין אָנפאַנג האָט קיינער נישט געקענט פעסטשטעלען וואָס עס געשעהט מיט די געפאַנגענע יודען. איינער האָט געזאָגט, אַז מען שיקט זיי קיין שטייערמאַרק, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פערפלייצונג און די געפאַנגענע וועלען דאָרט אַרבייטען ביים פערריכטען דעם שאָדען; אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז מען שיקט זיי צו דער טשעכישער גרעניץ, וואו עס ווערען געבויט בעפעסטיגונגען און אַ דריטער האָט ווידער געזאָגט, אַז —

אַז וואָס האָבען מיר דען איבערהויפּט געקענט זאָגען? מיר זענען געזעסען אין די וואוינונגען ביי אַראָבגעלאָזטע שטאָרען און פערריגעלטע טהירען און זיך געקאָרטשעט פון פּיין! . . .

⁂

די ריכטיגע פּאַניק איז ערשט אויסגעבראָכען ווען מען האָט ערפאַהרען, אַז די געפאַנגענע יודען ווערען פערשיקט אין דעם גרויזאַמען קאָנצענטראַציע-לאַגער, וואָס געפינט זיך אין דאַכאַו, אין דייטשלאַנד.

דאַכאַו! דערהערענדיג דאָס דאָזיגע וואָרט, איז יעדער יוד פערגליווערט געוואָרען פון טויט-שרעק. דאָס וואָרט בעדייט דאָך אַ זיכערער טויט נאָך ווענינע אָדער מעהרערע וואָכען פון גרויזאַמע מאַטערנישען, סאַדיסטישע פּייניגונגען און גסיסה-צאַפּעלנישען, אַז אין פערגלייך מיט דעם איז דאָך טאָרקוועמאַ-דאַ'ס אינקוויזיציע נישט מעהר ווי אַ קינדער-שפּיעל. די פּאַניק צווישען דער יודישער בעפעלקערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין יוד האָט זיך נישט מעהר דערוואַגט אַרויסצוקומען אויף דער גאַס. מען האָט זיך פערשטעקט אין קעלערען, אויף די בוידעמער און מיינער אַ פריינד איז גאַר אָבגעלעגען גאַנצע טעג און נעכט אין אַ קליידער-שראַנק . . .

איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען מיינע איבערלעבונגען

אין שבועות פון יאָהר 1938 אין וויען! אין ערשטען טאָג יום־טוב איז אין פיעלע שוהלען איינפאַך נישט געווען קיין מנין צום דאַווענען, דען קיינער האָט זיך נישט דערוואַגט צו קומען אין שוהל, ווייל די נאַצים פלעגען פלוצלינג בעפאַלען די שוהלען און אַוועקשלעפּען די מתפללים. נאָר אין צווייטען טאָג שבועות זענען מאַנכע יודען יאָ געקומען צום דאַווענען, ווילענדיג זיין ביי „הזכרת נשמות".

אַך, איז דאָס געווען אַ דאַווענען! איך בין אַריין אין איינעם פון די פיעלע בתי־מדרשים, וועלכע האָבען זיך געפונען אין יודישען קוואַרטאַל און אָט וואָס איך האָב דאָרט געזעהען: די פראַנט־טהירען זענען געווען גענצליך געשלאָסען; די פענ־סטער — פערהאַנגען; נאָר אַ קליין ליכטעל האָט בעלויכטען דאָס בית־המדרש און ביי דער „פייערליכער" שטימונג האָט דער חזן אָבגעמורמעלט די תפילות, אין אַ טאָן פון „איכה"...

אין ערשטען אויגענבליק האָב איך געמיינט, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות אין קאַלענדער. נישט שבועות איז היינט, נאָר תשעה־באב און די שטילע ווערטער וואָס דער חזן קרעכצט אויס זענען נישט פון „יוצר", נאָר פון „איכה", אָבער מיין טעות איז גלייך פערשוואונדען. דאָס איז געשעהען דאַן ווען די מענ־שען־סקעלעטען, געהילט אין טליתים, האָבען מיך גענומען בע־וואַרפען מיט פראַגען:

— וואָס הערט מען אויף דער גאַס?

— זעהט מען דעם „גרינעם־היינריך"?

— שטעהען נאָך די צוויי פרויען פאַר אונזער טהיר?

ערשט דאַן בין איך געוואויר געוואָרען, אַז די צוויי יודישע פרויען, וועלכע איך האָב געטראָפען ביים איינגאַנג צום בית־המדרש, זענען דאָרט געשטאַנען מיט אַ בעשטימטער מיסיע: זיי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך צו פערהיטען די יודען אין בית־המדרש פון אַן אונגליק. און עס איז געווען אָבגעשמועסט, דאָס אויב זיי וועלען נאָר בעמערקען דעם „גרינעם־היינריך",

זאָלען זיי גלייך אָנהויבען צו הוסטען און די יודען וועלען דאַן ארויסלויפען דורך א הינטער-טהיר.

אָבער דאָס דאַווענען איז איבעראל דורכגעגאַנגען בשלום. מען האָט דעריבער געגלויבט, אַז עס איז אַריינגעטרעטען א קורצע פויזע אין דער עפּידעמיע פון פאַנגען יודען, מינ־דעסטענס אויף איין טאָג. עס איז געווען יום-טוב, דערצו א שעהנער זוניגער טאָג — האָבען זיך פיעלע יודען אָנגענומען מיט מוט און זענען נאָכמיטאָג ארויס אויף דער גאַס, איינצו־אָטעמען אביסעל פרישע לופט. און פאַר אָט דעם פערגעניגען האָבען זיי, צום שלום, בעצאָהלט א טייערען פרייז. ארום פינף פאַרנאַכט איז אין דער גלאָקען-גאַס אָנגעקומען א גרופּע „ס.א."-יונגען. זיי האָבען אָבגעשלאָסען די גאַס פון אלע זייטען און גענומען אויפפאַנגען אלע יודישע מענער, וואָס האָבען דאָרט ארומשפּאַצירט. עס האָבען זיך דערביי אָבגעשפּיעלט הערצ־רייסענדע סצענעס. די יודישע פרויען האָבען זיך געוואָרפען אויף דער ערד, זיי האָבען זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און געמאַכט פערטזויבענדע געוואַלדען. נאָר עס האָט זיי גאָר נישט געהאָלפען. עס זענען שנעל אָנגעקומען עטליכע „גרינע-היינ־ריכ'ס", אויף וועלכע מען האָט ארויפגעשטופּט די געפאַנגענע יודען און זיי אַוועקגעפיהרט. די היסטערישע יודישע פרויען זענען נאָכהער בעזייטיגט געוואָרען פון דער גאַס דורך די קאָלבעס פון די „ס.א."-ביקסען . . .

⁂

און מיט יעדען טאָג ווייטער האָט זיך אלץ מעהר פער־שפּרייט און פערשטאַרקט די עפּידעמיע פון פאַנגען יודען קיין דאַכאַו. די „גרינע היינריכ'ס" האָבען געאַרבייט אונאויפהער־ליך. וואו מען איז געשטאַנען און געגאַנגען האָט מען געזעהען ארומפליהען אזא „גרינעם-היינריך", דורך וועמענס אייזערנע גראַטעס די געפאַנגענע יודען האָבען ארויסגעקוקט מיט זייערע האָפנונגסלאָזע בליקען, ווי געפיהרטע צו דער שחיטה.

עס האָט יעדען טאָג פּאַסירט, אַז איינע אָדער עטליכע גאַסען זאָלען פּלוצלינג אַרומגערינגעלט ווערען פון אַ באַנדע נאַצים, וועלכע האָבען אויפגעפאַנגען יעדען יוד, וואָס האָט זיך נאָר דאָרט געפונען.

איך האָב איינמאָל בייגעוואוינט אַזאַ באַרבאַריש ספּעק־טאַקעל: דאָס איז געווען אין איינעם פון די וואונדער־שעהנע יוני טעג. איך בין דעמאָלט געגאַנגען פון דער אָבערע־דאָנאו־שטראַסע צו דער הויפּט־פּאָסט און עס איז מיר אויסגעקומען דורכצוגעהען דעם קאַי־פּאַרק. אָבער ווי נאָר איך האָב בע־טרעטען דעם פּאַרק — בין איך שטעהען געבליבען אַן ער־שטוינטער, ווייל געוועהנליך פלעגט דער פּאַרק אין דער צייט פול זיין מיט יודישע שפּאַצירער, הויפּטזעכליך מיט יודישע פרויען און זייערע קליינע קינדער און דאָ — האָב איך גע־טראָפען אַ לעדיגע אַלעע! די זאַך איז מיר געוואָרען אויפ־פאַלענד און איך האָב מיך גענומען צוריקציהען פון פּאַרק און געוואָלט געהען מיט דעם נעכסטען פּאַראַלעל־וועג, — מיט דעם קאַי־וועג. אָבער אין דעם אויגענבליק האָב איך דערהערט יאָ־מערליכע פערצווייפעלטע געשרייען, וועלכע זענען געקומען פון דער ריכטונג וואוהין איך האָב געוואָלט געהען. איך בין דאַן אַרויס אויף דעם ברייטען און בעלעבטען קאַי־וועג און וואָס איך האָב דאָרט דערזעהען — האָט מיך געמאַכט אויפ־שוידערען:

דער גאַנצער פערקעהר איז געווען אָבגעשטעלט; נאָר אין מיטען קאַי־וועג איז געשטאַנען אַ ריזיגע אַנזאַמלונג פון מענשען. צווישען אָט די מענשען־מענגע זענען געשטאַנען מעהרערע יודען, אַלע בלאַסע און ווי פערשטאַרטע. זייערע הענד זענען געווען צוזאַמענגעבונדען און אויף דער ערד, נעבען זיי, זענען געלעגען זייערע פרויען און קינדער, וועמענס ביטערע געשרייען עס זענען אויסגעמישט געוואָרען מיט די ווילדע געלעכטערס פון׳ם אַרומשטעהענדען „אַרישען” פּעבעל!

און עס איז באַלד אָנגעקומען אַ „גרינער היינריך", וועלכער האָט אַוועקגעפיהרט די גרופּע יודען.

ווי מען האָט מיר ערצעהלט, זענען די יודען געקומען אין פּאַרק העלפען זייערע פרויען ביים אַכטונג געבען אויף די קינדער. אָבער איינער אָדער איינע פון די „געמיטליכע וויענער" האָט דאָס בעמערקט און האָט וועגען דעם פערשטענדיגט דער „געשטאַפּאָ". דערויף איז אָנגעקומען אַ „גרינער־היינריך" מיט מעהרערע נאַציס, וועלכע האָבען אויפגעפאַנגען יעדען יוד, וואָס איז נאָר דאָרט געווען.

נאָר די נאַציס האָבען שוין אין אָט דעם פּאַרק נישט מעהר געקענט פאַנגען קיין יודען, דען קיין יוד איז דאָרט נישט מעהר אַריינגעקומען. איבעריגענס — צו יענער צייט האָבען זיך אויך ביי די איינגאַנגען פון אַלע וויענער פּאַרקען בעוויזען די שאַבלאָנישע מעלדונגען, אַז: „פאַר יודען — איינטריט פערבאָטען!" אָדער — „דער איינטריט פאַר יודען איז אויף אייגענע געפאַהר!" . . .

ווען איך האַלט ביים רעדען איבער דער נידערטרעכטיגער גזירה, אַזוי וויל איך שוין ביי דער געלעגענהייט אויך דערמאָנען אַ גרויליכען פאַל, וואָס האָט דעמאָלט פּאַסירט: אין צווייטען בעצירק אין וויען געפינט זיך אַן אַלטע מיט דעם נאָמען „מיעסבאַך־פּאַרק". דער דאָזיגער פּאַרק פלעגט שטענדיג זיין פול מיט יודישע בעזוכער. און עס האָט פּאַסירט, דאָס שוין נאָכדעם ווי עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דער פערבאָט פאַר יודען צו קומען אין די פּאַרקען, זענען אייניגע יודישע זקנים דאָך אַריינגעגאַנגען אין דעם „מיעסבאַך־פּאַרק". צו זייער ביטער מזל האָט גראָד דעמאָלט פערביימאַרשירט אַ כאָפּטע נאַצי־יונגען און, דערזעהענדיג די „פרעכהייט" פון די יודישע זקנים— זענען די נאַצי־באַנדיטען אריין אין פּאַרק און בלוטיג געשלאָגען די אַלטע יודען. צום שלום האָבען זיך די יודען געמוזט אַנידער־

לעגען אויף דער ערד און ארויסקריכען פונ׳ם פארק אויף די שפיץ-פינגער פון די הענד . . .

⁂

מיר קומען צוריק צו רעדען איבער אונזער טועמא. מאנכע יודישע פרויען זענען נאך געווען אויף אזוי פיעל נאאיוו, אז זיי זענען געגאנגען אין די פאליציי-קאמיסאריאטען פרעגען פארוואס אייגענטליך מען האט ארעסטירט זייערע מענער אדער זיהן. אבער די פאליציי-בעאמטע, צווישען וועלכע עס האבען זיך נאך געפונען פיעלע פון פריהערדיגען רעזשים, זענען אין זייערע ענטפערס געווען גאנץ אויפריכטיג און אפענהערציג:

— „איהר פרעגט — האבען זיי געזאגט צו די יודישע פרויען — פארוואס מען האט ארעסטירט אייערע מענער און זיהן? נו, געהערען זיי צו דער יודישער ראסע? יא? . . . אויב אזוי — ווייסט איהר דאך שוין פארוואס מען האט זיי ארעסטירט״ . . .

איך האב גערעדט מיט איינעם, וועלכען עס איז געלונגען צו אנטלויפען פון דעם „ברוינעם-הויז״ אין וויען, וואוהין מען האט געבראכט אלע געפאנגענע יודען, איידער מען האט זיי איבערגעשיקט קיין דאכאו. דארט האט געהערשט אזא גרויל-האפטע פראצעדור: יעדער געפאנגענער יוד האט געמוזט שטעהען זעקס שטונדען מיט דעם געזיכט צו דער וואנד און ער האט זיך פאר דער גאנצער צייט נישט געטארט געבען קיין ריהר פון ארט אדער ארויסרעדען איין ווארט!

אין דער קאריאן-גאס, וואו די נאצים האבען געהאט א „ברוין-הויז״ און וואוהין מען האט אויך געבראכט מאסען געפאנגענע יודען, האט אפטמאל פאסירט, אז מאנכע יודען זענען בעגאנגען זעלבסטמארד דורך ארונטערשפרינגען פון פינפטען שטאק . . .

א בעזונדערס שוידערליך קאפיטעל איז געווען דאס טראנס-

פאָרטירען די געפאַנגענע יודען קיין דאַכאַו. די נאַצי־סאַ־דיסטען פלעגען איינאָרדענען אין צוג ווילדע אינקוויזיציע־ספעקטאַקלען. זיי האָבען איינגעהייצט דעם וואַגאָן, פערמאַכט אַלע פענסטער און אין אַ קופּע, וואו עס איז פערהאַנען פּלאַץ פאַר אַכט פּערזאָנען, זענען אַריינגעפּאַקט געוואָרען זעכצעהן יודען און ביי אָט דער אונערטרעגליכער היץ און דערשטי־קענדער ענגשאַפט האָבען די נאַצי־קאַניבאַלען געצוואונגען די פערשמאַכטע יודען צו מאַכען פערשידענע „גימנאַסטישע איבונגען".

צו יענער צייט האָט אויך פּאַסירט פאָלגענדער שוידער־ליכער פאַל: איינמאָל, אין אַ מיטוואָך, האָבען די נאַצישע מענשען־יעגער געפאַנגען דריי צעהנדליג יודען. דריי טעג זענען די דאָזיגע געפאַנגענע יודען געלעגען פערשפּאַרט אין אַ פינ־סטערען קעלער און פרייטאָג ביינאַכט האָט מען זיי צוגעפיהרט צו דער באַהן, וואו זיי זענען אַריינגעזעצט געוואָרען אין אַ פער־ריגעלטען וואַגאָן. צו דעם וואַגאָן איז געווען אָנגעשלאָסען אַ צווייטער וואַגאָן, אין וועלכען עס זענען געזעסען די נאַצי־וועכטער. צוזאַמען מיט די געפאַנגענע יודען האָבען זיך אויך געפונען קנאַפּע צוואַנציג עכטע „אַריער". דאָס זענען געווען: פינף פּאָליציסטען, אַכט „ס.אַ."־יונגען און עטליכע אַרבייטער, וועלכע זענען געוואָרען בעשולדיגט אין סימפּאַטיע צום קאָ־מוניזם, פאַר וועלכען מען האָט זיי פעראורטיילט צו קאַטאָרגע אין דאַכאַו. אָבער אין מיטען וועג האָבען די „אַרישע" אַרעס־טאַנטען אָנגעהויבען צו זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער און שרייען: „הייל סטאַלין!" — וואָס די נאַצי־וועכטער האָבען באַלד דערהערט. די לעצטע האָבען דאַן אָבגעשטעלט דעם צוג און גענומען אַריינשיסען אין וואַגאָן, וואו עס האָבען זיך גע־פונען די געפאַנגענע יודען און די „אַרישע" אַרעסטאַנטען. פון דער שיסעריי זענען געפאַלען טויט זעקס פון די „אַרישע" אַרעסטאַנטען און צוויי יודען. דאָס זענען געווען דער 27־יעה־

ריגער עקיבא שרייבער און דער 43־יעהריגער דר. לינענפעלד.

אַ צווייט מאָל האָט ווידער פּאַסירט, אַז דריי געפאַנגענע יודען זענען אין מיטען פאַהרען אַרויסגעשפּרונגען פון׳ם לויפענדען צוג, ווערענדיג דער׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט.

און עס זענען פאַראיבער די ערשטע צוויי וואָכען, ווי עס האָבען אַנגעהויבען אַנצוקומען די ערשטע „גרוסען" פון די געפאַנגענע יודען אין דאַכאַו. די „גרוסען" האָבען זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס די יודישע פרויען האָבען בעקומען צוגעשיקט „מעלדונגען", זיי זאָלען קומען צום באַהן־הויף אָבנעהמען די קעסטלעך מיט אַש פון זייערע פערברענטע מענער אָדער זיהן. מאַנכע יודישע פרויען האָבען זאָגאָר בעקומען צוגעשיקט בריעף פון דער „געשטאַפּאָ", דאָס אויב זיי וועלען איינצאָהלען פאַר פּאָרטאָ, וועט מען זיי צושטעלען די קעסטלעך מיט אַש . . .

צווישען די מאַסען יודען, וואָס זענען גלייך אין די ערשטע צייטען ערמאָרדעט געוואָרען אין דאַכאַוער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אויך געוועזען דער וויצע־פּרעזידענט פון דער ווינער יודישער קולטוס־געמיינדע, דר. עהרליך. ער איז אומגעקומען ביי פאָלגענדע אומשטענדען: ווערענד ער איז געשטאַנען אויפ׳ן דאַכאַוער שאָסע און געהאַקט די שטיינער, איז פּלוצלינג צו איהם צוגעקומען דער נאַצי־אויפזעהער און גענומען מרוקען: „יוד, דו ביזט שוין צו אַלט! דו קענסט שוין מעהר נישט טיכטיג אַרבייטען!" און דער נאַצי האָט דערלאַנגט עהרליך׳ן אַ זעץ אין הערץ, פון וואָס ער איז געבליבען ליגען טויט אויפ׳ן אָרט! . . .

אין פיעלע פעלען האָבען די יודישע פרויען, וואָס האָבען ערהאַלטען די „מעלדונגען" צו קומען אָבנעהמען דאָס אַש פון זייערע נאָהנטע — אויפגעדרעהט דעם גאַז־קראַן און זענען איינגעשלאָפען אויף אייביג.

— ווי שטענדיג, האָבען די נאַצים אויך ביי דעם אונגליק —

ביים יאָגד אויף יודען — בעשטימט אַ טאָג, אין וועלכען זייער ווילדעווען האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציאָנס־פּונקט. דאָס איז געווען אין אַ הייסען דאָנערשטאָג פון מיטען יולי. שוין אַרום דריי פאַרטאָג האָט די עפּידעמיע אָנגעהויבען צו בו־שעווען. די פּאָליציסטען זענען געגאַנגען, מיט ליסטען אין די הענד, פון איין יודיש הויז צום אַנדערען און מיטגענומען יעדען יוד. עס איז אויך נישט געווען קיין איין גאַס, אַז זי זאָל נישט אָבגעשלאָסען ווערען. איבער די יודישע גאַסען האָבען זיך אַרומגעשלעפּט קאַראַוואַנען מיט „גרינע־היינריכ׳ס“. אין יענעם טאָג האָט מען זאָגאַר אויפגעפאַנגען מעהרערע יודישע פרויען און קליינע קינדער. נאַצישע מענשען־יעגער זענען בעפאַלען דאָס יודישע קאַפע־הויז „רעמבראַנדט“, פונוואַנען זיי האָבען אַרויסגענומען דרייסיג יודען, דערונטער צעהן פרויען און דריי מינדעריעהריגע יונגלעך.

מען שעצט די צאָהל געפאַנגענע יודען פון יענעם דאָנערש־טאָג אויף איבער צוויי טויזענד.

די פּאַניק צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין עסט־רייך איז דעמאָלט געווען אַזוי גרויס, אַז ווער עס האָט נאָר געקענט איז געלאָפען צו די גרעניצען — צו שמוגלען זיך קיין אויסלאַנד.

אין זעלבען טאָג האָט דער „פעלקישער בעאָבאַכטער“ פער־עפענטליכט אַ לייט־אַרטיקעל, אין וועלכען דער נאַצי־רעדאַק־טאָר האָט זיך זעהר שטאַרק אויפגערעגט איבער דער „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע“, וואָס ווערט געטריבען פון די יודישע, דעמאָ־קראַטישע, ליבעראַלע און סאָציאַליסטישע צייטונגען אין דער וועלט — געגען „דריטען־רייך“ (נאַצי־דייטשלאַנד). דער נאַצי־שרייבער האָט דערביי איראָניזירט איבער די בעריכטען אין דער וועלט־פּרעסע וועגען די „אַזוי־גענאַנטע פערפאָלגונגען און אונטערדריקונגען“, וואָס עס האָבען אויסצושטעהן די יודען אין דייטשלאַנד־עסטרייך.

— „מען טרייבט געגען אונז (נאַצים) — איז אין דער־מאַנטען לייט־אַרטיקעל געזאָגט געוואָרען — אַן אבשויליכע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע. די וועלט־פּרעסע, וועלכע געפינט זיך אונ־טער דעם איינפלוס פון די יודען, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, קאָמו־ניסטען און אַנדערע מאַרקסיסטען, ערצעהלט איהרע לעזער, אַז די אונשולדיגע יודען אין דייטשלאַנד־עסטרייך ווערען בע־רויבט, אַרעסטירט, געפּייניגט און ערמאָרדעט און דאָס ערגסטע דערביי איז וואָס אויך די לאָנדאָנער „טיימס", די אַלטע גרויל־טאַנטע, פעהלט נישט אין דעם כאָר פון דער אַנטי־נאַציִשער גרויל־פּראָפּאַגאַנדע" . . .

⁂

דער יאַגד אויף יודען האָט דעמאָלט געווילדעוועט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, אָבער אַמשרעקליכסטען איז עס צוגעגאַנגען אין וויען, ווייל דאָרט איז געזעסען אַלס „גאַו־לייטער"*) פון דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי דער גערמאַניזירטער סלאַ־ווענער גלאָבאָטשניק, אַ פערברעכער פון געמיינסטען טיפּ, וועלכער האָט נאָך אין זומער פון 1932 געוואָרפען אַ באָמבע אויף דעם יונגען יודישען סוחר פוטערוויט און איהם דער׳הרג׳עט אין זיין אייגענעם געשעפטס־לאָקאַל.

*) „גאַו־לייטער" איז דער טיטעל פון׳ם שעף פון דער נאַצי־פּאַרטיי אין אַ בעשטימטען לאַנד אדער קרייז. ביים טאָטאַליטערען סיסטעם האָבען די העכערע פּאַרטיי־פונקציאָנערען אַזאַ מאַכט (אדער נאָך מעהר) ווי די רעגירונגס־שעפען פון דעם זעלבען לאַנד אדער קרייז.

## „משה — די פעסט פון וויען!״ . . .

ווען איך בין אין איינעם פון די שעהנסטע יולי־פריה־מאָרגענס אַרוים אויף די גאַסען פון וויען — האָב איך דער־פיהלט, ווי אַלע מיינע גלידער האָבען זיך פּלוצלינג גענומען אין מיר טרייסלען פאַר אויפשווידערונג! איך האָב געפיהלט, ווי איינער, וואָס איז אין מיטען פון אַ שטאָק־פינסטערער נאַכט פּלוצלינג אַריינגעפאַלען אין אַ פינסטערען זייטען־געסעל, וואו עס ווילדעווען שדים, חיות רעות און אַנדערע בייזע רוחות.

אַלעס: די ווענד, טהירען און פענסטער פון די יודישע וואוינונגען און געשעפטען און זאָגאַר די טראָטואַרען — זענען געווען בעשמוצט און פערשמירט מיט די בעליידיגענדסטע אויפ־שריפטען געגען יודען און גאַנצען יודישען פאָלק בכלל. נאָר דער טייוועל אַליין וואָלט פעהיג געווען אויסצוטראַכטען אַזעל־כע נידערטרעכטיגע, וואולגאַרע און אויסערסט אָרדינערע זידעל־פראַזען. אויף אַלע ווענד, טהירען און פענסטער פון די יודישע הייזער און געשעפטס־לאָקאַלען און איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון יעדען טראָטואַר פון די גאַסען, וועלכע געפינען זיך אין יודישען קוואַרטאַל, האָבען זיך געפונען ריזיג גרויסע „מגן־דוד׳ס״ און יעדער אַזאַ „מגן־דוד״ איז געווען אַרומגע־שמירט מיט אַ טוץ פערשידענע אויפשריפטען, וואָס האָבען געהאַט אונגעפעהר פאָלגענדען אינהאַלט:

„משה — די פעסט פון וויען!״...

„שרה — די זונה״...

„יודען — אַרוים!״...

עס איז אויך נישט געווען קיין איין איינציגע יודישע גע־שעפטס־שילד וואָס האָט נישט געזאָלט ווערען פערשמירט.

די געמיינסטע אויפשריפטען זענען געמאַכט געוואָרען אין דער בעלעבטער טאַבאָר־שטראַסע, וואו עס האָבען זיך נאָך דעמאָלט געפונען מעהרערע יודישע געשעפטען. פאַר אַ יוד איז עס איינפאַך געווען אַ קוועלעריי ווען ער האָט געמוזט דורכגעהען יענע גאַס. עס האָט גענומען שווינדלען פאַר די אויגען און דאָס הערץ האָט אָנגעהויבען אַזוי האַסטיג צו קלאַפּען, אַז מען האָט געמיינט, אַז דאָס לעבען ענדיגט זיך!

אין לעצטען טאָג פאַר מיין אַוועקפאָהרען פון פינסטערען נאַצי־וויען האָב איך בעשלאָסען צו מאַכען אַ בעזוך אין דער טאַבאָר־שטראַסע; דען איידער איך האָב פערלאָזט די דאָזיגע גיהנום־שטאָדט איז מיך פּלוצלינג בעפאַלען אַן אונפערשטענד־ליכע לוסט אויסצוטרינקען דעם בעכער מיט די פרעכע נאַצי־זלזולים ביז'ן דנאָ!...

און אָט וואָס איך האָב דאָרט געזעהען:

פון די גרויסע רעקלאַמע־שילדען פון אַלע יודישע גע־שעפטען האָבען צו מיר אַרונטערגעשריגען אַזעלכע שטייגער אויפשריפטען:

„יודעל, דו געהסט זאָפאָרט קיין דאַכאו!"...

„יוד, פאָהר קיין דאַכאו צום קורט (צום עקס־קאַנצלער קורט שושניג)!" . . .

„דער יודישער אינהאַבער פון דעם געשעפט האָט זיך אויפ־געהאָנגען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער!"...

„די יודישע אינהאַבערין פון דעם געשעפט איז פערשיקט געוואָרען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — פאַר „ראַסען שאַנדע!"...

און נאָך און נאָך, אַז טהוענדיג אַ קוק אויף זיי האָט מען געקענט משוגע ווערען פאַר צאָרן און שאַנדע. אין אָנפאַנג האָבען זיך נאָך די נאַצים „געשעהמט" מיט אָט דער וואַקכאַ־נאַליע און זיי פלעגען עס מאַכען נאָר ביינאַכט, ווען די „גוט־מוטיגע וויענער" זענען געווען פערזונקען אין זייער חיה'שען שלאָף. נאָר מיט דער צייט זענען זיי געוואָרען דרייסטער און

האָבען שוין געמאַכט די אויפשריפטען אין שעהנעם העלען טאָג. יעדער כוליגאַן האָט געהאַט דאָס רעכט אַריינצוגעהען אין אַ יודיש געשעפט, נעהמען פון דאָרט אַ לייטער און מיט איהר הילף דערלאַנגען ביז צו די אויבערשטע רעקלאַמע־שילדען, וועלכע ער האָט פערשמירט מיט די אויבען־ציטירטע אויפ־שריפטען.

ביי דעם אָפּערע־הויז איז אויפגעקלעבט געוואָרען אַן אַפּיש מיט דער אויפשריפט: „יודענטום איז פערברעכערטום״.

די אָפיציעלע נאַצי־פּאַרטיי האָט אויך אַרויסגעהאָנגען אין יעדער יודישער גאַס אַ „שטירמער־קעסטעל״, אין וועלכע מען האָט יעדען מיטוואָך אַריינגעהאָנגען אַ פרישען נומער פון שטרייכער׳ס פּאָרנאָגראַפישען „שטירמער״. אייגענטליך קען איך מיר פערשפּאָרען די מיה צו ערצעהלען, וואָס אָט דאָס שמאַטע־בלעטעל האָט שוין אַלץ געשריבען איבער יודען! אָבער אויף די עסטרייכישע יודען האָט זיך דער מנוול׳דיגער שטריי־כער בעזונדערס אָנגעזעצט. אין יעדען נומער פון זיין בלעטעל האָט זיך געפונען אַ סעפּאַראַטע „עסטרייך־ביילאַגע״, אין וועלכער עס איז געוואָרען איינגעריסען קברים, איבער די „אונגליקען״, וואָס די יודען האָבען געבראַכט אויף עסטרייך.

איינמאָל האָבען די נאַצים געפאַנגען אַ יודישען גייסטיג־קראַנקען יונגעמאַן; זיי האָבען איהם אָבפאָטאָגראַפירט. דער־ביי האָבען זיי פערגרעסערט זיין נאָז און ליפען און אָבגעדרוקט דאָס בילד אין „שוואַרצען קאָרפּס״, נעבען דעם בילד פון ראַ־טשילד׳ן (דער לעצטער איז געווען אָבגעבילדעט אָהן אַ קראַגען און אָהן אַ קראַוואַט). נעבען די צוויי בילדער איז געווען צו־געשריבען, אַז דאָס זענען „עכטע יודישע טיפּען״...

## מען טרייבט יודען פון די וואוינונגען

אין פערלויף פון די ערשטע צוועלף יאָהר פון נאָך דעם וועלט־קריעג, ווען אין וויען האָט געהערשט דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער רעזשים, האָט דער וויענער מאַגיסטראַט אויפ־געבויט פופציג טויזענד פרעכטיגע וואוינונגען פאַר דער פראָלעטאַרישער בעפעלקערונג. אין די דאָזיגע הייזער, וועל־כע האָבען געטראָגען דעם נאָמען „געמיינדע הייזער", האָבען אויך געוואוינט קנאַפּע טויזענד יודישע פאַמיליען. אָבער באַלד אין מאָנאַט מאַי זענען שוין מעהרערע יודישע פאַמיליען פון די „געמיינדע הייזער" אויפגעפאָדערט געוואָרען צו פערלאָזען זייערע וואוינונגען. מאַנכע יודען האָבען נאָך פּרובירט צו אַפּעלירען צום געריכט, אָבער די נאַצי־פּאַרטיי האָט זיי גלייך געגעבען צו פערשטעהען, אַז וואָס אַנבעלאַנגט יורידישע פראַגען, וואָס זענען נוגע יודען, איז נאָר זי די איינציגע „קאָמפּעטענטע" אינסטאַנץ און עס איז דערפאַר גאַנץ זינלאָז צו ווענדען זיך צום געריכט נאָך הילף.

נאָכהער, ווען מען איז פערטיג געוואָרען מיט'ן אַרויס־זעצען די יודען פון די „געמיינדע הייזער", האָט מען זיך ערשט גענומען צו אַלע אַנדערע יודען. דאָס קינדיגען וואוינונגען צו די יודען האָט אָנגענומען אַ מאַסען־כאַראַקטער. די נאַצי־רשעים האָבען געאַרבייט אויף דריי פראָנטען: ערשטענס, האָט די נאַצי־פּאַרטיי געהאַלטען אין איין אַרויסטרייבען די יודען פון זייערע וואוינונגען; צווייטענס, האָבען אויך די „אַרישע" הויז־בעזיצער געקינדיגט (אַנולירט) די וואוינונגס־פערטראַגען מיט די יודישע איינוואוינער און דריטענס, האָט יעדער „אַריער" געקענט דערלאַנגען אַן „ערקלערונג" צו דער

נאַצי־פּאַרטיי, אַז עס איז איהם אונאַנגענעהם צו וואוינען מיט אַ יוד צוזאַמען אין איין הויז און אויף דעם גרונד איז דער יוד אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זיין וואוינונג.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז נישט איין „אַריער" האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט. מען האָט דאָ נישט אַזוי ווייט געמיינט די „הגדה" ווי די „קניידלעך", אין פאָרם פון אַ שעהנע עלעגאַנטע וואוינונג מיט די פיינסטע מעבלען. דען וואוהין האָבען די געטריבענע יודען געקענט געהען מיט זייערע מעבלען און אַלע אַנדערע הויז־זאַכען? זיי האָבען נישט געהאַט קיין אַנדערען אויסוועג ווי צו פערקויפען זייערע פערמעגענס פאַר די ביליגסטע פּרייזען.

די ווינער „אַרישע" בעפעלקערונג האָט דעמאָלט גע־מאַכט אונגלויבליכע גלענצענדע געשעפטען. די „אַרישע" אַנטיקוויטעטען־הענדלער פלעגען אַרומלויפען איבער די יודישע הייזער און אויפקויפען די טייערסטע און ווערטפולסטע זאַכען פאַר פאַנטאַסטיש ביליגע פּרייזען, פאַר איינפאַך אומזיסט. די אַלע יודען, וועלכע האָבען פריהער געלעבט אונטער גוטע עקאָ־נאָמישע בעדינגונגען, האָבען יעצט אַנגעבאָטען צום פערקויף זייערע ווערט־זאַכען און קונסט־אַרטיקלען, וואָס זיי האָבען גע־זאַמעלט אין פערלויף פון פיעלע יאָהרען. זיי זענען נאָך געווען דאַנקבאַר ווען מען האָט זיי נאָר עטוואָס צוגעוואָרפען פאַר זייערע עכטע טעפּיכער, אַנטיק־מעבלען, קונסט־זאַכען פון וועלט־בעריהמטע נעמען, גאָלד, זילבער, יובעליר־זאַכען, געשיר און פאַר אַלעם אַנדערע וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. די ווינער צייטונגען זענען געווען פול מיט יודישע אַנאָנסען וועגען פערקויפען די אַלע אויסגערעכענטע זאַכען. מען האָט געקענט זעהען ווי עס ווערט אַנגעבאָטען צום פערקויף די איינ־ריכטונג פון אַן אַדוואָקאַטען־ביוראָ, דערונטער אַ גרויסע יורי־דישע ביבליאָטעק, פאַר צוויי הונדערט מאַרק, אָדער אַן ערשט־קלאַסיג און מאָדערנע שלאָף־צימער פאַר הונדערט מאַרק.

אָבער פיעלע „אריער" האָבען איבערהויפּט נישט געוואָלט צאָהלען. עס האָט אַלע ווײלע פּאַסירט, אַז אַן „אריער" אָדער אַן „אריערין" זאָל אַריינקומען צו אַ יוד און זאָגען: „איהר מוזט פערלאָזען די וואוינונג אין פערלויף פון די נעכסטע 24 שטונ־דען און איהר מוזט איבערלאָזען אַלעס, וואָס געפינט זיך יעצט אין דער וואוינונג. איהר טאָרט גאָר נישט מיטנעהמען"....

עס האָט אויך פּאַסירט, אַז ווען אַן „אריער" איז אַריינ־געקומען צו אַ יוד עטוואָס קויפען, זענען באַלד געקומען דעם יוד'ס „אַרישע" שכנים און נישט געלאָזט דורכפיהרען די „האַנ־דעלס-טראַנזאַקציע". זיי פלעגען זאָגען צום „אַרישען" קויפער: „נאָך וואָס זאָלסטו געבען דעם יוד געלד? ער וועט באַלד דאַנקען גאָט אויב מיר וועלען איהם לאָזען געהען פון דאַנען מיט דער בלויזער נשמה"....

מאַנכע „אריער" האָבען ווידער אַזוי געטהון: קויפענדיג ביים יוד, האָבען זיי איהם צוערשט צוגעזאָגט דעם בעסטען פּרייז, נאָר ווען עס איז געקומען צום בעצאָהלען האָבען זיי ערקלערט, אַז זיי וועלען איבערגעבען דעם בעטרעפענדען בע־טראַג צו דער נאַצי-פּאַרטיי.

האָבען שוין פיעלע יודען איבערהויפּט נישט געוואָלט האָבען צו טהון מיט די וויענער „אריער" און, ווען מען האָט זיי אַרויסגעטריבען פון די וואוינונגען, האָבען זיי דאָרט איבער־געלאָזט זייערע מעבלען און אַלע אַנדערע הויז-זאַכען...

# די מסכתא „מלקות" און די סוגיא
# פון „כיצד מגלחין"

מוצאי יום־כפור (תרצ"ט — 1938) האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו ווילדעווען אַ פרישער נאַצי־טעראָר איבער גאַנץ וויען. דאָס איז געווען עטליכע טעג נאָך דעם אריינמאַרש פונ'ם נאַצי־דייטשען מיליטער אין דעם סודעטען־געביט. די וויענער נאַצים האָבען דאַן בעקומען אַ בעפעהל צו פייערען דעם זיעג איבער דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק — דורך שלאָגען יודען...

הונדערטער נאַצי־כוליגאַנעם זענען בעפאַלען די יודען, וואָס זענען געגאַנגען פון דאַווענען און זיי ברוטאַל געשלאָגען. אין 20־סטען בעצירק האָבען זיך נאַצי־באַנדיטען געשטעלט פאַר'ן ארויסגאַנג פון אַ שוהל, וואו זיי זענען געשטאַנען ביז נאָך האַלבער נאַכט, נישט דערלאָזענדיג, אַז די מתפּללים זאָלען אהיים געהען עסען...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָס נאַצי־גיהנום אין וויען צעפלאַקערט מיט אַ שרעקליכען טעמפּאָ. וועלכער יוד עס האָט זיך נאָר בעוויזען אויף דער גאַס איז באַלד געוואָרען ארומגערינגעלט פון נאַצים, וועלכע האָבען איהם געשלאָגען און געטרעטען מיט די פיס. אַמערגסטען איז געווען אין אָוועגד. ווי נאָר עס איז געוואָרען טונקעל, אַזוי זענען אין די יודישע גאַסען פּלוצלינג אויסגעוואַקסען מאַסען נאַצי־באַנדיטען, בעוואָפענט מיט לאַנגע שטעקענס, אויף וועמענס שפּיצען עס האָבען זיך געפונען שאַרפע נאָגלען. אַלע ווײַלע האָט מען געהערט אַן אַנדער אויפצאַפּעלדיג וועה־געשריי, וואָס איז געקומען פון אַ בעפאַלענעם יוד, וועלכער האָט דערשפּירט אויף זיין קאָפּ דעם שפּיץ פון

אזא שטעקען... אַלע ווײלע האָט מען געהערט אַ קראַך; דאָס האָבען געקראַכט די יודישע פענסטער־שויבען, אונטער די שווע־רע שטיינער, וועלכע מען האָט אין זיי געוואָרפען... די יודישע גאַסען זענען געווען אָנגעפילט מיט טויט־פחד און גרויל. צעהנדליגער יודען זענען געלעגען אויף דער ערד און זיך גע־קורטשעט פאַר יסורים פון די געלעכערטע און געשפּאַלטענע קעפּ און אויך די אַרויסגערופענע יודישע דאָקטוירים פלעגען אָוועקגעהען מיט פערבלוטיגטע קעפּ...

איינמאָל האָבען דריי הונדערט נאַצים, בעוואָפענט מיט רעוואָלווערען, מעסערס און שטעקענס, אַריינמאַרשירט אין די גאַסען פון יודישען קוואַרטאַל, וואו זיי זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אַרויסגעשלעפּט די יודען אויף דער גאַס און זיי בלוטיג צעשלאָגען.

די נאַצים פלעגען זיך אויך אין מיטען דער נאַכט אַריינ־רייסען אין די יודישע וואוינונגען, פערניכטען דאָס מעבעל, אויפשניידען דאָס בעטגעוואַנד און אַרויסלאָזען די פעדערען אויף דער גאַס.

מען פלעגט אויך בעפעלען אַלטע יודען אויף דער גאַס און זיי אָבשניידען די בערד. די וויענער יודען האָבען זיך דעמאָלט אויסגעלערענט אַן אייגענאַרטיגע פאַגראָם־שפּראַך: אויב אַ יוד האָט בעקומען געשלאָגען, האָט ער אָנגעקלינגען דורכ׳ן טעלעפאָן צו זיינע פריינד און זיי געוואָרענט, אַז היינט לערענט מען די מסכתא „מלקות״; דאַגעגען אויב מען האָט איהם אָב־געשניטען די באָרד, האָט ער זיי מיטגעטיילט, אַז היינט לערענט מען די סוגיא פון „כיצד מגלחין״, און די יודען האָבען שוין פערשטאַנען אַז זיי טאָרען נישט אַרויסגעהן אויף דער גאַס.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, דאָס אין די איבערפאַלען אויף יודען האָבען אויך די „אַרישע״ פרויען גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל. זיי פלעגען מאַרשירען גרופּענווייז איבער די יודישע

גאסען און שלאָגען יעדע יודישע פרוי, וועלכע זיי האָבען נאָר בעגעגענט.

זעהר אָפט האָט מען איינגעשפּאַנט יודען אין לאַסט־וועגע־נער. היטלער׳ס „פעלד־מאַרשאַל", הערמאַן געהרינג, האָט אַרויסגעגעבען אַן אויפרוף, מען זאָל זאַמלען דאָס ברוכוואַרג פאַר דער וואַפען־אינדוסטריע. זענען די נאַציס אַרומגעלאָפען איבער די ווינער גאַסען און אויפגעזאַמעלט דאָס ברוכוואַרג. נאָר צוערשט האָט מען גענומען יודען, זיי זאָלען אויפלאָדענען דאָס ברוכוואַרג אויף די לאַסט־וועגענער און אויב עס האָט זיך די כוליגאַנעס נאָך פערגלוסט האָבען זיי אויסגעשפּאַנט די פערד און צוגעבונדען די יודען, זיי זאָלען שלעפּען די שווערע וועגענער...

נאָר אויב אין אָנפאַנג האָבען זיך די פּאָגראָם־באַנדיטען בעגנוגענט מיט׳ן מאַכען „בלויז" פּאָגראָמען אויף די יודישע וואוינונגען און אויף יודען אין די גאַסען, האָבען זיי זיך אַביסעל שפּעטער שוין „גענומען" אויך צו די שוהלען און בתי־מדרשים. דער ערשטער פּאָגראָם אויף אַ שוהל איז פאָרגעקומען פרייטאָג־צו־נאַכט פון חול־המועד סוכות. עטליכע צעהנדליג כוליגאַנעס זענען אַריין אין דעם בית־המדרש „אוהל־יעקב", ווען דער בעל־תפילה האָט גראַד געהאַלטען ביים „ושמרו בני ישראל את השבת"... זיי האָבען באַלד פערלאָשען דאָס ליכט, צעבראָכען דאָס ארון־קודש, צעריסען די ספרי־תורה און געשלאָגען אַלע מתפללים.

אין דער פלאָס־גאַס האָט זיך געפונען אַ יודישער יוגענד־פערבאַנד, וועלכער האָט פערמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק. האָבען די נאַציס אַרויסגעטראָגען אַלע ביכער אויף דער גאַס און גע־מאַכט אַן אויטאָ־דע־פע.

בעזונדערס שוידערליכע סצענעס האָבען זיך אָבגעשפּיעלט הושענא־רבה ביינאַכט. הונדערטער נאַצי־יונגען האָבען אויפגע־בראָכען די שוהלען, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער האַמער־

פורגשטאַל־גאַס, ליליענברון־גאַס און האַלאַנד־שטראַסע, וואו זיי האָבען צעריסען צעהנדליגער ספרי־תורה אויף שטיק־שטיקער און זיי אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאַס. נאָכהער זענען הונ־דערטער יודען, מענער און פרויען אַרויסגעשלעפט געוואָרען פון די בעטען און זיי האָבען געמוזט, אין דער נאַכט־ווערש, אַוועקטראָגען די געשענדעטע ספרי־תורה צום דאָנאַו־קאַנאַל. די יודישע פרויען האָבען זיך געמוזט איינהילען אין טליתים, אַרויפשאַרצען זיך די נאַכט־העמדער ביז איבער די קניה און אַזוי מאַרשירען מיט שטיקער ספרי־תורה אין די הענד איבער די גאַסען, ווערענדיג בעגלייט פון די שפּאָטישע געלעכטער פון מאַסען שיקסעס.

אין דער מאַלץ־גאַס האָט זיך געפונען אַ גרויסע תלמוד־תורה, וואו עס האָבען געלערענט איבער טויזענד קינדער און וואו עס האָט זיך אויך געפונען אַ שוהל. האָבען זיך דאָרט אַריינגעריסען איבער הונדערט כוליגאַנעס און דורכגעפיהרט אַ באַרבאַרישען פּאָגראָם. זיי האָבען צעריסען די ספרי־תורה און אונצעהליגע אונטערריכטס־ביכער, צעבראָכען דאָס מעבעל און דעמאָלירט די שוהל.

שמיני־עצרת ביינאַכט האָט פּאַסירט פאָלגענדער אויסטער־לישער פאַל: עטליכע יונגע יודען זענען געוואויר געוואָרען, אַז מען וועט אין נעכסטען טאָג דעמאָלירען די „שיף־שוהל". זיי האָבען דעריבער גענומען אַן אויטאָ און פערפאָהרען פאַר דער „שיף־שוהל", וואו זיי האָבען אויפגעוועקט דעם „אַרישען" וועכטער, פאַר וועלכען זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט אַלס צי־ווילע־נאַצים, וואָס זענען געקומען דורכפיהרען אַ רעוויזיע אין דער שוהל. דער פערשלאָפענער וועכטער האָט זיי באַלד גע־געבען די שליסלען פון דער שוהל און אַזוי אַרום האָבען זיי געראַטעט זעכצעהן ספרי־תורה און אונצעהליגע ווערטפולע הייליגע חפצים.

ווערענד די צווייטע טעג יום־טוב זענען די נאַצי־באַנדיטען

בעפאַלען די יודישע אומזיסטע פאָלקס־קיכען, וואו זיי האָבען צעבראָכען דאָס געשיר און אַריינגעוואָרפען די שטיקער שאַרבענס אין׳ם קאָכענדען עסען.

די וויענער יודען האָבען דעמאָלט ספּאָנטאַן בעשטימט אַ תענית־צבור אויף אסרו־חג סוכות. נאָר ווען די נאַצים האָבען זיך דערפון דערוואוסט, האָבען זיי געדראָהט דער יודישער קהלה מיט אַ פרישער פּאָגראָם־כוואַליע. אָבער די יודען האָבען זיך גאָר נישט דערשראָקען און סטיכיש האָבען זיי זיך פער־זאַמעלט אין די אַלע נאָך גאַנץ איבערגעבליבענע שוהלען, וואו זיי האָבען געפאַסט, געלייענט „ויחל" און געבעטען צו גאָט, ער זאָל זיי אויסלייזען פונ׳ם גרויזאַמען נאַצי־גיהנום...

# די דעפּאָרטאַציע פון פּוילישע יודען

דאָנערשטאָג, דעם 27-סטען אָקטאָבער (1938) אין וויען. שוין דריי טעג ווי די נאַצים זענען נישט איבערפאַלען קיין יודען, נישט אין די גאַסען און נישט אין די וואוינונגען. מען וואָלט אייגענטליך געקענט זאָגען, אַז „עס איז, דאַנקען גאָט, דערווייל רוהיג", אָבער טראָצדעם איז די אַטמאָספערע אָנגעפילט מיט אַן אינסטינקטיווער שרעק. מען איז בעהערשט פון עפּעס אַזאַ נערוואָזיטעט און מען האָט גלייכצייטיג עפּעס אַזאַ אונהיימ־ליך פאַרגעפיהל !...

און דאָס פאַרגעפיהל האָט נישט גענאַרט. אַרום דריי נאָכ־מיטאָג האָט־זיך פּלוצלינג פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין אָווענד וועלען דורכגעפיהרט ווערען מאַסען־רעוויזיעס אין די יודישע הייזער, און אַזוי איז ווירקליך געשעהען. ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלען, אַזוי זענען באַלד אַלע קאַפע־הייזער געוואָרען אַרומ־גערינגעלט און אַלע יודען, סיי מענער סיי פרויען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען זענען געוואָרען אַרעסטירט. נאָכהער זענען מאַסען פּאָליציסטען געגאַנגען פון איין יודישע וואוינונג צו דער אַנדערער און אַרעסטירט יעדען איינעם, וואָס איז געווען אַ פּוילישער בירגער. די דאָזיגע אַרעסטען האָבען געדויערט פון זיבען אוהר אין אָווענד ביז פינף אוהר אין דער פריה. מען האָט קיינעם נישט געשוינט. מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטען אויך אַלטע מענער און אַלטע פרויען, קראַנקע, קריפּעלס און קליינע קינדער. אין מאַנכע יודישע הייזער האָבען די פּאָ־ליציסטען אויפגעבראָכען די טהיר ; דען מיינענדיג, אַז מען איז געקומען אום זיי צו בערויבען אָדער שלאָגען — האָבען די יודען געציטערט צו עפענען די טהיר און האָבען זאָגאָר נישט גע־

ענטפערט אויף דעם שטירמישען קלאַפּען פון די פּאָליציסטען. אין אַזאַ פאַל זענען די לעצטע געוואָרען ווילד און ברוטאַל: זיי האָבען צעשמעטערט די טהיר, זענען אריין אין דער וואוינונג און אָהן צערעמאָניעס אַרויסגעשלעפּט די דערשראָקענע מענער, פרויען און קינדער אויף דער גאַס. די „ארישע" שכנים האָבען זיך צוגעקוקט צו דעם באַרבאַריזם און געקוואַלען פאַר פרייד. זיי האָבען נאָך צוגעוואונשען די יודען אַ „גוטע רייזע קיין פּאַלעסטינע!"...

די אַרעסטירטע יודען האָבען אין אָנפאַנג נישט פערשטאַנען אין וואָס עס האַנדעלט זיך. ערשט אַרויסקומענדיג אויף דער גאַס, וואו מען האָט געטראָפען נאָך אַרעסטירטע יודען, האָט מען געזעהען, אַז עס איז אַן אַלגעמיינע צרה און עס איז עטוואָס לייכטער געוואָרען אויפ'ן הערצען.

עס איז דעמאָלט געווען אַ שטאָק-פינסטערע נאַכט. אַ דראַבנער הערבסט-רעגען האָט געביסען אין געזיכט און דורכ-גענעצט די קליידער פון די בלאַסע און נישט-אויסגעשלאָפענע יודען, וועלכע מען האָט געלאָזט שטעהען אויף דער גאַס שטונ-דען-לאַנג. ענדליך אַרום פינף פאַרטאָג, ווען מען האָט שוין גע-האַט צוזאַמענגעטריבען פונפצעהן טויזענד פּוילישע יודען פון איבער גאַנץ וויען, זענען די אַרעסטירטע אָוועקגעפיהרט גע-וואָרען גרופּענווייז צו די פערשידענע פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען, וואו יעדער איינער איז געוואָרען אויפגעשריבען און נאַכהער אָוועקגעפיהרט צום „ברוינעם-הויז" אין דער קאַריאַן-גאַס.

יאָ, ווען די אַרעסטירטע יודען האָבען זיך געפונען אויף דעם פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט אין דער שיפאַמטס-גאַס זענען דאָרט אריינגעקומען עטליכע נאַצישע גאַסען-יונגען און געזאָגט צו די יודען: „מיר האָבען אַ גאַנצע נאַכט מיטגעהאָלפען דער פּאָלי-ציי ביים אַרעסטירען אייערע גלויבענס-גענאָסען; עס זענען אונז דערביי צעבראָכען געוואָרען עטליכע הויז-טויער שליסלען, און פאַר דעם שאָדען מוזט איהר אונז פערגיטיגען". אין דעם

מאמענט זענען זיי צוגעגאנגען צו עטליכע יודען און אוועק־גענומען פון זיי די געלד־טאשען און די האנד־אוהרען...

פאר דעם „ברוינעם־הויז" אין דער קאריאן־גאס זענען טויזענדער ארעסטירטע יודען ווידער אבגעשטאנען א היבשע פאר שטונדען אויף דער גאס, ווייל עס איז אין דעם הויז נישט געווען צוגעגרייט קיין פלאץ פאר אזוי פיעל מענשען. ערשט ארום עלף פארמיטאג האט מען געקענט אריינפיהרען אלע ארעסטירטע אין די פינסטערע און אונהיימליך־גרויסע קאמערען פון „ברוינעם־הויז".

און באלד זענען אריינגעקומען צעהנדליגער נאצים, וועלכע האבען יעדען איינעם רעווידירט און וואס איינער האט נאר ביי זיך געהאט איז געווארען „קאנפיסקירט". נאכהער האט מען ווידער גענומען די פרויען צו רייניגען די קלאזעטען און די שטיגען, ווערענד די מענער זענען געווארען מערדערליך געשלאגען.

נאכמיטאג האט מען אויסגערופען, אז ווער עס בעזיצט א גילטיגען פוילישען רייזע־פאס זאל זיך זאפארט מעלדען. די יודען וואס האבען נישט געהאט אזעלכע פעסער האבען געקוקט מיט קנאה'דיגע בליקען אויף די אנדערע, ווי זיי מעלדען זיך מיט די גילטיגע פעסער אין די הענד. מען איז געווען זיכער, אז דער פוילישער קאנסול האט שוין פאר זיי אינטערווענירט, און נאך מעהר איז דאס קנאה־געפיהל געשטיגען ווען מיט א ווײלע שפעטער האט מען גענומען ארויספיהרען פון די קאמערען אלע בעזיצער פון גילטיגע רייזע־פעסער. יעצט איז מען שוין געווען גאנץ זיכער, אז זיי ווערען בעפרייט. אבער פאקטיש איז געשעהען דאס געגענטייל: —

די יעניגע, וואס האבען נישט געהאט קיינע גילטיגע פעסער האט מען אין אווענד בעפרייט. מען האט זיי טאקע אבגעהאלטען 24 שטונדען אהן עסען און טרינקען, אבער דאך זענען זיי נאכהער בעפרייט געווארען. דאגעגען יענע, וועלכע האבען

יאָ געהאַט גילטיגע פּעסער — זיי האָט מען אין דעם זעלבען פרייטאָג אין אָוועגד אַריינגעזעצט אין אַן עקסטרא צוג און דעפּאָרטירט צו דער פּוילישער גרעניץ...

פון בלויז וויען אַליין זענען דריי טויזענד פּוילישע יודען געשלעפּט געוואָרען אין פּערזיגעלטע וואַגאָנען צו דער פּויליי־שער גרעניץ. עס זענען אין יענער פינסטערער נאַכט אַבגעררי־סען געוואָרען מענער פון ווייבער, מאַמעס פון קינדער און חתנים פון כלות. מען האָט נישט געשוינט קיינע זקנים אָדער זקנות פון די יודישע „מושב־זקנים"־הייזער, נישט קיינע גע־לעהמטע און אויך נישט די בלינדע פון דעם יודישען „בלינדען־היים". צעהן מייל פאַר דער פּוילישער גרעניץ האָט זיך דער צוג אָבגעשטעלט און מען האָט זיי אַלע געהייסען אויסשטייגען. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ ווילדע אַרגיע, וואָס מען קען זיך קוים פאָרשטעלען! מען האָט זיי געצוואונגען טרייבען איבער פעלדער און וועלדער, איבער טייכען און זומפּען, נישט קוקענ־דיג דערויף וואָס פיעלע זענען געווען האַלב נאַקעט און באָרוועס. מאַנכע זענען געפאַלען אין אָהנמאַכט; אַנדערע זענען אַריין אין די זומפּען און נישט מעהר געקענט אַרויס, און עטליכע זענען אויך געשטאָרבען אויפ'ן וועג. די נאַצי־באַנדיטען האָבען אָבער גאָר נישט גענומען קיין ריקזיכט, נאָר געהאַלטען אין איין טריי־בען, אין איין יאָגען די האַלב־טויטע יודישע מענער, פרויען און קינדער — זיי זאָלען לויפען שנעלער! שנעלער! מען האָט נאָך געדראָהט די געטריבענע, דאָס אויב איינער פון זיי וועט זיך דערוואַגען אומצוקעהרען — וועט ער דערשאָסען ווערען ווי אַ הונד!

⁂

אין דעם פּוילישען גרעניץ־שטעדטעל זבאָנשין האָבען זיך די אַרויסגעטריבענע יודען פון עסטרייך צוזאַמענגעטראָפען מיט נאָך פיעלע טויזענדער דעפּאָרטירטע פּוילישע יודען פון דייטש־

לאַנד. קיין איינער פון זיי האָט נישט בעוויזען מיטצונעהמען זיין פערמעגען אָדער מינדעסטענס אַ קליינעם טייל דערפון. דאָרט אין זבאָנזשין האָט מען די דעפּאָרטירטע יודען „איינקוואַרטירט" אין באַראַקען, וואו זיי האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט מאָנאַטען־לאַנג אויף דעם פּייכטען שטרוי, און געלעבט פון דעם וואָס די יודען פון פּוילען און פון דער גאַנצער וועלט האָבען זיי צוגעשיקט.

## 10־טער נאָוועמבער!

דער „שוואַרצער דאָנערשטאָג". דאָס מיינט מען — דאָ־נערשטאָג, דעם 10־טען נאָוועמבער פון יאָהר 1938. —

ווער עס הערט נאָר שילדערען וואָס עס האָט זיך אין דעם טאָג אָבגעשפּיעלט אין דייטשלאַנד־עסטרייך, דעם ווערט פער־גליווערט דאָס בלוט אין די אָדערען. אַלעם וואָס די וועלט־פּרעסע האָט וועגען דעם געשריבען בילדעט נאָך נישט קיין טויזענדסטעל טייל פון דעם וואָס עס איז דעמאָלט ווירקליך געשעהען. די וועלט־געשיכטע האָט נאָך אַזאַ בלוטיגע וואַק־כאַנאַליע נישט געזעהען. קיין שום מענשליכע פאַנטאַזיע קען זיך נישט פאָרשטעלען אַזאַ אונפערגלייכליכען סאַדיזם!

אַלס „אורזאַך" צו דעם פּאָגראָם פון דאָנערשטאָג, דעם 10־טען נאָוועמבער, האָבען די נאַצי־„פיהרער" אָנגעגעבען דעם אַטענטאַט, וואָס דאָס 17־יעהריגע יודישע יונגעל הערשעל גרינשפּאַן*) האָט אויסגעפיהרט אויף פאָן ראַט, אַ סעקרעטאַר פון דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז.

נאָר עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז די געשיכטע מיט גרינשפּאַנ'ס אַטענטאַט האָט בלויז געדינט די נאַצים אַלס בייזוויליגער אויסרייד. פאַקטיש איז דער פּאָגראָם פון 10־טען נאָוועמבער געווען דער רעזולטאַט פון אַן ענערגישע ארבייט

*) גרינשפּאַן איז געבוירען געוואָרען אין דער דייטשער שטאָדט האַנאָווער, וואו זיינע עלטערען האָבען פערמאָגט אַ פאַבריק, און וועל־כע זענען אָבער דורך די נאַצים גענצליך רואינירט געוואָרען. פאַר'ן פראַנצויזישען אויספאָרשונגס־ריכטער האָט גרינשפּאַן ערקלערט, דאָס ער איז בעגאַנגען זיין אַקט אונטער דער ווירקונג פון דער ידיעה, אַז מען האָט זיינע עלטערען אַרויסגעטריבען פון דייטשלאַנד.

פון דער צענטראַלער היטלער־רעגירונג אין בערלין, וועלכע האָט נאָך אין אָנפאַנג אָקטאָבער שוין געהאַט אויסגעאַרבייט אַ טייוולאָנישען פּלאַן, ווי צו פערניכטען ענטגילטיג דאָס דייטשע און עסטרייכישע יודענטום. ווען נישט דער אַטענטאַט אין פּאַריז, וואָלטען די נאַצים געווען אויסגעזוכט אַן אַנדערען אויס־רייד. עס האָט זיי יעדענפאַלס נישט געפעהלט קיין ברען־מאַטעריאַל.

דאָס איז נישט קיין געוועהנליכע ווערסיע, נאָר אַ טהאַט־זאַך, צו וועלכער איך האָב שלאָגענדע בעווייזען: ענדע אָק־טאָבער האָב איך ערהאַלטען אַ פערטרוייליכע ידיעה פון אַ קאָמפּעטענטער קוועלע אין דייטשלאַנד, וואָס איז באַלד פער־עפענטליכט געוואָרען אונטער מיינעם אַ פּסעוודאָנים: א. אַשער — אין די לאָנדאָנער „צייט״ (פון 1־טען נאָוועמבער), אין די בוענאָס־איירעסער „אידישע צייטונג״ (2־טען נאָוועמבער) און אין ניו־יאָרקער „מאָרגען־זשורנאַל״ (7־טען נאָוועמבער). אין דער ידיעה איז געזאָגט געוואָרען, אַז שוין „אין די נעכסטע טעג וועט די היטלער־רעגירונג פערשפּאַרען אין די קאָנצענ־טראַציע־לאַגערען צעהנדליגער טויזענדער יודען פון איבער גאַנץ דייטשלאַנד־עסטרייך. אויסער דעם וועט קיין איין יוד נישט מעהר ערלויבט זיין צו האַנדלען אָדער אויסצואיבען זיין בערופס־טעטיגקייט אויף דער טעריטאָריע פון די צוויי נאַצי־לענדער. די יעניגע יודען, וואָס וועלען בלייבען אויסערהאַלב די קאָנצענטראַציע־לאַגערען וועלען קענען לעבען נאָר פון דעם, וואָס זייערע יודישע ברידער אין דער גאַנצער וועלט וועלען זיי צושיקען אַלס אונטערשטיצונג״.

דערמיט — האָב איך אויסגעפיהרט — וויל נאַצי־דייטש־לאַנד פערניכטען מיט איין שלאָג דעם האַלבען מיליאָן דייטשע און עסטרייכישע יודען!

און ווירקליך, דאָס וואָס עס איז געשעהען אין עטליכע

טעג אָרום, דאָס הייסט אין 10־טען נאָוועמבער, האָט פול־שטענדיג בעשטעטיגט מיין אינפאָרמאַציע.

⁂

די פּאָגראָמען אין וויען זענען אויסגעבראָכען שוין אין די ערשטע שטונדען פון פאַרטאָג. איבערגעטהוענע „ס.ס.״־ און „ס.אַ.״־יונגען זענען געווען די אָנפיהרער פון די פּאָגראָמען. זיי האָבען געפיהרט זייער פּאָגראָם־ארבייט רוהיג, סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיג, וואָס האָט איבערצייגט יעדען צושויער, אַז די פּאָגראָמען ווערען דורכגעפיהרט לויט אַ געהיימע אינסטרוקציע פון דער אָפיציעלער נאַצי־מאַכט. מען איז געגאַנגען פון הויז צו הויז און אַרעסטירט יעדען יוד, וואָס אין עלטער פון 17 ביז 60 יאָהר. מען האָט זאָגאַר געזוכט צו אַרעסטירען אַזעלכע יודען, וואָס זענען שוין געווען 25 יאָהר טויט, אָדער וואָס האָבען זיך שוין געפונען אין אויסלאַנד. מען איז אויך געקומען אין די שפּיטעלער, וואו דער ספּעציעל־מיטגענומענער נאַצי־דאָקטאָר האָט אונטערזוכט די יודישע פּאַציענטען, אויב זיי סימולירען זיך נישט אַלס קראַנקע. איך וועלכער יוד עס האָט זיך נאָר בעוויזען אויף דער גאַס איז געוואָרען געשלאָגען און אַרעסטירט. אין 20־סטען בעצירק איז מען געקומען אַרעסטירען דעם יודישען יונגענמאַן בילבער, וועלכער איז געווען ערשט פינף מאָנאַטען נאָך זיין חתונה. ווען זיין 23־יעהריגע פרוי איז נאָכגעלאָפען די נאַצים און געבעטען צו האָבען אויף איהר רחמנות, ווייל זי שוואַנגערט, זענען אָנגעלאָפען עטליכע „אַרי־שע״ שיקסעס, וועלכע האָבען זי אַריינגעשלעפּט אין אַ הויז־טויער און געטרעטען מיט די פיס. (בילבער איז נאָכהער ער־מאָרדעט געוואָרען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער).

ווערענד די אַלע מאַסענהאַפטע אַרעסטען זענען אַלע יו־דישע וואוינונגען געוואָרען אויסגערויבט. מען האָט גערויבט געלד, ציהרונג, זילבערנע לייכטער, אַנציגער, וועש, שיך, גע־שיר און שפּייז־פּראָדוקטען. די מעבלען זענען אַרויסגעוואָרפען

געוואָרען אויף דער גאַס און אונטערגעצונדען. דאַגעגען די קלאַווירען און ראַדיאָ־אַפּאַראַטען האָבען די רויבער אַוועקגע־פיהרט אויף לאַסט־אויטאָס צו זיך אַהיים.

פון די יודישע הייזער זענען ארויסגעטראָגען געוואָרען פולע זעק מיט רויב. אין פיעלע פאַלען האָבען די „אָפיציעלע" רויבער געצוואונגען די בערויבטע יודען זיי זאָלען אליין צו־טראָגען די זעק מיט רויב אין די „ברוינע־הייזער" און דאָרט זענען די יודען ערשט געוואָרען ארעסטירט און געפּייניגט.

פּאַראַלעל מיט די אַרעסטען און דעם רויב־צוג אין די יודישע וואוינונגען — זענען אויך דורכגעפיהרט געוואָרען די צעשטע־רונגען פון די יודישע געשעפטען אין אַלע גאַסען פון וויען. די נאַצי־כוליגאַנעס און דער צעיושעטער פּעבעל האָבען מיט העק אויפגעבראָכען די אייזערנע שטאָרען פון די יודישע געשעפטס־לאָקאַלען און צוגענומען אַלעס, וואָס זיי האָבען נאָר געטראָפען. די אונוויכטיגע אַרטיקלען אָדער אַזעלכע וואָס מען האָט נישט געקענט מיטנעהמען — זענען אַרויסגעשמיסען געוואָרען אויף דער גאַס, בעגאָסען מיט בענזין און אונטערגעצונדען. אין מאַנכע יודישע געשעפטען האָבען די באַנדיטען אָבגעשטאַט אַ דאָפּעלטען „בעזוך", צו ערגענצען דעם פולשטענדיגען חורבן. מען האָט געזעהען, אַז די כוליגאַנעס זענען גוט אינפאָרמירט און אונטעררריכט וועלכע געשעפטען צו אַטאַקירען...

אין פיעלע ערטער האָבען די בלאָנדע בעסטיעס דעמאָנ־סטרירט טראָגענדיג די העק און אייזערנע שטאַנגען אין דער הויך, מיט וועלכע זיי האָבען זיך נאָכאַנאַנד געוואָרפען אויף יודיש האָב און גוטס און עס פערניכטעט.

פיער נאָכמיטאָג האָט זיך שוין נישט מעהר געפונען קיין איינציג יודיש געשעפט אין גאַנץ וויען. אין די יודישע גאַסען איז אונמעגליך געווען דורכצוגעהען; דען אויף די טראָטואַרען זענען געלעגען פולע הויפענס מיט צעשטערטע סחורות, גלאָז פון צעבראָכענע שויבען, צעפליקטע וועש, שטיקער מעבעל און

צעטרעטענע שפייז־פּראָדוקטען. אַלע וויילע האָבען די „אַרי־שע" בעסטיעס געבראַכט צושלעפּען אַן אַנדערען יוד, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, וועמען זיי האָבען ארויפגעשליידערט אויף די הויפענס מיט צעשטערטע יודישע פערמעגענס. דער פּעבעל האָט דאַן גענומען שטיקער גלאָז און דערמיט בעוואָרפען די אונגליקליכע יודען.

ארום צעהן פאָרמיטאָג האָט זיך אָנגעהויבען דאָס פער־ברענען פון די סינאַגאָגען, שוהלען, בתי־מדרשים און חסידישע קלויזען. אין דער קליינער־און גרויסער שיף־גאַס און אין דער דערנעבענדער שיפּאַמטס־גאַס האָבען זיך געפונען ניין בתי־תפילה: „שיף־שוהל", די שוהל פון „דינסט־מענער", „אוהל־יעקב", „עושה חסד ואמת", „יסוד־התורה", רעליגיעזע „יוגענד־גרופּע", סאַנדוער־קלויז, סאַדיגורער־קלויז און וויזשניצער־קלויז. אין די אַלע בתי־תפילה האָבען די נאַצישע וואַנדאַליסטען ארייג־געוואָרפען צו פינף און צו אַכט צינד־באָמבען און באַלד האָט אַלעס גענומען פלאַקערען! אין דער שיפּאַמטס־גאַס האָט מען דריי מאָל געמוזט ארויסרופען די פייער־לעשער, דען דאָס פייער פון דער דאָרטיגער גרויסער שוהל האָט בעדראָהט די ארומיגע הייזער. אָבער די אונטערצינדער האָבען נישט געלאָזט לאָקאַ־ליזירען דאָס פייער פון דער שוהל.

הונדערטער נאַצים זענען גלייכצייטיג אריין אין די גרויסע סינאַגאָגען און שוהלען, וואָס האָבען זיך געפונען אין דער לעאָ־פּאָלדס־גאַס, טעמפּעל־גאַס, פּאַצמעניטען־גאַס, טורנער־גאַס, שטומפּער־גאַס, מילנער־גאַס און קלוקי־גאַס, וואו זיי האָבען צעבראָכען די אינערליכע איינריכטונגען, צעריסען די ספרי־תורה און דאַן האָבען זיי אויפגעריסען מיט דינאַמיט די סינאַ־גאָגען אָדער שוהלען. אין מאַנכע ערטער האָט מען געצוואונ־גען די גבאים זיי זאָלען אַליין אונטערצינדען די שוהלען. אין דער הערמינען־גאַס האָט מען צוזאַמענגעטראָגען צעהנדליגער ספרי־תורה און זיי אונטערגעצונדען. אַלע וויילע האָט דער מאָב

געבראַכט פריש ברען־מאַטעריאַל, דאָס הייסט פרישע טראַנס־פּאָרטען מיט ספרי־תורה, גמרות, סידורים און אַנדערע ספרי־קודש און זיי געוואָרפען אויפ׳ן פייער. דער דאָזיגער שייטער־הויפען האָט געפלאַקערט פון דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג ביז שבת אין דער פריה...

די יודישע גאַסען אין וויען האָבען דעמאָלט געמאַכט אַן ערשיטערענדען איינדרוק, בעזונדערס אין אָוונד. אין די יו־דישע הייזער איז געווען שטאָק־פינסטער; זייערע פענסטער, וועמענס שויבען די כוליגאַנעס האָבען אויסגעשלאָגען, זענען געווען פערהאָנגען מיט שוואַרצע טיכער, אום גישט צו זעהען די פייער־צונגען פון די ברענענדע שוהלען. די גאַסען זענען אויך געווען אָנגעפילט מיט שטיקענדען רויך און דערביי האָבען זיך די יובעל־געוואַלדען פון ווילדען מאָב געטראָגען אויף ווייט און ברייט.

בעוואָפענטע נאַצי־יונגען זענען אַרוים אויפ׳ן צענטראַלען יודישען „פריעדהאָף" (בית־עולם) און דעמאָלירט די גיגאַנטישע „לייכענהאַלע", וואו עס פלעגען געפּראַוועט ווערען יודישע לויות. מעהרערע מתים וואָס זענען דאָרט געלעגען זענען צע־ריסען געוואָרען מיט דינאַמיט אויף שטיקער. איין אויסוואורף האָט אויך אַרונטערגעריסען די תכריכים פון אַ טויטע פרוי און ערלעדיגט אויף איהר אַ נאַטירליך בעדערפניש...

פאַרנאַכט האָט דאָס „דייטשע נאַכריכטען ביוראָ" פּובלי־צירט פאָלגענדען אָפיציעלען קאָמוניקאַט:

„. . . אין אונצעהליגע שטעדט (פון דייטשלאַנד־עסטרייך) זענען היינט דורכגעפיהרט געוואָרען ספּאָנטאַנע מאַניפעסטאַ־ציעס געגען יודען. דער המון האָט אונטערגעצונדען שוהלען אין דעם גרעסטען טייל פון די שטעדט. אין פילע ערטער האָבען די פייער־לעשער בעוויזען נאָר צו פערהיטען, אַז די אַרומיגע הייזער זאָלען זיך נישט אָנצינדען. מען האָט אויך צעשטערט און פערניכטעט יודישע געשעפטען און אין פילע

פֿאַלען האָט מען זיי אויך אונטערגעצונדען — אזוי שטאַרק איז געווען דער אויפבראויז פון׳ם פֿאָלקס־צאָרן״.

⁂

נאָר דאָס „ריכטיגע״ האָט זיך ערשט אָנגעהויבען אין אָוונד, ווען מען האָט שוין געהאַט אַרעסטירט פופציג טויזענד יודען, דערונטער איבער דריי טויזענד פרויען.

שוין ביים אַריינפיהרען די אַרעסטירטע אין די „ברוינע־הייזער״ זענען זיי געוואָרען ברוטאַל געשלאָגען. פאַר׳ן איינגאַנג זענען געשטאַנען צוויי רייהען מיט כוליגאַנעס, וועלכע האָבען געשלאָגען מיט אייזערנע שטאַנגען די דורכגעהענדע יודען. אין דער צעלע זענען געלעגען הונדערטער יודען און זיך געקורטשעט פאַר שמערצען, פון די קלעפּ וואָס זיי האָבען בעקומען ביים אַריינגעהען אין „ברוינעם־הויז״, און אַלע ווײלע האָט מען אַריינגעשטויסען פרישע גרופּען פון צעבלוטיגטע און שווער־פערלעצטע יודען.

צווישען אָט די רייהען מיט כוליגאַנעס, וואָס האָבען גע־שלאָגען די יודען, האָבען זיך אויך געפונען פיעלע נאַצי־פרויען.

די פופציג־יעהריגע יודישע פרוי וואַסערפּאָגעל איז אַרעס־טירט געוואָרען אַכט אוהר אין דער פריה. אין אָוונד זענען צוויי נאַצים אַריינגעקומען אין איהר צעלע. זיי האָבען זי אַני־דערגעלעגט אויף דער ערד און אָנגעהמענדיג ביי די האָר פון איהר קאָפּ — האָבען זיי זי אַרומגעשלעפּט איבער דעם גאַנצען צימער. ווען די געפּייניגטע פרוי איז געבליבען ליגען אין אַ קאַלוזשע מיט בלוט האָבען די פערברעכער גענומען אונריי־ניגקייטען און איהר אַריינגעשטופּט אין מויל. אַ צווייטע יודישע פרוי פון דער זעלבע צעלע איז ווידער געוואָרען געצוואונגען צו רייניגען קלאָזעטען מיט די בלויזע הענד.

אויף איין אָרט האָט מען צו די אַרעסטירטע יודישע פרויען און מיידלעך אַריינגעפיהרט עטליכע „אַרישע״ פּראָסטיטוטקעס,

וועלכע האָבען זיך אויסגעטהון נאַקעט, און אויך די יודישע פרויען האָבען זיך געמוזט אויסטהון נאַקעט; דאַן האָבען די פּראָסטיטוטקעס גענומען טרייבען מיט די יודישע פרויען, אין דער געגענוואַרט פון די נאַצי־אויסוואורפען, פערשידענע עקעל־האַפטע נימפאָמאַנישע אָרגיעס...

אין דריטען בעצירק האָט מען גענומען אַ 24־יעהריג יודיש מיידעל, וועלכעס מען האָט אויסגעטהון נאַקעט, געבונדען איהר די הענד און געפּייניגט מיט געוויסע אַבשוילִיכע אַקטען אויפ׳ן סעקסועלען באַדען. ווען דאָס מיידעל איז שוין געלעגען אַ פער־חלש׳טע האָט מען איהר אריינגעלעגט אַ ברענענדען פּאַקעל אין געשלעכטס־אָרגאַן . . .

אין 20־סטען בעצירק האָט מען געפאַנגען צוויי הונדערט יודישע פרויען, וועלכע מען האָט אריינגעפּאַקט אין אַ קעלער און געפּייניגט אַ גאַנצע נאַכט. מען האָט זיי געצוואונגען אויס־צוטהון די קליידער, זאָגאַר די העמדער און צו טאַנצען אַ „נאַ־קעטען־טאַנץ", האַלטענדיג דערביי איין פוס אויסגעשטרעקט נאָך פאָרענט. איין פרוי האָט זיך ענטזאגט צו פאָלגען. האָט מען פון איהר אַרונטערגעריסען די קליידער, איהר געבונדען די הענד און פיס און זי אַרויפגעלעגט אויף אַ טיש, צו וועלכען יעדע אַנוועזענדע פרוי האָט געמוזט צוגעהען און איהר אָנ־שפּייען אין געזיכט.

צו דער „געשטאַפּאָ" אין דער פראַנצענסבריקען־שטראַסע האָט מען געבראַכט אַ פּאָפּולערען יודישען ספּאָרטלער, איבער וועלכען פינף נאַצים האָבען געוואָלט דורכפיהרען אַ געוויסע שענדליכע „אָפּעראַציע". אזוי ווי אָבער דער יודישער ספּאָרט־לער האָט געשטעלט אַ הארטנעקיגען ווידערשטאַנד, האָבען איהם די פערברעכער אַרויסגעוואָרפען דורכ׳ן פענסטער פון דריטען שטאָק אויף דער גאַס, וואו ער איז געבליבען ליגען טויט אויפ׳ן אָרט.

אין דער פּראַטער־שטראַסע האָט מען אָנגעפילט אַ קעלער

מיט וואַסער און דאָרט אַריינגעפּאַקט פופציג יודען, פון וועלכע נאָר צוואַנציג זענען אַרויסגעקומען גאַנץ. די איבעריגע זענען ענטוועדער געשטאָרבען אָדער משוגע געוואָרען. אין דער זעלבער גאַס האָט מען אַריינגעפיהרט דריי הונדערט יודען אין אַ גרויס צימער, וואו מען האָט אַריינגעלאָזט דאַמף, פון וואָס צעהנדליגער יודען זענען דערשטיקט געוואָרען.

אין דער אויסשטעלונגס־שטראַסע איז מען געקומען אַרעס־טירען אַ יונג יודיש פּאָר־פאָלק, וועמען מען האָט שוין געטראָפען ליגען אין די בעטען. ביידע, מאַן און פרוי, זענען דאַן אַרויס־געוואָרפען געוואָרען דורכ'ן פענסטער אויף דער גאַס.

נאָר דאָס אַלץ איז גול אין פערגלייך מיט דעם, וואָס עס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין די „ברוינע־הייזער” און קאַזאַרמעס וואָס האָבען זיך געפונען אין דער פּראַמער־גאַס און ביים וועסט־באַהן־הויף. טויזענדער יודען זענען דאָרט צונויפגעדריקט גע־וואָרען אין אַזאַ ענגשאַפט, אַז עס איז אונמעגליך געווען צו ריהרען מיט אַן אבר. אַזוי זענען זיי געשטאַנען טעג און נעכט אָהן עסען און אָהן אַ טראָפּען וואַסער. יעדעס מאָל האָט מען אַרויסגענומען אַן אַנדערע גרופּע יודען, וועלכע איז אַריינגע־פיהרט געוואָרען אין אַ ספּעציעלער טאָרטורען־קאַמער, וואו מען האָט געפּייניגט מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. מען האָט געריסען מיט צוואַנגען די האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד, מיט־רייסענדיג שטיקער פליש. די געפּייניגטע זענען צוריקגעקומען בעגאָסענע מיט בלוט און האַלב טויט. אָבער מאַנכע זענען אי־בערהויפּט נישט מעהר צוריקגעקומען. די אינקוויזיציע־וואַכען האָבען זיך געוועקסעלט אַלע פּאָר שטונדען און יעדע באַנדע האָט מיטגעבראַכט אַנדערע פּייניגונגס־מעטאָדען. מען האָט גע־צוואונגען די יודישע אַרעסטאַנטען זיי זאָלען פּייניגען איינער דעם אַנדערען. איינער דעם אַנדערען זאָל שפּייען אין געזיכט, שלאָגען און טרעטען מיט די פיס. טאַטעס האָבען געמוזט שלאָגען זייערע אייגענע קינדער, און קינדער — זייערע טאַטעס.

מען האט אויך מיט זיי געמאכט „גימנאסטישע איבונגען", וועל־כע זענען בעשטאנען אין טאנצען אויף איין פוס אדער קריכען אויף אלע פיער און דערביי „זינגען" אין כאר: „איך, פערפלוכ־טעם יודישע חזיר האב ערמארדעט ראט'ן!"...

אויב א יוד איז געפאלען אין אהנמאכט, האט מען איהם צוגעשלעפט צום וואסער־קראן און אבגעגאסען מיט א שטראם קאלט וואסער. איין פער'חלש'טער יוד, וואס האט אויך נאכ'ן „קאלטען טוש" נישט ארויסגעוויזען קיין לעבענס־צייכען, איז ארייגעלעגט געווארען אין א קויש, אין וועלכען מען האט איהם ארויסגעווארפען דורכ'ן פענסטער אין הויף אריין!

אבער נישט בלויז אין די טארטורען־קאמערען האט מען גע־פייניגט, נאר אויך אין די אלגעמיינע צעלען און אויף די שטיגען, וואו עס זענען געלעגען טויזענדער פערשמאכטע יודען. אלע ווילע האבען זיך ארייגעריסען צעהנדליגער נאצי־שטורמיסטען און געשלאגען מיט אייזערנע שטאנגען, לעדערנע רימענס און מיט די קאלבעס פון ביקסען, אויסנאהמלאז, יעדען יוד. מען האט די יודען אוועקגעשטעלט צווישען צוויי רייהען מיט שטורמיס־טען, וועלכע האבען יעדען בעזונדער געשטעלט די זעלבע פרא־גען, און וואס דער יוד האט נישט געזאלט ענטפערען, האט אלץ נישט געטויגט — האט מען איהם אלץ געשלאגען.

שטורמיסט: זאג, יוד, וואס פאר א בערוף האסטו?

יוד: איך בין א סוחר.

שטורמיסט: דו ביזט א סוחר? א שווינדלער ביזטו! און וויפיעל קינדער האסטו?

יוד: פינף.

שטורמיסט: אהא! דו פערראונרייניגסט מיר מיט דיינע חזירים דאס ארישע וועזען!

דאן צו א צווייטען יוד: —

שטורמיסט: און דו, יוד, וואס פאר א בערוף האסטו?

יוד: איך בין אן ארבייטער.

שטורמיסט : די ביזט אַן אַרבייטער ? אַ פערדרעטעטער ביז־טו ! דו ווילסט נישט האַנדלען אום נישט צו צאַהלען דעם אַרישען שטאַאַט קיינע שטייערען ! און וויפיעל קינדער האָסטו ?

יוד : איבערהויפט נישט.

שטורמיסט : אַהאַ ! דו ווילסט נישט האָבען קיינע קינדער, ווייל עס ווילט זיך דיר האָבען אַ לייכט לעבען !

און דאַן צו אַ דריטען יוד : —

שטורמיסט : און דו, פערפלוכטער יוד, וואָס פאַר אַ בערוף האָסטו ?

יוד : איך בין אַן אַדוואָקאַט.

שטורמיסט : נו, דו האָסט שוין פערשטאַנען ווי צו מאַכען דעם ריכטיגען „יודישען דרעה". און וויפיעל קינדער האָסטו ?

יוד : איין קינד.

שטורמיסט : אַהאַ ! און ביי וועלכען יודישען דאָקטאָר לאָזט זיך דיין שמוציג ווייב מאַכען די פערבאָטענע אַבאָרטען ?

נאָך יעדען „אַהאַ !" זענען געקומען שמיץ מיט שפּיצרוטען איבער די קעפּ, אַז נישט איין יוד האָט זיך בעגאָסען מיט בלוט.

אין דער קאַזאַרמע ביים וועסט־באַהן־הויף האָט מען אַרונ־טערגעצויגען די קליידער פון די אַרעסטירטע יודען און זיי גע־שמיסען מיט לעדערנע רימענס איבער'ן נאַקעטען קערפּער, ביז די הויט האָט זיך אַראָבגעשיילט און דער גאַנצער קערפּער האָט זיך געוויקעט אין בלוט און אייטער. אין דער קאַריאַן־גאַס האָט מען אַזוי געפּייניגט די יודען, אַז צעהנדליגער פון זיי זענען בע־גאַנגען זעלבסטמאָרד, דורך אַרונטערשפּרינגען פון פינפטען שטאָק אין הויף אַריין.

אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אויף פרייטאָג, דעם 11־טען נאָוועמבער, זענען פינף יודישע זקנים אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן יודישען בית־עולם און זענען דאָרט בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פרייטאָג אין דער פריה זענען פאַר די אינקוויזיציע־הייזער

פערפאַהרען לאַסט-אויטאָס, וועלכע האָבען אָוועקגעפיהרט די טויטע קערפּערס פון די פערפייניגטע יודען צום קרעמאַטאָריום אָדער צום דאָנאַו-קאַנאַל...

דער בילאַנס פון יענעם טראַגישען 10-טען נאָוועמבער איז פאָלגענדער: אונגעפעהר זעקס הונדערט יודען זענען ערמאָר־דעט געוואָרען. דריי טויזענד יודען זענען פערלעצט געוואָרען, דערונטער זיבען הונדערט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זענען גע־בליבען אייביגע קריפּעלס. אַלע יודישע געשעפטען, אין דער צאָהל פון אַכט טויזענד (וואָס האָבען נאָך ביז דעמאָלט עקזיס־טירט) זענען צעשטערט געוואָרען. אויף צוואַנציג טויזענד יודי־שע וואוינונגען זענען אויסגעפיהרט געוואָרען רויב-אָנפאַלען. אויסער דעם זענען צוויי-און-צוואַנציג גרויסע סינאַגאָגען און אַכציג קלענערע שוהלען און בתי-מדרשים גענצליך פערברענט געוואָרען. איבער הונדערט ספרי-תורה זענען פערברענט גע־וואָרען אויפ׳ן שייטער-הויפען, און אויך דאָס צענטראַלע יודישע בית-עולם אין 11-טען בעצירק און דאָס היסטאָרישע בית-עולם אין 9-טען בעצירק זענען פערשוועכט געוואָרען.

עס מוז אָבער דאָ בעמערקט ווערען, אַז דער דאָזיגער גרויל־האַפטער בילאַנס בעציהט זיך נאָר אויף וויען אַליין!

⁂

פון אַ פערלעסליכער קוועלע האָט מען מיר איבערגעגעבען, דאָס אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאָג, דעם 10-טען נאָוועמבער, האָט דער „גאַו-לייטער" פון דער נאַצי-פּאַרטיי אין וויען, דער יודען-מערדער גלאָבאָטשניק, צוזאַמענגערופען זיינע אונטערגעאָרדענטע באַנדיטען און זיי מיטגעטיילט, דאָס לויט אַ בעפעהל פון בערלין, איז ער פאַר זיי מפקיר אויף גאַנצע 24 שטונדען דאָס פערמעגען און לעבען פון אַלע וויענער יודען!...

⁂

די פייניגונגען זענען אויך שפּעטער פאָרטגעזעצט געוואָרען. זונטאָג, דעם 13-טען נאָוועמבער, ביינאַכט האָט מען איבערגע־

פיהרט פינף הונדערט יודען פון דער קאַריאַן־גאַס אין די קעלע־רען פון פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויף דער עליזאַבעט־פּראָמענאַ־דע. די יודען זענען אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען מיט די געזיכטער צו דער וואַנד. אַרום צוויי בייגאַכט איז אָנגעקומען דער „פיה־רער" פון דער אינקוויזיטאָרען־באַנדע און געפרעגט, וועלכער יוד עס קען זינגען. אין דעם מאָמענט איז דער אויבער־קאָנטאָר פּרעגקעל אַרויסגעטרעטען פון דער רייה און אָנגעהויבען צו זינגען די אַריע „פאַרוואָס לייד איך?" פון דער אָפּערע „די יידין"... ווערענד זיין זינגען האָט אין די קעלערען געהערשט אַ טויטע־שטילקייט, וועלכע איז נאָר מאָמענטענווייז איבערגע־ריסען געוואָרען דורך די טיעפע קרעכצען און שלוכצען פון די פערמאַטערטע יודען.

דינסטאָג, דעם 15־טען נאָוועמבער, האָט מען אָנגעהויבען צו טראַנספּאָרטירען די אַרעסטירטע יודען קיין דאַכאַו, בוכענ־וואַלד און זאַקסענהאַוזען, וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאַנד, און וואו עס געפינען זיך די גרויזאַמסטע קאָנצענטראַציע־לאַגע־רען. די צאָהל פון די טראַנספּאָרטירטע יודען האָט דערגרייכט ביז פונפצעהן טויזענד. דער גרעסטער טייל איז געשיקט גע־וואָרען קיין דאַכאַו.

ווערענד דער רייזע זענען די יודען ווידער געפייניגט גע־וואָרען מיט אַ ביישפּיעללאָזער גרויזאַמקייט. איבער צוויי טוי־זענד יודען זענען אַריינגעזעצט געוואָרען אין געשלאָסענע פיה־וואַגאָנען, וועלכע מען האָט אַבזיכטליך שטאַרק איינגעהייצט און דאָרט זענען זיי געלעגען 24 שטונדען אָהן עסען, אָהן וואַסער און אָהן לופט. די אונגליקליכע יודען זענען איינפאַך פערברענט געוואָרען פון דורשט. זייערע אונאויפהערליכע קרעכצען „וואַסער!" „וואַסער!" — האָבען געקענט הימלען שפּאַלטען. אָבער די נאַצי־סאַדיסטען האָבען זיך נאָך געגרייצט מיט די פערשמאַכטע יודען. אויף יעדער באַהן־סטאַנציע האָבען זיי גענומען פלעשער מיט וואַסער, זענען אַריין צו די יודען אין

די וואַגאָנען און זיי געפרעגט: „וואָס ווילט איהר, יודען, וואַסער? — דאָ האָט איהר וואַסער!". די יודען האָבען דאַן אויסגעשטרעקט די הענד צו נעהמען דאָס וואַסער, אָבער אין דעם אויגענבליק זענען די סאַדיסטען אַרויסגעשפּרונגען פון די וואַגאָנען און אויסגעגאָסען דאָס וואַסער אויפ׳ן פּעראָן.

אין די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען האָט מען ווידער געצוואונגען די יודען צו זיצען שטונדען־לאַנג בעוועגלאָז און קוקען אין עלעקטרישען ליכט. ביי מאַנכע יודען האָט מען געברענט די הויט פון רוקען און אונצעהליגע זענען אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פונ׳ם לויפענדען צוג.

די פיינינגער האָבען אַלע ווײַלע אויסגערופען, ווער עס מעלדעט זיך פרייוויליג דערשאָסען צו ווערען. די יעניגע יודען, וואָס האָבען זיך געמאָלדען, זענען באַלד דערשאָסען געוואָרען און זייערע קערפּערס האָט מען אַרויסגעוואָרפען דורכ׳ן פענסטער.

עס איז נאָכהער פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז בלויז אין איין וואַגאָן זענען ווערענד דער רייזע ווינ־דאַכאַו ערמאָרדעט געוואָרען דרייסיג יודען. צעהנדליגער יודען זענען אין מיטען וועג וואַהנזיניג געוואָרען פון ליידען דורשט; האָט מען זיי דערשאָסען אין צוג און אַרויסגעוואָרפען אויפ׳ן פרייען פעלד.

דאָרט אין דאַכאַו זענען שוין הונדערטער שטורמיסטען געשטאַנען ביים באַהן־הויף און אָבגעוואַרט דעם צוג מיט די אַרעסטירטע יודען. צעהנדליגער שטורמיסטען האָבען זיך געשטעלט וויז־אַ־ווי און אויף דער לינקער זייט פון יעדען וואַגאָן, האַלטענדיג דערביי אָנגעשטעלט די ביקסען מיט אַרויפגעזעצטע באַגנעטען צו די אויסשטייגענדע יודען, אַזוי אַז די לעצטע האָבען פאַר זיך געהאַט נאָר אַ שמאָלען דורכגאַנג אויף דער רעכטער זייט. אויסשטייגענדיג פון צוג האָבען די יודען געמוזט אַכטונג געבען נישט צו מאַכען קיין צו האַסטיגען אָדער צו ווייטען שפּרונג, ווייל אין געגענפאַל וואָלטען זיי דאָך געשטאָכען געוואָרען פון

די אויסגעשטערקטע באַנגעטען. איין עלטערער יוד, וואַלטער בראַון, האָט אָבער אין אָגבליק פון דער געפאַהר פערלוירען דאָס גלייכגעוויכט און זיך אויסגעגליטשט, אַרויספאַלענדיג פון וואַגאָן אויף דער ערד. די שטורמיסטען האָבען דאַן גענומען שרייען צו די איבעריגע יודען אין וואַגאָן, זיי זאָלען שנעלער אויסשטייגען, און אַזוי זענען פיעלע יודען אַרויפגעשפרונגען אויף דעם ליגענדען יוד און איהם צעטרעטען אויף טויט.

נאָכהער האָט מען גענומען טרייבען די יודען צום קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. מען האָט זיי דאַן געוואָרענט, דאָס אויב עס וועט זיך איינער דערוואַגען אומצוקוקען אָדער צו בלייבען שטעהען — וועט מען איהם דערשיסען. אָבער טראָצדעם וואָס די יודען זענען אונאויפהערליך אָטעמלאָז געלאָפען, האָבען די נאַצי־פערברעכער פונדעסטוועגען געהאַגעלט אויף זיי מיט פייער, אַז באַלד איז דער גאַנצער וועג פון באַהן־הויף ביז צום קאָנצענטראַציע־לאַגער געווען בעלעגט מיט צעהנדליגער דער־שאָסענע יודען.

⁂

מיר האַלטען יעצט ביים קאַפּיטעל: קאָנצענטראַציע־לאַגער. אום צו שילדערען דאָס גיהנום פון די דאָזיגע אינקווי־זיציע־פּלעצער וואָלט איך געמוזט אָנשרייבען אַן עקסטרא דיק בוך; דען קאָנצענטראַציע־לאַגער בעדייט — אַן אונענדליכע קייט פון סאַדיסטישע פייניגונגען, פון שווידערליכער מערטירעריי, וואַהנזיניגע ליידען הונגער און דורשט, פון ליידען אונערטרעג־ליכע קעלטען אָדער היצען, וואָס קיינער אויסערהאַלב דעם גיהנום וועט זיך דאָס גאָר נישט פאָרשטעלען! נאָר איך וועל דאָ פונדעסטוועגען געבען אַ קורצע שילדערונג פון דעם רעזשים וואָס הערשט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען:

פינף פאַרטאָג ווערען די אינטערנירטע געוועקט פון שלאָף. שנעל ווערען די שטרוי־זעק צוזאַמענגענומען און אין פינף מי־נוטען אַרום מוזען שוין אַלע שטעהען אויף די פיס. נאָכהער

געהט מען זיך וואַשען, וועלכעס קומט פאַר אונטער'ן פרייען הימעל און צו וועלכען מען מוז זיך אויסטהון האַלב נאַקעט, סיי אין זומער און סיי אין ווינטער, אין געגענפאַל ווערט מען שטרענג בעשטראָפט.

גלייך נאָך דעם וואַשען ווערט געפריהשטיקט. יעדער איינער בעקומט אַ פונט ברויט (דאָס איז שוין אויף אַ גאַנצען טאָג) און אַ גלאָז שוואַרצען קאַפע. זעקס אוהר געהט מען צום „צעהל-אַפּעל", וואָס דויערט צוויי שטונדען; און אַלע מוזען געצעהלט ווערען — זאָגאַר די טויטע. די יעניגע אינטערנירטע, וואָס זענען ביינאַכט געשטאָרבען, ווערען אין דער פריה אַריינגעלעגט אין קאַסטענס און אַוועקגעשטעלט צווישען די רייהען מיט די לעבענדע מענשען און צוזאַמען געצעהלט. עס קען אָבער פּאַסירען, אַז דער „צעהל - אַפּעל" זאָל דויערען צעהנדליגער שטונדען. אַזאַ פאַל האָט פּאַסירט אין 23-סטען יאַנואַר, 1939. אַלע יודען וואָס האָבען זיך דעמאָלט געפונען אין דאַכאַוער קאָנצענטראַציע-לאַגער האָבען געמוזט שטעהען אויף די פיס— אָנגעטהון אין לייכטע זומערדיגע פּידזשאַמעס און ביי צעהן גראַד אונטער נול — פון 23-סטען יאַנואַר זעקס פאַרטאָג ביז צומאָרגענס צעהן פאָרמיטאָג. אַלזאָ, 28 שטונדען!

אין יענער נאַכט האָבען הונדערטער יודען פערלוירען זייער לעבען אויף די פעלדער פון דאַכאַו!

נאָך דעם „צעהל-אַפּעל" געהט איין טייל צו דער אַרבייט, ווי האַקען שטיינער אָדער שלעפּען וועגענער מיט זאַמד און דער צווייטער טייל מאַכט „גימנאַסטישע איבונגען", וועלכע בעשטעהען אין אַן אונאויפהערליך לויפען אַרום אַ ריזיג גרויסען פּלאַץ. דאָס אַלעס דויערט ביז צוועלף. דאַן קומט אַ מיטאָג-פּויזע פון צוויי שטונדען. נאָך דער פּויזע ווערט ווידער געאַרבייט און געלאָפען ביז האַלב פינף. פון האַלב פינף ביז פינף איז אַ צווייטע פּויזע, און נאָכהער ווערט שוין געאַרבייט און געלאָפען ביז ניין, אָדער מאַנכעס מאָל ביז צעהן, אין אָוונד.

ווערענד דער ארבייט און דעם לויפען — פאלען קלעפּ און גראָבע זידלערייען.

אין קאָנצענטראַציע־לאַגער הערשט פּערמאַנענט שטאַנד־רעכט. פאַר איבערשרייטען די בעשטימטע גרעניצען פון'ם לאַגער ווערט מען אויפ'ן אָרט דערשאָסען. די אינטערנירטע מוזען זיך שטענדיג געפינען אין אַ געוויסער דיסטאַנץ פון די נאַצי־וועכטער. אויב איינער קומט דריי שריט נאָהנט צום וועכטער — ווערט ער גלייך דערשאָסען. אויסער דעם איז נאָך פערהאַנען אַ סעריע פון שטראָפען פאַר די „פערזינדיגטע". מיר ברענגען דאָ אַלס מוסטער איניגע אַזעלכע שטראָפען: 1) „אָנ־בינדען". דער „פערזינדיגטער" ווערט צוגעבונדען צו אַ בוים און געשלאָגען; 2) „וואַשען דעם קאָפּ". דער „פערזינדיגטער" ווערט אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים, מיט די פיס ארויף און קאָפּ אראָב, און דער קאָפּ ווערט דאַן אריינגעשטעקט אין אַ פאַס מיט וואַסער; און 3) „קאַמער 25". עס איז פערהאַנען אַ ספּע־ציעלע קאַמער מיט דעם נאָמען „קאַמער 25", וואו מען קריעגט 25 שמיץ און פונוואַנען קיינער קומט נישט מעהר ארויס צוריק לעבענדיג.

די „זינד" קען בעשטעהען דערין וואָס דער שטרוי־זאַק איז נישט געוואָרען זאָרגפעלטיג צוזאַמענגעלעגט, אָדער ווייל מען איז נישט געשטאַנען שטראַם ביים „צעהל־אַפּעל".

די אינטערנירטע טראָגען נאָר פיער קליידונגס־זאַכען: אַ העמד, אונטער־הויזען, אַ דינע פּידזשאַמע און שיך. אין די דאָזיגע „קליידער" מוזען זיי זיך אויפהאַלטען דעם גאַנצען טאָג אין דרויסען. מעג עס רעגענען אָדער שנייען, טאָר מען אַלץ נישט אַריינגעהען אין די באַראַקען. פאַר ארונטערשאַרען דעם שנעע פון'ם קאָפּ — קומט מען גלייך אין דער „קאַמער 25".

איינמאָל האָט אַ וועכטער געשלאָגען דעם יודישען דאָקטאָר לעווי. אין אַ געוויסען מאָמענט האָט דער לעצטער אויפגע־הויבען די הענד אום צו שיצען זיך געגען אַ קלאַפּ. דערויף האָט

דער וועכטער געגומען שרייען: „דו יודישער פערברעכער, דו ווילסט שטעלען אַ ווידערשטאַנד?!” און ער האָט איהם דער־שאָסען . . .

זעהר אָפט רופט מען צוזאַמען איניגע יודען און מען זאָגט זיי, אַז זיי זענען פריי. אָבער ווען די יודען דערנעהנטערען זיך צום אויסגאַנג פונ׳ם לאַגער, ווערט אויף זיי געעפענט אַ פייער און אַלע ווערען דערשאָסען. נאָכהער ווערט אַרויסגעגעבען אַ קאָמוניקאַט, אַז די בעטרעפענדע יודען „זענען דערשאָסען גע־וואָרען אויפ׳ן וועג צום אַנטלויפען” . . .

איינמאָל האָט דער הויפט־וועכטער גערופען צו זיך צעהן יודען, וועלכע ער האָט ערקלערט, דאָס אויב זיי וועלען ברענגען יעדער צו טויזענד מאַרק, וועלען זיי בעפרייט ווערען. די יודען האָבען באַלד געשריבען צו זייערע נאָהנטע, מען זאָל אַלעס פערקויפען און זעהען צו שיקען די טויזענד מאַרק. ענדליך האָבען זיי בעקומען דאָס געלד, מיט וועלכען זיי זענען שנעל געלאָפען צום הויפט־וועכטער, זייענדיג זיכער אַז ער וועט זיי יעצט בעפרייען. יענער האָט צוגענומען דאָס געלד און גע־הייסען די יודען אַהיים פאָהרען. אָבער ווי נאָר די יודען האָבען זיך געלאָזט געהען צום אויסגאַנג — האָט דער זעלבער הויפט־וועכטער גענומען שרייען: „וואָס? איהר ווילט גאָר אַנט־לויפען?” און ער האָט געגעבען אַ בעפעהל מען זאָל זיי דער־שיסען, וואָס איז אויך אויסגעפיהרט געוואָרען . . .

עטליכע מאָהל זענען צעהנדליגער יודען געיאָגט געוואָרען צו די ווענד, אויף וועלכע עס געפינט זיך דראָהט, וואָס איז אָנגעגליהט מיט עלעקטרישען שטראָם. די יודען זענען צוגע־דריקט געוואָרען צו די וואַנד און עלעקטריזירט געוואָרן אויף טויט. דעם 58־יעהריגען יוד וויעלסקי, וועלכער איז וואַהנזיניג געוואָרען פון די שלעג, האָט מען געהייסען לויפען צו אַ וואַנד מיט עלעקטרישען דראָהט און דאָרט איז ער אומגעקומען.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דאַכאַו, בוכענוואַלד

און זאַקסענהאַוזען האָבען זיך נאָכ'ן 10־טען נאָוועמבער גע־פונען זעכציג טויזענד יודען. צוואַנציג טויזענד פון עסטרייך (דערונטער פינף טויזענד פון פריהער) און פיערציג טויזענד פון דייטשלאַנד. אין דאַכאַו אליין האָבען זיך געפונען אונגעפעהר פינף־און־צוואַנציג טויזענד יודען. דאָס קען מען זעהען פון פאָלגענדער סטאַטיסטיק: דאָס דאַכאַוער קאָנצענטראַציע־לאַ־גער בעשטעהט פון דרייסיג בלאָקען, יעדער בלאָק ענטהאַלט פיער „שטובען" און אין יעדער „שטוב" האָבען זיך געפונען צוויי הונדערט און אַכט אינטערנירטע יודען.

נאָר אונז אינטערעסירט מעהר אַ צווייטע סטאַטיסטיק: דורכשניטליך זענען אין פערלויף פון צוויי מאָנאַטען ערמאָרדעט געוואָרען צעהן יודען אין יעדער „שטוב". אויב אַזוי — שטימט פולשטענדיג די אינפאָרמאַציע וואָס מען האָט מיר איבערגע־געבען, אַז אין דער צייט פון 16־טען נאָוועמבער, 1938, ביז דעם 15־טען יאַנואַר, 1939, זענען אין דאַכאַו ערמאָרדעט גע־וואָרען צוועלף הונדערט יודען!

## יאַנואַר 1939 — יאַנואַר 1941

נאָך די באַרבאַרישע פּאַגראָמען פון 10־טען נאָוועמבער (1938) האָט עס געהייסען, אַז אין עסטרייך איז שוין רוהיג. דאָס הייסט, אַז דער שטריק, מיט וועלכען די נאַצים האָבען אַרומגעוויקעלט די יודישע העלזער, איז עטוואָס לויזער געוואָרען. אָבער ווי האָט עס אויסגעזעהען אין דער ווירקליכקייט?

מיר וועלען דאָ געבען אין קורצע שטריכען אַן איבערבליק איבער דער לאַגע, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען די יודען אין עסטרייך, אין פערלויף פון ערשטען יאַנואַר 1939 ביז דעם היינטיגען טאָג, דאָס הייסט ביז ענדע דעצעמבער פון 1940, ווען די צייַלען ווערען געשריבען.

„קען־קאַרטען". אָנפאַנג 1939 האָט די וויענער נאַצי־מאַכט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, דאָס יעדער יוד, סיי מאַן און סיי פרוי, מוז בעזיצען אַ „קען (דערקענונגס) קאַרטע". דאָס איז אַ ספּעציעלער אידענטיטעטס־פּאַס, וואָס איז גילטיג נאָר פאַר אינלאַנד. אום צו בעקומען אַזאַ „קען־קאַרטע" האָט מען פריהער געמוזט איינצאָהלען דריי מאַרק. אַזוי אַרום האָט די נאַצי־רעגירונג ווידער געקענט אַרויסשלעפּען פון „איהרע" יודען אַ היבשע סומע געלד. אָבער נישט דאָס בין איך אויסען צו ערצעהלען. פיעל וויכטיגער איז דער פאַקט, ווי אַזוי מען האָט אַרויסגעגעבען די „קען־קאַרטען". איידער מען האָט בעקומען די „קען־קאַרטע" האָט יעדער איינער געמוזט פריהער ווערען זעקס מאָל אָבפאָטאָגראַפירט, — דריי מאָל אין די קליידער און דריי מאָל מוטער־נאַקעט. צו דעם צוועק האָט די וויענער נאַצי־פּאַרטיי אַנגאַזשירט אַ שטאַב פון נאַצי־יונגען

און נאַצי־מוידען. די יודישע מענער זענען אַכפּאַטאָגראַפירט געוואָרען דורך די פרעכע נאַצי־מוידען און די יודישע פרויען — דורך די נידערטרעכטיגע נאַצי־יונגען, און ווי בעטאָנט: דריי מאָל אין די קליידער און דריי מאָל — גאַנץ נאַקעט...

ווען די יודישע פאַרשטעהער האָבען אינטערווענירט ביי דער נאַצי־רעגירונג וועגען דער אונערהערטער פעראָרדנונג, האָבען זיי בעקומען אַן ענטפער, אַז די גערמאַנישע וויסענ־שאַפט פאָדערט עס, מען זאָל זיך גענוי בעקענען מיט אַלע דעטיילען און געהיימניסען פונ׳ם יודישען קערפּער־געבוי...

צו דער זעלבער צייט האָט די נאַצי־רעגירונג אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, וואָס איז גילטיג פאַר גאַנץ דייטשלאַנד־עסטרייך, אַז אַלע יודישע מענער מוזען אויף זייערע דאָקומענטען האָבען אויך דעם נאָמען ישראל און די יודישע פרויען — דעם נאָמען שרה.

אין די אָווענדען פון די ערשטע פאַר מאָנאַטען פון 1939 זענען אין וויען פאָרגעקומען נאָכאַנאַנד אַנטי־יודישע עקס־צעסען, די אַזוי־גענאַנטע „שטילע פּאָגראָמען". נאַצי־יונגען זענען אַרומגעפאָהרען איבער די וויענער גאַסען און וואו זיי האָבען בעמערקט אַ יוד, האָבען זיי איהם מערדעריש געשלאַ־גען. עס האָבען זיך אויך ווידערהאָלט די פאַלען פון אריינ־וואַרפען יודען אין דער דאָנאַו.

אין פריהלינג איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ שטרענגער בעפעהל, אַז אַלע יודען מוזען ליפערען צו דער רעגירונג דאָס ציהרונג, גאָלד און זילבער, וואָס איז זיי נאָך פערבליבען. אין רעזולטאַט דערפון האָט די וויענער נאַצי־פּאַרטיי אַרויסגעפיהרט קיין דייטשלאַנד זעכצעהן גרויסע קאַסטענס מיט ציהרונג, גאָלד און זילבער.

דער 60־יעהריגער שטיין־רייכער הויז־בעזיצער יודעל גראָס־באַרדט, פון וועמען די נאַצים האָבען אָוועקגענומען דאָס גאַנצע פערמעגען און איז נאָך געוואָרען גרויזאַם געפייניגט, האָט זיך

אין אַ שבת פון פריהלינג 1939 אויפגעהאַנגען אין זיין שלאָף־צימער.

מיט'ן ערשטען יולי איז פערבאָטען געוואָרען פאַר די יודען אין עסטרייך צו בענוצען זיך אין שריפט מיט דער יודישער אָדער העברעאישער שפּראַך.

אין בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער זענען צוואַנציג גייסטיג־קראַנקע יודען, דערונטער צוועלף פון עסטרייך, געהאַל־טען געוואָרען אַ לאַנגע צייט אין אַן איזאָלירטער קאַמער. ענדע יולי האָט דער הויפט־אויפזעהער פונ'ם לאַגער בעשלאָסען „אָבצורייניגען" די קאַמער פון די אונגליקליכע יודען, און עט־ליכע נאַצי־אויסוואורפען האָבען גענומען העק און צעשמע־טערט די גייסטיג־קראַנקע יודען אויף שטיקער !

(דער דאָזיגער שוידערליכער פאַקט איז מיר איבערגעגעבען גע־וואָרען פון צוויי דייטש־יודישע יונגעלייט, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט געפונען אין בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער און וועמען עס איז נאָכהער געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דאָרט קיין אויסלאַנד).

⁂

פרייטאָג, דעם ערשטען סעפּטעמבער 1939, איז אויסגע־בראָכען דער קריעג פון נאַצי־דייטשלאַנד געגען פּוילען, און שוין אין דער נאַכט פון דעם זעלבען פרייטאָג אויף שבת זענען די „געשטאַפּאָ"־אַגענטען אין וויען אַרומגעגאַנגען פון איין יודיש הויז צום אַנדערען און אַרעסטירט — אָדער ווי עס הייסט אויף זייער טערמינאָלאָגיע : „מיטגענומען" — יעדען פּוילישען יוד. אונטער דעם בעגריף „פּוילישער יוד" איז געמיינט געוואָרען יעדער יוד, וואָס האָט נאָר געשטאַמט פון פּוילען ; דאָס הייסט זאָגאַר אַזעלכע, וואָס זענען שוין יעצט נישט מעהר געוועזען קיין פּוילישע בירגער, נאָר שטאַאַטענלאָז אָדער גאָר עסטרייכישע בירגער. נאָר ווייל זיי האָבען דאָך געשטאַמט פון פּוילען, דער־פאַר זענען זיי יעצט צוגערעכענט געוואָרען צו דער קאַטעגאָריע פון „פּוילישע יודען" און מען האָט זיי אַרעסטירט.

די נאַציִשע „געשטאַפּאָ" האָט אָבער פֿערשטאַנען, אַז עס זענען אין ווין פֿערהאַנען נאָך פֿיעלע פּוילישע יודען, וועל־כע זי האָט נישט בעוויזען צו אַרעסטירען אין דער איינער נאַכט און זי האָט דעריבער באַלד צומאָרגענס, שבת בייטאָג, געמעל־דעט אין די צייטונגען, אַז יעדער יוד וואָס שטאַמט פֿון פּוילען, מעג ער יעצט זיין שטאַאַטענלאָז אָדער גאָר אַן עסטרייכישער בירגער — מוז זיך יעדענפֿאַלס מעלדען ביי דער פּאָליציי, אין געגענפֿאַל, וועט ער בעשטראָפֿט ווערען מיט דער גאַנצער שטרענגקייט.

נאַטירליך, אַז עס האָט זיך נישט געפֿונען קיין איינציגער פּוילישער יוד, וואָס האָט געוואַגט צו ריזיקירען מיט זיין לעבען, דורך נישט מעלדען זיך ביי דער פּאָליציי, און אַזוי אַרום האָבען זיך פֿרישע מאַסען פֿון פּוילישע יודען צוגעשטעלט צו דער „געשטאַפּאָ". צוזאַמען זענען שוין געווען עטליכע טויזענד אַרעסטירטע פּוילישע יודען.

לויט דער זעלבער פֿעראָרדנונג פֿון דער „געשטאַפּאָ" האָבען זיך געמוזט מעלדען, אויסנאַהמלאָז, אַלע פּוילישע יודען, וואָס זענען נאָר אין עלטער פֿון 16 יאָהר און ווייטער. מען האָט דערריי־בער געקענט זעהען צווישען אָט די אַרעסטאַנטען מאַסען יונג־לעך, וואָס מיט זייערע אויסגעבלייכטע פֿערהונגערטע געזיכטער האָבען זיי אויסגעזעהען ווי קליינע שול־קינדער; דאַן אַ גרע־סערע צאָהל זקנים פֿון 70, 80 און זאָגאָר 90 יאָהר אַלט. אויך פֿיעלע קאַליקעס, קריפּעלס און קראַנקע...

וואָס האָט די „געשטאַפּאָ" געטהון מיט די אַרעסטירטע יודען? זי האָט זיי צוערשט פֿערשפּאַרט אין די לאַגערען פֿון ווינער סטאַדיום, וואו מען האָט זיי געהאַלטען דריי וואָכען און נאָכהער האָט מען זיי גרופּענוויז איבערגעשיקט קיין בוכענוואַלד.

און עס האָט נישט גענומען קיין לאַנגע צייט ווי עס האָבען אָנגעהויבען אָנצוקומען פֿון בוכענוואַלד קיין ווין קעסטלעך

מיט אַש פון פערפייניגטע און נאָכהער פערברענטע פוילישע יודען. די צאָהל פון אַזעלכע פערפייניגטע יודען אין בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע-לאַגער איז אין יענעם ווינטער (1939-1940) געווען בעזונדערס גרויס. דאָס ווערט גאַנץ פערשטענדליך ווען מען נעהמט אין אַכט דעם פאַקט, וואָס מיר האָבען פריהער בעמערקט, אַז עס האָבען זיך צווישען די פערשיקטע קיין בוכענוואַלד געפונען מאַסען אַלטע לייט און קראַנקע, וועלכע האָבען, נאַטירליך, נישט געקענט פערטראָגען די ביטערע קעלטען, וואָס האָבען דאָרט געהערשט און די פיזישע פיין, וואָס זיי האָבען זיך דערביי געהאַט אויסצושטעהען פון די וואַהנזיניגע נאַצישע טיראַנען און קאַניבאַלען.

מיר פערזענליך זענען בעקאַנט די נעמען פון צעהנדליגער פוילישע יודען, וועלכע זענען ערמאָרדעט געוואָרען אין בוכענוואַלד אין די ערשטע זיבען מאָנאַטען פון דעם קריעג. דעם גרעסטען טייל פון זיי האָב איך גוט געקענט, ווי דעם 85-יעהריגען הערשעל פרעמינגער (בעריהמטער תלמיד-חכם), דעם 80-יעהריגען יוסף רייזער (פראָמינענטער אָרטאָדאָקסישער בעל-הבית), דעם 38-יעהריגען ראָט (זעהר אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן), דעם 32-יעהריגען רבי אברהם מערקער (בעקאַנט אַלס „בערלינער רבי״), דעם 28-יעהריגען עילוי מרדכי אַראַק (זוהן פון רוזשאַנער גאון) און פיעלע אַנדערע.

ביים צוריקשיקען דאָס אַש צו די נאָהנסטע פאַמיליע-מיטגליעדער האָבען פאַסירט טראַגי-קאָמישע סצענעס. די „געשטאַפאָ״ פלעגט זיך אָפטמאָל טועה זיין (אָדער זי האָט עס אַבזיכטליך געטהון) און פערטוישען די קעסטלעך מיט אַש. דאָס איז געשעהען אויף פאָלגענדען אופן: צוערשט איז אַ „געשטאַפאָ״-אַגענט געקומען צו די קרובים און זיי מיטגעטיילט, אַז דער בעטרעפענדער מיטגליעד פון דער פאַמיליע איז געשטאָרבען אינ׳ם בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע-לאַגער. לויט דעם רעגולאַמען וואָלט מען זיי נישט געדאַרפט אַרויסגעבען דאָס אַש פון

דעם פערשטאָרבענעם, וועמענס קערפּער עס איז באַלד פערברענט געוואָרען אינ׳ם ווייטאַרער קרעמאַטאָריום (בובענוואַלד געפינט זיך נעבען ווײמאַר), אָבער די „געשטאַפּאָ״ האָט בעשלאָסען צו „נעהמען ריקזיכט אויף די געפיהלען״ פון די איבערגעבליבענע קרובים און זי איז גרייט אַרויסצוגעבען זיי דאָס אַש פאַר אַ סומע פון דריי הונדערט מאַרק. און נאָך בעסער: די „געשטאַפּאָ״ בעגרייפט, אַז נישט יעדער יוד אין וויען פערמאָגט אין יעצטיגען מאָמענט אַזאַ סומע געלד און דערפאַר גיט זי די קרובים אַ טערמין פון פיער וואָכען, צו פערשאַפען זיך ווערענד דער צייט די דערמאָנטע סומע ביי פריינד אין אויסלאַנד און דאַן וועלען זיי אַרויסבעקומען דאָס קעסטעל מיט אַש.

פערשטעהט זיך, אַז נישט אַלע האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו פערשאַפען זיך דריי הונדערט מאַרק און זיי האָבען געמוזט איבערלאָזען דאָס אַש פון זייערע טייערסטע און נאָהנסטע ביי דער „געשטאַפּאָ״, וועלכע האָט עס אירגענד־וואו אַרויסגעוואָרפען. אָבער אויך די יעניגע וואָס האָבען יאָ איינגעצאָהלט די פערלאַנגטע סומע געלד — האָבען ערשט געהאַט ביטערע אויפרעגונגען. עס האָט, נעמליך, אָפטמאָל פּאַסירט, אַז נאָכדעם ווי די „געשטאַפּאָ״ האָט — ערהאַלטענדיג די דריי הונדערט מאַרק — שוין געהאַט אַרויסגעגעבען דאָס קעסטעל מיט אַש צו די קרובים, איז ערשט געקומען אַ „געשטאַפּאָ״־פאַרשטעהער און ערקלערט, אַז עס איז געשעהען אַ פערדרים־ליכער טעות ביים אויפשרייבען די נעמען אויף די פערשידענע קעסטלעך און אַנשטאָט צו געבען זיי דאָס אַש פון זייער קרוב — האָט מען זיי גאָר געגעבען דאָס אַש פון אַ פרעמדען.

זענען דאָך די קרובים געוואָרען פערצווייפעלט! אָבער די „געשטאַפּאָ״ האָט זיי באַלד „געטרייסט״ מיט אַן עצה: זאָל מען איהר געבען פרישע הונדערט מאַרק, וועט זי נאָכפאָרשען און פעסטשטעלען וועלכעס קעסטעל מיט אַש עס געהערט ווירקליך צו זיי.

האָט מען מיט גרויס מיה צוזאַמענגעשטעלט די הונדערט מאַרק, פאַר וועלכע מען האָט ערהאַלטען אַן אַנדער קעסטעל מיט אַש, וואָס מען האָט אויך געבראַכט צו קבורה, און צום שלום האָבען ערשט די פעריאָמערטע קרובים נישט געוואוסט אויף וועלכער וועלט זיי זענען, דאָס הייסט — אויב דאָס צווייטע קעסטעל מיט אַש איז שוין דאָס ריכטיגע, וואָס געהערט צו זיי...

אין פערלויף פון דעם זעלבען ווינטער זענען אויך צוריק־געקומען פון בוכענוואַלד קיין ווין אייניגע צעהנדליג „לעבענ־דיגע" יודען; אָבער זיי זענען געווען אַזוי „גרינדליך בעאַרבייט", אַז מען האָט זיי גלייך געמוזט אַריינגעבען אין יודישען ראָט־שילד־שפּיטאָל, וואו זיי זענען, נאָכ'ן אָבמאַטערען זיך אַ וואָך אָדער צוויי, אַלע אויסגעשטאָרבען. די דאָזיגע האָפנונגסלאָזע פּאַציענטען האָט מען קורירט דורך געבען זיי צו טרינקען אויל עטליכע מאָל אין טאָג, דען זייערע מאָגענס זענען שוין געווען אַזוי איינגעשרומפּען און פערדאַרט, אַז זיי האָבען איבערהויפּט נישט מעהר געקענט פערדייהען קיין שפּייז־אַרטיקעל.

לויט ווי מען שעצט אין די ווינער יודישע קרייזען, זענען פון אָנפאַנג מאָנאַט אָקטאָבער 1939 ביז מאַי 1940 אומגעקומען אינ'ם בוכענוואַלדער קאָנצענטראַציע־לאַגער אונגעפעהר דריי טויזענד עסטרייכישע יודען.

ענדע 1939 האָט די ווינער יודישע קולטוס־געמיינדע בעקומען אַ בעפעהל פון דער „געשטאַפּאָ" אַרויסצוזוכען צוויי טויזענד יודען, וועלכע וועלען פערשיקט ווערען קיין לובלין, אין פוילען, וואו די נאַצי־רעגירונג האָט געפּלאַנט צו שאַפען אַ „יודישען רעזערוואַט". עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכען אַ שאַרפער קאַמף אינערהאַלב דער ווינער יודישע קולטוס־גע־מיינדע, ווייל די מערהייט פון די יודישע פאַרשטעהער האָבען געהאַלטען, אַז די יודישע קולטוס־געמיינדע טאָר פאַר קיין פאַל נישט נעהמען אויף זיך אויסצופיהרען אַזאַ שענדליכע מיסיע. זיי האָבען געבראַכט אַלס ביישפּיעל די יודישע קולטוס־געמיינדע

אין בערלין, וועלכע האָט אויך בעקומען אַן עהנליכען בעפעהל פון דער אָרטיגער „געשטאַפּאָ”, און האָט פונדעסטוועגען פער־מאַגט דעם מוט צו ערקלערען, אַז זי וועט נישט פאָלגען דעם בעפעהל. אָבער אויסגעפיהרט האָבען די צוויי יודען, וואָס האָבען זיך אַריינבעקומען אין דער וויענער קולטוס-געמיינדע דורך פערשידענע וועגען און מיטלען און אַן וועמענס שפּיץ זיי קלאַמערען זיך ביז דעם הייננטיגען טאָג. די צוויי הערען, וואָס איינער פון זיי איז שוין זאָגאַר טיכטיג צעשלאָגען געוואָרען, אין דער געגענוואַרט פון „געשטאַפּאָ”-אַגענטען, פון די פער־ביטערטע און פערצווייפעלטע וויענער יודישע מאַסען — האָ־בען זיך געטרייסעלט פאַר שרעק צו דערצערנען דער „געשטאַ־פּאָ” און האָבען געפאָדערט מען זאָל אונבעדינגט צוזאַמענ־שטעלען אַ ליסטע פון צוויי טויזענד יודען. און אַזוי איז גע־שעהען: די „געשטאַפּאָ” האָט בעקומען מיטגעטיילט די נעמען פון צוויי טויזענד יודען, וועלכע זענען דאַן איבערגעשיקט געוואָרען קיין פּוילען אין פינף טראַנספּאָרטען. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז אָבגעגאַנגען אין אַנפאַנג יאַנואַר 1940 און דער לעצטער — אין אַפּריל פון דעם זעלבען יאָהר.

(די אַנדערע טראַנספּאָרטען מיט עסטרייכישע יודען, וואָס זענען נאָכהער געשיקט געוואָרען קיין פּוילען, זענען שוין נישט צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרען מיט דער הילף פון דער קולטוס-געמיינדע, נאָר בלויז דורך דער „געשטאַפּאָ”).

# יזכור...

דאָס זענען די נעמען פון אַ קליינעם טייל פון די עסטרייכישע יודען, וועלכע זענען אומגעקומען דורך די נאַצישע מערדער אין עסטרייך, אויפ'ן וועג קיין פוילען, אויפ'ן וועג צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערען און אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן:

אין ווין:

דירעקטאָר בער
יודעל גראָסבאָרדט (שטיין־רייבער הויז־בעזיצער)
פאַבריקאַנט חיים דערפלער
פרוי ווינשטאָק
פרוי זאָנענשיין
קאָמערציאַלראַט פיק
פאַבריקאַנט קאַטאַני
יוסף קנאָל
נחום קעסטען
זשענאַ קעסלער
קראָוז (קאַפּיטאַליסט)
פרוי קראָוז (געוואָרען אַרויס־געוואָרפען דורכ'ן פענסטער אויף דער גאַס)
מאַקס ראַביטשעק (שטאַאַטס־אַנגעשטעלטער)
ראָזענשטאָק (פון לאַקענבאַך)
ראַטקאָפּ
ווילי שמידעק (אַריינגעוואָר־פען אין דער דאַנאַו)
פרוי שמידעק (אַריינגעוואָר־פען אין דער דאַנאַו)
פרוי שרימער

אויפ'ן וועג קיין פוילען:

יצחק ווינשטאָק
אהרן לערנער

אויפ'ן וועג צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערען:

וואַלטער בראַון
נ. בוים
דר. לינענפעלד
עקיבא שרייבער
יעקב שטרוק
אימיק שאַפער

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען:

דר. אַפּפּים
י. אַפּעל
מאַקס אייזענבערג
הרב מרדכי אַראָק

הערש בוימגאָלד
פּיוועל באַרנשטיין
נ. בערגער
האַנס בונזעל
פריץ בילבער
מוני בילער
בירנבוים
בערלאַד
חיים גאַרטען
לייבעלע גלאַזער
יוסף גלאַזגאָל
געלב
געלבערט
שמואל גאָלדפלום
לייב גרינשפּאַן
אליעזר גינזבערג
י. גינזבורג
גליק
גאָלדענבערג
גערטנער
גרובער
מאַקס דייטש
אינזשיניער האַאַר
בנימין הויזנער
מ. העכט
חיים הערש העלער
ישראל הירשהאָרן
יעקב האַבער
הרב משה העשעל
פּנחס האַוזער
ראָבערט העלער
דוד האַכבערג

האַכמאַן
דוד ווײנשטאָק
שטאָר־ווילנער
יעקב וואַלדמאַן
ווייס
וויעלסקי
דר. וויזען
ווײנרעב
ווייסענבערג
עמיל וואַנג
רעסטאָראַטאָר זאַנענשיין
מאַקס זילבערבערג
מאַרקוס זים
משה זעלצער
דר. מאָריץ זאַלמאַן
שלמה טאַלער
משה טייטעלבוים
אַלטער יעגערדאָרף
ריכאַרד יאַקאָבי
(קאַפּיטאַליסט)
וואָלף לויפער
וואָלף לאַנגער (שוחט)
לייזעראָוויטש
דר. לונענבערג
דר. לעווי
לאַזאַרוס
דוד לאַנדעסבוים
ש. לעוויט
מ. לעווינגער
יעקב ליינער
ב. ליפּטשע
אַטאַ מאַס

משה מינצער
אפרים מענש
מאנדעל
בעריש מייזעלס
הרב אברהם מערקער
פאול מארגאן (שווישפילער)
יעקב ניימאן
אלבערט סאבעל
עהרענבערג
ענטנער
אדוואקאט עהרליך
הערשעל פרעמינגער
פסח פייט
מאיר פרעהליך
ארנאלד פיוועל
פיכלער
פליישער
ל. פערבער
דוד פרידמאן
יצחק צוקערבערג
שלום קאפעלער
קעסטענבוים
קעסטענבוים
(צוויי ברידער*)
משה קראמער
קראקאווער
הענעך קויפמאן
אדוואקאט קערנער

הערש קאנער
יוסף קאפעל
קייזער
ב. קערן
ווילי קאינץ
שלמה קאנדעל
יוסף קופערבערג
שלמה קראסהאאר
קאלמאנאוויטש
מ. ראזנער
חיים ראזענקראנץ
הרב מרדכי ראזען
שמואל ראזען
ראכווארגער
רובינשטיין
ראזענבערג
ראט
אלעקסאנדער ראזענקראנץ
אסיע ריכטער
יוסף רייזער
אסוואלד ריכטער
יוליוס שרייבער
אברהם שרייבער
(זיינע צוויי זיהן):
משה שרייבער
הייני שרייבער
דר. פאול שטראסער
שילער

*) ווענען די צוויי ברידער קעסטענבוים (געבוירען אין פוילען) איז אנגעקומען א „געמיינזאמע מעלדונג", אז זיי זענען „געשטארבען" אין בוכענוואלד און זייער אש געפינט זיך אין מינכען.

| | |
|---|---|
| שמואלזאן | נ. שטיין |
| נחום שפאלטער | נחמן שולמאן |
| נחום שפערבער | שעהנבערג |
| דר. הוגא שפערבער | ש. שטיינבעק |
| ישראל שעכטער (עדות ביים ווינער ראבינאט) | פ. שעכטער |
| | מ. שטיינער |
| שווארצבערג | ב. שינדלער |
| שטרויגאלד | אליעזר שטערן |
| שווארץ | חיים לייב שויב |
| שמואל שטאלצבערג | |

⁂

וד׳ יפקוד ברחמים החסידים והישרים והתמימים, קהלות הקודש שמסרו נפשם על קדושת־השם. יזכרם אלוקינו לטובה וינקום לעינינו נקמת דם עבדיו השפוך! . . .

## „האַט רחמנות! שיסט נישט!״ . . .

(צו דעם מערטירער־טויט פון מיינעם א פריינד אין א נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגער)

א פּאַרמער־פּרוי און איהר 14־יעהריגער זוהן פון א דאָרף אין זיד־ענגלאַנד האָבען געפאַנגען א נאַצי־פּילאָט, וואָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט מיט דער הילף פון א פּאַראַשוט, ווען זיין גרויסער „דאָרניער״־עראָפּלאַן האָט אַרונטערגעקראַכט אויף א פעלד נישט ווייט פון פאַרם.

ווען די פּאַרמער־פּרוי און איהר זוהן האָבען זיך דער־נעהנטערט צום נאַצי־פּילאָט, האָט ער גענומען שרייען: „האָט רחמנות! האָט רחמנות! שיסט נישט!״ . . .

די פרוי האָט דאַן געבראַכט דעם פערוואונדעטען נאַצי־פּילאָט צו זיך אהיים; זי האָט איהם געגעבען טהעע און שפּייז, און איהם שפּעטער איבערגעגעבען צו די ענגלישע סאָל־דאַטען, וועלכע האָבען גלייכצייטיג אַרעסטירט די אנדערע צוויי נאַצים, וועלכע זענען אויך אַרונטערגעפאַלען מיט דעם זעלבען עראָפּלאַן.

(פון די קריעגס־בעריכטען אין דער פּרעסע).

עס איז נישט געווען קיין איין יודישער מענש אין צווייטען בעצירק פון וויען, וואָס זאָל נישט קענען „מרדכי׳לע דעם רו־זשאַנער׳ס״. אַלע האָבען איהם געקענט און זיך בעצויגען צו איהם מיט אַכטונג און סימפּאַטיע, ווייל אָט דער „מרדכי׳לע דעם רוזשאַנער׳ס״ האָט — טראָצדעם וואָס ער איז נאָך געווען זעהר יונג — אין זיך פערקערפּערט איינע פון די מערקווירדיג־סטע און אינטערעסאַנטעסטע פיגורען, וואָס דאָס אַמאָליגע אָנגעזעהענע וויענער יודענטום האָט פערמאָגט.

אָבער ווער איז געווען דער „מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס"? און מיט וואָס האָט ער זיך אַזעלכעס אויסגעצייכענט?

„מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס" איז געווען אַ זוהן פון דעם בעקאַנטען גאון רבי פישעל אַראַק ז"ל, וועלכער האָט ביז צום אויסברוך פונ'ם ערשטען וועלט־קריעג פערנומען דאָס כסא־הרבנות אין דעם גאַליצישען שטעדטעל רוזשאַן, און וועלכער איז געווען אַ ברודער פון דעם בעריהמטען וועלט־גאון און טורנער רב, רבי מאיר אַראַק ז"ל.

אין יאָהר 1914, באַלד ווי דער ערשטער וועלט־קריעג איז אויסגעבראָכען און ווען צעהנדליגער טויזענדער יודען פון גאַ־ליציען זענען אַנטלאָפען קיין וויען — האָט זיך צווישען זיי אויך געפונען דער רוזשאַנער רב מיט זיין פאַמיליע.

אָנקומענדיג אין וויען האָט זיך דער רוזשאַנער רב בעזעצט אין איינעם פון די דאָרטיגע יודישע קוואַרטאַלען, וואו ער איז, אַ דאַנק זיין גאונות און צדקות, שנעל געוואָרען פאָ־פולער צווישען די ברייטע יודישע מאַסען.

עס איז אָבער נישט בעשערט געווען דער דאָזיגער רבני־שער פאַמיליע צו האָבען רוה. עטליכע יאָהר נאָכדעם, ווי דער וועלט־קריעג האָט זיך געענדיגט, איז רבי פישעל אַוועק פון דער וועלט, איבערלאָזענדיג אַ מיטעל־יעהריגע אַלמנה און עט־ליכע יונגע זיהן, פון וועלכע דער יונגסטער, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 15 יאָהר, האָט געהייסען מרדכי'לע.

די זיהן זענען אַלע געווען גרויסע תלמידי־חכמים און יראים; אָבער דער יונגער מרדכי'לע איז זיי אַלעמען איבער־שטיגען אין תורה און יראת־שמים. שוין צו 16 יאָהר האָט מרדכי'לע — ווּעמען אַלע יודען פון די יודישע קוואַרטאַלען אין וויען האָבען גערופען „מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס" — שוין געהאַט אַ רוהם אַלס עילוי. אין דער הערמינען־גאַס, פון צווייטען בעצירק, האָט זיך געפונען דאָס „סאַדיגורער בית־המדרש", וואו ר' מרדכי'לע פלעגט אימער זיצען על התורה

ועל העבודה. עס איז גאָר נישט געווען קיין גרעניץ צו זיין התמדה אין לערנען. געוועהנליך זענען זאָגאר די פרומסטע לערנער זיך מתיר צו אונטערברעכען דאָס לערנען אין אַן ערב שבת אָדער ערב יום־טוב, ווייל זיי זענען דעמאָלט בעשעפטיגט מיט אַ צווייטער מצוה — אין צוגרייטען דעם שבת אָדער יום־טוב. אָבער „מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס" האָט קיינמאָל נישט געמאַכט וועלכען עס איז אויסנאַהם, אַז ער זאָל זיך ערלויבען מפסיק צו זיין פון לערנען. פאַר איהם האָבען נישט עקזיסטירט קיינע „ערב'ס" פון שבתים אָדער ימים־טובים. מען האָט איהם געקענט טרעפען אינ'ם שטיבעל פונ'ם „סאַדיגורער בית־המדרש", זיצענדיג געבויגען איבער דער גמרא און פערטיעפט אין אַ האַרבער סוגיא — זאָגאַר ערב־פּסח אין דער פריה, ווען אין אַלע פרומע יודישע הייזער איז מען שטאַרק פערנומען מיט'ן מבער זיין דאָס לעצטע ביסעל חמץ.

ווען איך האָב איהם איינמאָל, אין אַ שמחת־תורה בייטאָג, געפרעגט פאַרוואָס ער געהט נישט אַריין אין גרויסען זאַאל פון בית־המדרש צו בעטייליגען זיך אין דער „שמחה של מצוה", בעמערקענדיג דערביי, אַז גראָד ער איז דאָך בערעכטיגט צו טרינקען וויין און טאַנצען אין אַזאַ טאָג — האָט ער מיר גע־ענטפערט מיט אַ שמייכעל, אַז ער „האָט נישט קיין צייט פאַר די זאַכען" . . .

אין די לעצטע יאָהרען, פאַר דער פערניכטונג פון דעם זעלבסטשטענדיגען עסטרייך, האָט מרדכי'לע געליטען גרויס נויט; ער האָט איינפאַך געליטען הונגער און נישט געהאַט אויף זיך קיין לייטישען בגד. טראָצדעם האָט מען איהם שטענ־דיג געטראָפען אַ לוסטיגען, אַ שמייכעלדיגען און אַן אויפגע־לעגטען, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געהערט נאָר צו איהם. דער מענש האָט זיך קיינמאָל נישט בעקלאָגט אויף זיין שווערען גורל; ער איז געווען מעהר ווי אַ „מסתפק במועט", מעהר ווי אַ בעשיידענער מענש. ווען איך האָב איינמאָל פּרובירט —

אויף אַן אונדירעקטען וועג — אנבאָטען איהם הילף, האָט ער זיך דערפון געפיהלט ווי בעליידיגט און אַ זאָג געטהון:

— איך דאַנק דיר. אָבער איך ברויך גאָר נישט האָבען, אויסער צייטענווייז עטליכע יודישע צייטונגען צום לעזען . . .

אין די וויענער לומדים'שע קרייזען האָט „מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס” געהאַט אַ נאָמען אַלס אַ „לעבענדיגע תלמוד'ישע ענציקלאָפּעדיע”. עס האָט קיינמאָל נישט פּאַסירט, אז מען זאָל איהם פרעגען וועגען וועלכער עס איז הלכה, מאמר אָדער פּלוגתא אין דער גמרא און ער זאָל נישט, גלייך אויפ'ן אָרט, זאָגען מיט אַ שטוינענדער גענויקייט, וואו אַלעס ווערט בע־האַנדעלט.

⁂

„מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס” איז געווען איינער פון די יעניגע אונגליקליכע יודען אין ווין, אויף וועלכע די נאַצי־באַרבאַרען האָבען זיך בעזונדערס אָנגעזעצט און זיי געמאַ־טערט. נישט איינמאָל האָט מען איהם געצוואונגען צו וואַשען מיט די שפּיץ־פינגער פון די הענד די שטיינער פון די גאַסען, אָדער צו מאַכען „גימנאַסטישע איבונגען” פאַר דער צופרי־דענהייט פון דעם ווילדען מאָב. נאָר מרדכי'לע האָט דאָס אַלעס געדולדיג אויסגעהאַלטען און געהאָפט אויף דעם גליקליכען טאָג, ווען ער וועט בעקומען די מעגליכקייט אַרויסצורייסען זיך פון דעם שווידערליכען נאַצי־וויען.

ביז דעם היינטיגען טאָג קען איך מיר נאָך אַלץ נישט ערקלערען דאָס מאָדנע רעטעניש. אין דער ערשטער העלפט פון יאָהר 1939 האָב איך מיך אויפגעהאַלטען אין ענגלאַנד, און איך האָב געזעהען ווי עס איז דאָרט פלייסיג געאַרבייט געוואָרען צו רעטען מרדכי'לע פון ווין און צו ברענגען איהם קיין לאָנדאָן. פּיעלע פּראָמינענטע לאָנדאָנער יודען האָבען זיך

וועגען דעם גאָר שטאַרק בעמיהט. אויף יעדער ליסטע מיט וויענער רבנים אָדער רעליגיעזע לעהרער, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרען אין ענגלישען „האָום-אָפּיס" (אינערן-מיניסטעריום) מיט דער ביטע, מען זאָל פאַר זיי בעוויליגען די וויזעס קיין ענגלאַנד, האָט זיך נאָכאַנאַנד געפונען דער נאָמען: „ראַבּיי מרדכי אַראָק, 29 יאָהר אַלט, וואוינאָרט: וויען". אָבער יעדע ליסטע פלעגט צוריקקומען אַלס בעשטעטיגטע און מיט בעוויליגטע וויזעס פאַר אַלע רבנים אָדער רעליגיעזע לעהרער, מיט דעם איינציגען אויסנאַהם פאַר איהם, מרדכי'לע; ווי עפּעס אַ געהיימע מיסטישע קראַפט וואָלט געגען איהם געאַרבייט און געווירקט! ווי יעמאַנד וואָלט געווען פּעראינטערעסירט אין דעם, אַז ער זאָל אונבעדינגט ווייטער בלייבען ביי די נאַצים . . .

דערווייל איז אין סעפּטעמבער 1939 אויסגעבראָכען דער קריעג פון נאַצי-דייטשלאַנד געגען ענגלאַנד, פראַנקרייך און פּוילען און עס האָבען זיך דערפאַר אויטאָמאַטיש אויפגעהערט אַלע בעמיהונגען אַרויסצונעהמען מרדכי'לע פון וויען. צו דער זעלבער צייט האָט די „געשטאַפּאָ" גענומען דורכפיהרען מאַסענהאַפטע אַרעסטען צווישען אַלע פּוילישע יודען אין וויען, פערשיקענדיג זיי אין דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער פון בוכענוואַלד.

צווישען די אַרעסטירטע און פערשיקטע יודען האָט זיך אויך געפונען „מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס", פאַר וועמען עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די ריכטיגע אינקוויזיציע. די נאַצי-אויסוואורפען אין בוכענוואַלד האָבען איהם געפּייניגט מיט אַ בעזונדערען סאַדיסטישען פערגעניגען. ער האָט געמוזט טהון די אונערטרעגליכסטע און אונמעגליכסטע אַרבייטען. נישט איינמאָל איז ער צוזאַמענגעבראָכען און געפאַלען אין אָהנמאַכט אונטער דער שווערער לאַסט פון דער אַרבייט. אין ווינטער

האָט מען איהם געצוואונגען אַרומצוגעהען אויפ'ן פרייען פעלד אין איין העמד. דערביי פלעגען זיך די נאַצישע גאַסען־יונגען ווּיצלען און לוסטיג מאַכען, צווינגענדיג איהם צו מאַכען פער־שידענע „קונסט־שטיק”...

איינמאָל איז מרדכי'לע בעשטראָפט געוואָרען צו בלייבען אָהן וואַסער. מיט וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך „פערזינדיגט” — איז נישט בעקאַנט. אין אַ געוויסען מאָמענט האָט איהם אַ נאַצי אַוועקגעפיהרט אויף אַ פּלאַץ, צו טהון דאָרט אַן אַרבייט. אין אַ ווינקעל פון יענעם פּלאַץ האָט זיך „צופעליג” געפונען אַ פאַס מיט וואַסער. אַלע ווייַלע האָט מרדכי'לע געוואָרפען זיינע פערשמאַכטע בליקען, וואו עס איז געשטאַנען דאָס פאַס מיט וואַסער. אָבער ער האָט זיך נישט דערוואַגט אַהינצוגעהען צו לעשען זיין ברענענדען דורשט. ער האָט געוואוסט, וואָס עס הייסט אַ נאַצי־„פעראָרדנונג”!

פאַרנאַכט האָט דער נאַצי געזאָגט צו מרדכי'לע, אַז ער געהט אַוועק אויף אַ האַלבע שטונדע. ווען דער נאַצי איז אַוועק, האָט מרדכי'לע דערשפירט, אַז ער קען שוין מעהר נישט אויסהאַלטען; אויב ער וועט נישט זאָפאָרט נעהמען אַ שלוק וואַסער — וועט ער אומקומען אַט־אָ־דאָ אין מיטען פעלד, און ער האָט זיך גענומען דערנעהנטערען צום אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דאָס פאַס מיט וואַסער, אָבער אין דעם אויגענבליק האָט זיך דער נאַצי „פּלוצלינג” בעוויזען.

— פערפלוכטער יוד, — האָט ער גענומען שרייען צו מרדכי'לען — ווייסטו דען נישט, אַז עס איז דיר פערבאָטען דאָרט אַהינצוגעהען?! שטעה גלייך און איך וועל דיך דער־שיסען ווי אַ הונד!

מרדכי'לע האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענד צום נאַצי און זיך געבעטען: „האָב רחמנות... איך בעט, האָב רחמנות...

איך האָב שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען די פיין פון דורשט . . . איך האָב דאָך יעדענפאַלס נישט געטרונקען . . . האָב רחמנות, דערשיס מיך נישט!" . . .

א טייוולאָניש הילכיג געלעכטער האָט אָבגעקלינגען אין מיטען פעלד; באַלד נאָכדעם — עטליכע קנאַלען פון א ביקס און „מרדכי'לע דעם רוזשאַנער'ס" — האָט זיך שוין מעהר נישט געפונען צווישען די לעבענדיגע! . . .

# אין פערלויף פון דריי יאָהר

## (דער טראַגישער בילאַנס)

צוויי הונדערט טויזענד יודען זענען געווען פעררעגיסטרירט אין דער וויענער יודישע קולטוס-געמיינדע (קהלה), און צוואַנציג טויזענד יודען זענען געווען פעררעגיסטרירט אין די קולטוס-געמיינדעס וואָס אויף דער פראָווינץ. וויל מען נאָך צורעכענען די יעניגע יודען, וועלכע זענען געשטאַנען אויסערהאַלב די קולטוס-געמיינדעס, אַלזאָ, די „ארויסגעטרעטענע" און פון די „געמישטע" חתונות, דאַן האָט די צאָהל מיטגליעדער פון עסטרייכישען יודענטום דערגרייכט קנאַפע דריי הונדערט טויזענד.

און שעהן, רוהיג און אידיליש איז זיך געלאָפען דאָס טאָג-טעגליכע לעבען ביי די דאָזיגע יודען. יעדע ריכטונג, שיכט און קלאַס פאַר זיך און אַלע צוזאַמען האָבען אונערמידליך געליימט, געווירקט און געשאַפען פאַר דער גוזאַמטער יודישער געמיינשאַפט אויף אַלע געביטען פון לעבען.

דאָס יודישע וויען האָט פערמאָגט קולטור-מענשען פון וועלט-פערנעהם. עס האָבען דאָרט געלעבט בעריהמטע יודישע געלערענטע, וויסענשאַפטלער, מעדיצינער, דיכטער, זשורנאַ-ליסטען, שריפטשטעלער און קינסטלער. דאָס יודישע וויען איז געווען רייך אין אַ נעץ פון אונצעהליגע קולטור-אינסטיטו-ציעס, שולען (יודישע און העברעאישע, וועלטליכע און רעלי-גיעזע), ערציהונגס-אנשטאַלטען, פאָלקס-ביבליאָטעקען און דעם-גלייכען. עס זענען אויך דאָרט געווען צוויי יודישע טעאַטערס, אין וועלכע עס האָבען מיטגעווירקט איבער דרייסיג קינסטלער און קינסטלערינס, און טראַצדעם וואָס עס איז לעצטענס נישט מעהר ערשינען אין וויען קיין צייטונג אין דער יודישער שפּראַך,

פונדעסטוועגען האָט זיך דאָרט געפונען אַ צאָהלרייכער לעזער-קרייז פון דער געזאַמטער יודישער פּרעסע און פון יודישען בוך. די יודישע און העברעאישע צייטונגען פון אַלע לענדער אין דער וועלט האָבען געהאַט אין וויען אַ טיראַזש פון טויזענדער עקזעמפּלאַרען טעגליך. איהר האָט אויך אין אַלע בעסערע קאַפע-הייזער געקענט געפונען אויפגעלעגט די יודישע און העברעאישע צייטונגען פון ארץ-ישראל, אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַרגענטיניען, פּוילען, לעטלאַנד און ליטע.

עס האָבען אין וויען עקזיסטירט פערבאַנדען פון יודישע אַדוואָקאַטען, דאָקטוירים, אינזשעניערען, זשורנאַליסטען, קינסטלער, אַרטיסטען, פּערלענגער, כעמיקער, אַרכיטעקטאָרען, אַקאַדעמיקער און ספּאָרטלער. עס האָבען אין וויען עקזיסטירט פיעלע ציוניסטישע פעראייניגען, פון רעכטס און לינקס; אַ „פערבאַנד פון ווערקטעטיגע יודען" און אויך אַ רעליגיעזע יוגענד-גרופּע. אַרום די אַלע פעראיינען האָבען זיך קאָנצענטרירט איבער צוואַנציג טויזענד מיטגליעדער פון דער יודישער יוגענד, פון מענליכען און פון וועיבליכען געשלעכט. דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַל-בעוואוסטזיניגע יוגענד, וועלכע האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר אַלע יודישע פראַגען און פּראָבלעמען, און וועלכע איז אויך געווען טעטיג אויף אַלע געביטען פונ׳ם יודישען פאָלקס-לעבען, סיי פּאָליטיש, סיי קולטורעל און סיי געזעלשאַפטליך.

און איז דען נאָך נויטיג צו דערמאָנען, אַז וויען איז דאָס וויגעלע פונ׳ם פּאָליטישען ציוניזם? האָט דאָך דאָרט געלעבט דער שעפּפער און בעגרינדער פון דער פּאָליטיש-ציוניסטישער בעוועגונג, — דר. טעאָדאָר הערצל! דאָרט האָט ער דאָך אויסגעטרוימט זיין אידעע וועגען אַן אייגענער נאַציאָנאַלער-היים פאַר׳ן אייביג-געפּלאָגטען יודישען פאָלק!

אין גאַנץ עסטרייך האָבען זיך געפונען אונגעפעהר צוואַנציג טויזענד יודישע געשעפטס-אונטערנעהמונגען. אויסער דעם

פיעלע יודישע פאַבריקען און קרעדיט־אינסטיטוציעס; צעהן טויזענד יודישע האַנדווערקער־וואַרשטאַטען; צוויי טויזענד און זעקס הונדערט יודישע דאָקטוירים, דאָצענטען און פּראָפעסאָרען; צוויי טויזענד יודישע אַדוואָקאַטען און אַכט הונדערט יודישע אינזשעניערען.

עס זענען אין עסטרייך ערשינען פיערציג דייטשע טאָג־צייטונגען, אין וועלכע עס האָבען מיטגעאַרבייט הונדערטער יודען. אויסער דעם האָבען דאָרט געלעבט איבער דרייסיג יו־דישע שרייבער, וואָס זענען געווען מיטאַרבייטער פון דער יודישער און העברעאישער פּרעסע אין דער גאַנצער וועלט.

די יודישע קולטוס־געמיינדעס האָבען געהאַט צוזאַמען זעכציג טויזענד שטייער־צאָהלער.

מען שעצט דאָס געזאַמטע פערמעגען פונ׳ם עסטרייכישען יודענטום פון פאַר דער נאַצישער אַנעקסיע אויף אַנדערטהאַלבען מיליאַרד אַמעריקאַנער דאָלאַר.

זעלטען צו טרעפען נאָך אַזאַ שטאָדט, וואו עס זאָל ווערען אַזוי פיעל געלייסטעט אויפ׳ן סאָציאַלען און פילאַנטראָפּישען געביט, ווי דאָס איז געווען אין וויען. קיין וויען, וועלכע איז פריהער געווען די „מעקאַ פון דער מעדיצין", האָבען אימער געצויגען מאַסען ליידענדע און הילפס־בעדערפטיגע יודען פון אַלע עקען פון אָסט־איירָאָפּע. דער גרעסטער טייל איז געקומען מיט לעדיגע הענד, אָבער די וויענער יודען האָבען זיי אָקעגען געטראָגען הילף בסבר פנים יפות — מיט דער שעהנסטער פריינדשאַפט.

היינט ליגט דאָס עסטרייכישע יודענטום צעטרעטען און פערניכטעט. מען קען שוין וועגען איהם רעדען אין דער שפּראַך פון פערגאַנגענהייט; עס איז געווען אַן עסטרייכיש יודענטום, אָבער היינט עקזיסטירט עס נישט מעהר. פון מערץ 1938, ווען נאַצי־דייטשלאַנד האָט אַנעקסירט עסטרייך, ביז אָנפאַנג יאַנואַר 1941 (ווען דאָס בוך ווערט אָבגעשלאָסען), האָבען

הונדערט און אַכציג טויזענד יודען עמיגרירט פון עסטרייך. אויסער דעם זענען אין פערלויף פון יאָהר 1939 אַרויסגענומען געוואָרען פון דאָרט נאָך קנאַפּע פינף טויזענד קליינע יודישע קינדער, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרען קיין האָלאַנד און ענגלאַנד (אַ געוויסע צאָהל אויך קיין ארץ־ישראל), וואו זיי זענען ענטוועדער אַדאָפּטירט געוואָרען פון יודישע און נישט־יודישע פאַמיליען, אָדער מען האָט זיי אַריינגעגעבען אין ספּע־ציעלע קינדער־היימען.

נישט ווייניגער פון אַכט טויזענד עסטרייכישע יודען זענען ערמאָרדעט געוואָרען (צוויי טויזענד אין עסטרייך גופא און זעקס טויזענד אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען). צוויי טויזענד יודען זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אייביגע קריפּעלס, דורך דעם וואָס מען האָט זיי אויסגעשלאָגען די אויגען, צע־בראָכען הענד און פיס, אָדער זיי האָבען בעקומען פערפרוירענע הענד, פיס און אויערען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען. פינף טויזענד עסטרייכישע יודען זענען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, דע־רונטער זעכצעהן הונדערט פרויען און צוויי הונדערט קינדער, אין עלטער פון איין מאָנאַט ביז דרייצעהן יאָהר, וועלכע זענען דורך די פערצווייפעלטע עלטערען מיטגענומען געוואָרען אין טויט. זעקס טויזענד יודען זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען קיין פוילען און צעהן טויזענד זענען אויסגעשטאָרבען אין עסטרייך, אין פערלויף פון די קנאַפּע דריי יאָהר פון נאַצי־רעזשים, מיט אַ „נאַטירליכען" טויט.

וועגען טויזענד עסטרייכישע יודען, דערונטער זעקס הונ־דערט פערהייראַטע, ווייסט מען איבערהויפּט נישט וואו זיי זענען אהינגעקומען און עס דראָהט די געפאַהר, דאָס זייערע פרויען זאָלען בלייבען אייביגע עגונות.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען פון דאַכאַו, בוכענוואַלד און זאַקסענהאַוזען זענען נאָך היינט אינטערנירט מאַסען עסט־רייכישע יודען. אָפטמאָל ווערען די אונגליקליכע אַזוי לאַנג

געמאַטערט ביז זיי זענען זיך מודה אין פערברעכענס, וואָס זיי זענען קיינמאָל נישט בעגאַנגען.

די יודישע וויסענשאַפטלער און געלערענטע זענען געוואָרען פערטריבען, ערמאָרדעט, אָדער זיי האָבען זיך אַליין אומגע־בראַכט. די יודישע זשורנאַליסטען האָבען זיך גערעטעט דורך אַנטלויפען אין פערשידענע לענדער פון דער וועלט. די פיהרער פון די יודישע פאַרטייען זענען ענטוועדער אַנטלאָפען אָדער מען האָט זיי פערשפאַרט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען און פערפייניגט צום טויט.

אַלע יודישע געשעפטס־אונטערנעהמונגען און האַנדווער־קער־וואַרשטאַטען אין עסטרייך זענען ענטוועדער „אַריזירט" אָדער גענצליך פאַגראָמירט געוואָרען, און עס געפינט זיך היינט דאָרט קיין יודיש געשעפט. אַכציג פּראָצענט פון די יעניגע יודישע געשעפטען וואָס זענען איבערגעגאַנגען אין „אַרישע" הענד האָבען זיך באַלד געשלאָסען. די נייע בעלי־בתים האָבען אויספערקויפט די סחורות, איינגעטיילט זיך מיט דעם רויב און זיך ערקלערט באַנקראָט. די נאַצי־רעגירונג האָט אייגענטליך דערפאַר פערשיקט הונדערטער „אַרישע קאָמי־סאַרען" אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען, אָבער וויען, ווי גאַנץ עסטרייך אין אַלגעמיין, איז יעדענפאַלס פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בית־עולם. דער האַנדעל איז דאָרט גענצליך אָבגע־שטאָרבען.

פון די זעכציג טויזענד יודישע וואוינונגען אין עסטרייך זענען נייניציג פּראָצענט טאָטאַל אויסגעפּלינדערט געוואָרען.

אַלע סינאַגאָגען, שוהלען און בתי־מדרשים אין עסטרייך זענען צוערשט געוואָרען אויסגעפּלינדערט און נאָכהער פער־ברענט, און עס געפינט זיך היינט נישט מעהר דאָרט קיין שוהל אָדער בית־המדרש צום דאַווענען. אַלע יודישע אינסטי־טוציעס זענען פערניכטעט געוואָרען און פון די דריי הונדערט

יודישע קאַפע-הייזער איז קיין איינס נישט געבליבען אין יודישע הענד.

פון די הונדערט יודישע דאָקטוירים, וואָס געפינען זיך נאָך היינט אין וויען, האָבען נאָר צוואַנציג דאָס רעכט צו פראַקטיצירען; פערשטעהט זיך, אַז נאָר צווישען יודען. זיי טראָגען אָבער נישט דעם טיטעל: דאָקטאָר, נאָר „קראַנקען-בעהאַנדלער". דאַגעגען געפינט זיך אויף דער פּראָווינץ, אין דער שטאָדט לינץ, אַן אַלטער יודישער דאָקטאָר, מיט דעם נאָמען בלאָך — דער איינציגער יוד אויף דער גאַנצער עסט-רייכישער פּראָווינץ — וועמען עס איז יאָ ערלויבט צו טראָגען דעם טיטעל: דאָקטאָר, און וועמען עס איז אויך ערלויבט צו פראַקטיצירען צווישען „אַריער". דר. בלאָך איז נעמליך אַמאָל געווען דער הויז-אַרצט פון היטלער'ס מוטער . . .

ביים היינטיגען טאָג געפינען זיך נאָך אין וויען פיערציג טויזענד יודען, דערפון צוויי דריטעל פרויען. זיי זענען אַלע נאָך מיט אַ צייט צוריק עוואַקואירט געוואָרען פון זייערע פרי-הערדיגע וואוינונגען. דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז זיי וואוינען יעצט אין אַלטע, צעבראָכענע הייזער, אין דעם אָרעמסטען טייל פון דער שטאָדט און זיי שטיקען זיך צו פיער און פינף פאַמיליען אין איין ענגער וואוינונג.

יעדענפאַלס זענען דאָס מעהרסטענטייל אַלטע לייט, קאַ-ליקעס, קריפּעלס, קראַנקע, פערצווייפעלטע, קאַנדידאַטען פאַר'ן מלאך המות אָדער פאַר זעלבסטמאָרד. די דאָזיגע פיערציג טויזענד יודען געפינען זיך שוין אין לעצטען סטאַדיום פון צו-שטויבונג, פערשווינדונג און פערלענדונג. זיי זענען פערבליבען אין וויען (די עסטרייכישע פּראָווינץ איז, ווי בעטאָנט, שוין לאַנג „ריין" פון יודען), וואָס די נאַצים האָבען פערוואַנדעלט אין אַ גיהנום, ווייל זיי האָבען נישט געהאַט די מעגליכקייט צו עמיגרירען פון דאָרט. זיי זענען, אַזוי צו זאָגען, פעראור-טיילט צו אַ לאַנגזאַמען אָבער זיכערען טויט . . .

אָבער אויך דער „שארית-ישראל", די עטליכע צעהנדליג טויזענד יודען, וועלכע זענען געבליבען פון דעם גאַנצען עסטרייכישען יודענטום — וואָס איז ערשט מיט דריי יאָהר צוריק געווען אין אַ פרעכטיגען בליהענדען צושטאַנד — זענען ווייטער אונטערוואָרפען פערשידענע אונמענשליכע געזעצען. אַ היבשע פּאָר טויזענד מענער און פרויען פון דער יעצטיגער יודישער בעפעלקערונג אין וויען זענען גענומען געוואָרען אויף צוואַנגס-אַרבייט און זיי אַרביימען ווי שקלאַפען פאַר אַ הונגער-לוין. עס איז די יודען אין וויען שטרענג פערבאָטען צו בעזוכען טעאַטערם, פּאַרקס און עפענטליכע בעדער. קליינע יודישע קינדער קענען נישט אַריינקומען אין עפענטליכע שפּיעל-פּלעצער, און עס איז פּאַר יעדען יוד פערבאָטען אַרויסצוקומען אויף דער גאַס נאָך זיבען אוהר אין אָוועגד.

גלייכצייטיג איז אויך פערבאָטען פאַר די יודען אין וויען צו קויפען פאַר זיך קליידער אָדער שיך.

ביים היינטיגען טאָג הערשט אין גאַנץ נאַצי-עסטרייך אַן אונגעהויערער מאַנגעל אין לייוועגט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז זעהר כאַראַקטעריסטיש דער פערבאָט, וואָס די נאַצי-מאַכט האָט אַרויסגעגעבען פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין וויען צו בענוצען ליינטיכער אָדער אַנדערע לייוועגטענע זאַכען. וואָס אַנבעלאַנגט די בעערדיגונג פון די יודישע מתים אין וויען, אַזוי ווערען זיי יעצט בעערדיגט — אַנשטאָט אין תכריכים — אין זייערע אַלטע העמדער . . .

אַכציג פּראָצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין וויען לעבען נאָר פון די יודישע פאָלקס-קיכען, וואו ער ווערט געשפּייזט איין מאָל אין טאָג, און וועלכע עקזיסטירען נאָר פון די פינאַנציעלע-מיטלען וואָס זיי בעקומען פון די יודען אין אויסלאַנד. די איבעריגע צוואַנציג פּראָצענט יודען לעבען פון די געלד-אונטערשטיצונגען וואָס זיי בעקומען צוגעשיקט פון זיי-

ערע קרובים אין אויסלאַנד. אָבער קיין איין יוד אין וויען איז ערלויבט צו קויפען פלייש, פיש און אויבסט, אָדער מילך און שאָקאָלאַד פאַר די קליינע קינדער. זיי קענען אויך נישט קויפען קיין גרינצייג, אויסער אַז עס איז אין דעם פערהאַנען אַן איבערפלוס.

די אַלע אַנדערע נישט-פערבאָטענע שפייז-פּראָדוקטען קע־נען די יודען איינקויפען נאָר צווישען צוויי און דריי נאָכמיטאָג, ווען די מעהרסטע פּראָדוקטען זענען שוין אויספערקויפט גע־וואָרען צו „אַריער" . . .

אַט דאָס איז געוואָרען אין פערלויף פון קנאַפּע דריי יאָהר פון דעם אַמאָליגען אַזוי גלאַנצפולען און פּראָמינענטען עסטע־רייכישען יודענטום!

⁂

שלום-וואָרט :

דער האַס און וואוט פון די נאַצישע פערפאָלגונגען געגען יודען איז אין עסטרייך געוועזן פיעלפאַכיג גרויזאַמער, ווי אין דייטשלאַנד. דערצו מוז מען נאָך בעגרייפען, אַז אויך דער אָרגאַנישער ווידער־שטאַנד, וואָס די יודען אין עסטרייך זענען געוועזן אימשטאַנד צו שטעלען, איז געוועזן בעדייטענד שוואַכער פון די ווידערשטאַנדס־קרעפטען פון דייטשען יודענטום. גאַנץ איינפאַך, ווייל די ערשטע זע־נען געוועזן פיעל וועניגער אין צאָהל. און דערפאַר זענען די רעזול־טאַטען פון די פערפאָלגונגען געגען די יודען אין עסטרייך אין פערלויף פון דריי יאָהר פיעל גרוילהאַפטער, ווי די רעזולטאַטען פון די פערפאָלגונגען געגען דייטשען יודענטום אין פערלויף פון אכט יאָהר !